STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00173

# GEZAMELTE LIDER

Aaron Zeitlin

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Mary Ann Barrows Wark*
*in memory of*
*Joseph Barrows*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אהרן צייטלין

# געזאַמלטע לידער

◇

דריטער באַנד

אהרן צייטלין

# געזאַמלטע לידער

דריטער באַנד

פאַרלאַג מתנות ניו יאָרק

אַרויסגעגעבן פון
פאַרלאַג מתנות
ביים שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט

# GEZAMLTE LIDER

COLLECTED POEMS

by

Aaron Zeitlin

Copyright, 1957, by
AARON ZEITLIN
New York, N. Y.

Published by
FARLAG MATONES
22 East 17th Street
New York 3, N. Y.

266

Printed in U.S.A. by Aber Press, Inc., New York, N. Y.

דיר, רחל,

דאָס בוך צום געשאַנק

# פאָרוואָרט צום דריטן באַנד

די ערשטע צוויי בענד פון מיינע געזאַמלטע לידער זיינען אַרויס מיט צען יאָר צוריק — און אין דער הקדמה איז געווען אַן אָנזאָג, אַז ווייטערדיקע בענדער וועלן צוגעגרייט. צען יאָר צייט איז נישקשה פון אַ מהלך, נאָר אַזוי ווי עס זיינען נישטאָ, חלילה, קיין לייענער, וואָס קוקן ממש אויס אַ ניי בוך לידער, קאָן מען ממילא נישט זאָגן, אַז דער איצטיקער באַנד, דער דריטער, זאָל האָבן פאַרשפּעטיקט...

געבליבן איז מאַטעריאַל פאַר, לכל־הפחות, נאָך אַזאַ באַנד ווי דער איצטיקער. אפשר וועט מיר געראָטן אַרויסצוגעבן דעם פערטן באַנד אַ ביסל פריער ווי אין צען יאָר אַרום.

אויך דאָסמאָל קומט אַ וואַרעמער יישר־כח מיין פריינד ליפע לעהרער פון פאַרלאַג „מתנות”. ער האָט מיך דערמונטערט און איז אויף פאַרשיידענע אופנים געווען שטאַרק באַהילפיק בעתן צונויפשטעלן דעם דאָזיקן באַנד.

**
*

פאַראַן איבערגעבן דעם באַנד צום דרוק האָב איך איבערגעקוקט די פריערדיקע צוויי בענד. דער רעזולטאַט איז, אַז אין אַ באַזונדערער אָפּטיילונג צום סוף פון איצטיקן באַנד האָב איך געגעבן נייע, טיילווייז אָדער אינגאַנצן איבערגעאַרבעטע טעקסטן פון אייניקע לידער, ס׳רוב געשריבענע אין דער יוגנט (צווישן זיי: „שבתי צבי”, „מנחם בן־עמיאל” א. אַנד.), וואָס זיינען אַריין אין די ערשטע צוויי בענדער אין אַ נוסח, וואָס כ׳וואַרף איצט אָפּ. איך וויל באַמערקן, אַז איך קוק נישט אויף די פריערדיקע נוסחאות פון די עטלעכע לידער ווי אויף וואַריאַנטן אַפילו — יענע פריערדיקע נוסחאות עקזיסטירן נישט מער פאַר מיר. איך אָנערקען בלויז די פאָרם, וואָס איך האָב די דאָזיקע לידער געגעבן איצט.

נאָך אַן אָפּטיילונג צום סוף פון איצטיקן באַנד איז כולל: 1) אויסגעבעסערטע שורות אין אַ צאָל לידער פון די ערשטע צוויי בענד; 2) פרע־

ציזירטע איינצלנע ווערטער און אויסדרוקן; 3) באַמערקונגען צו די שירים. — איך בין זיכער, אַז דער אויפמערקזאַמער לייענער וועט די דאָזיקע צווי אַפּטיילונגען האָבן אינזינען.

***

מיין יוגנט־פּאָעמע „מטטרון" (דערשינען אין בוך־פאָרם אין וואַרשע, 1921) גייט אַריין אין דעם איצטיקן באַנד אין אַ ווערסיע אַ פולשטענדיק נייער, דורכאויס געענדערטער און איבערגעאַרבעטער.

די אויפגאַבע, וואָס איך האָב מיר געשטעלט ביים איבעראַרבעטן, איז געווען: איבערשרייבן די חטאת־נעורימדיקע פּאָעמע אין הסכם מיט מיין איצטיקן געשמאַק, און דאָך זאָלן פאַרהיט ווערן דער תוך און דער אַלגע־מיינער קאָלאָריט פון פריערדיקן „מטטרון".

***

ביי אונדז האָט מען מורא פאַר איבעראַרבעטן. מען ווייס נישט, אַז גראָד וואָס מער ספּאָנטאַן עס איז דער שאַפונג־פּראָצעס, מער שליף־אַר־בעט פאָדערט זיך דערנאָך. דער פּאָעטישער אימפּולס האָט אין זיך עפּעס, וואָס איז סאָמנאַמבוליש; דאָס קינסטלערישע, ווידער, איז דאָס וואַכע. דער סוד פון דעם פּערפעקטן ליד איז די גלייכגעוויכט צווישן דעם פּאָעטישן יסוד און דעם קינסטלערישן. זוכנדיק די דאָזיקע אידעאַלע גלייכוואָג האָבן פּאָעטן נישט בלויז נאָכאַנאַנד געשליפן פאַרן און נאָכן אָפּגעבן צום דרוק, נאָר האָבן אויך געשליפן פון איין אויסגאַבע צו דער צווייטער, — צי דאָס איז געווען אַ פּושקין אָדער אַ טעניסאָן אָדער אַ וואָלט וויטמאַן. געוויס, מאָדערנע אַזוי־גערופענע סורעאַליסטן (און נישט נאָר זיי) שליפן קיינמאָל נישט, וויל זיי פאַרנעמען זיך מיט אויטאָמאַטישער שרייבונג; פאַר דעם קונסט־עלעמענט איז אין אַזאַ סאָרט שרייבונג לכתחילה קיין אָרט נישטאָ און דער פּאָעטישער עלעמענט איז דאָ צו־דזשאָנגלדיק, אַז מ'זאָל אים קאָנען אַרויסזען.

ס'איז אויך פאַראַן אַ באַציאונג צום ליד אַ כראָנאָלאָגישע, אַ ליטע־ראַטור־היסטאָרישע: אַזוי ווי דאָס ליד איז אַמאָל, מיט דרייסיק, פערציק יאָר צוריק, געדרוקט געוואָרן, אַזוי מוז עס בלייבן — למען ה„געשיכטע". איז, האַלט איך, אַ פאַלשער צוגאַנג.

***

די לידער האָב איך אויך דאָסמאָל נישט „אויסגעסאָרטירט", כאָטש פּאַר־מעל האָב איך, ווי דער שטייגער איז, איינגעפירט אָפּטיילונגען. דער אמת איז, אַז סיי אין דעם איצטיקן באַנד, סיי אין די פריערדיקע צוויי, זיינען אַלע לידער — „לידער אָן אַ סדר" (ווי עס הייסט נישט אומזיסט אַן אָפּטיילונג אין אַלע דריי בענד). אויף איין און דעמזעלבן זייטל קאָן איצט, פּונקט ווי פריער, זיך טרעפן אַ ליד, געשריבן נישט לאַנג צוריק, מיט אַ ליד, וואָס איז אַלט דרייסיק יאָר און מער; דערבו ווערן די דאַטעס נישט אומעטום אַנגעגעבן. דאָסזעלבע — נישט נאָר כראָנאָלאָגיש, נאָר אויך אינהאַלטלעך. אַ ליד פון גאָט־פאַרלירן געפינט זיך אין דירעקטער שכנות מיט אַ ליד פון גאָט־געפינען. איז פאַראַן אין דעם אַ כוונה? יאָ. די כוונה איז אַ טאָפּלטע. ערשטנס, ללמדך, אַז ס'איז נישטאָ קיין „מוקדם ומאוחר" אין לידער: אַ ליד, קליין צי גרויס, אַלט צי ניי, דאַרף קאָנען „לעבן" פאַר זיך אַליין, סיידן עס האַנדלט זיך וועגן לידער, וואָס זיינען לכתחילה נישט מער ווי טיילן פון עפּעס אַ קאָמפּאָזיציאָנעלער גאַנצקייט. דער גייסט, וואָס בינדט די לידער צונויף, נישט געקוקט אויף אַלע אַבדערשקייטן צווישן זיי, וועט שוין פון זיך אַליין אַרויסשווימען.

דאָס — ערשטנס. צווייטנס (בקצור נמרץ איז שוין אויף דעם מרומז געוואָרן אין דער הקדמה צום ערשטן באַנד) — מיט דעם, וואָס איך האָב די אַרויפן און אַראָפּן, עקסטאַזן און פאַרצווייפלונגען, קשיות און ענטפערס, פינצטערנישן און אויפלייכטונגען פון מיין ליד נישט אויסגעסאָרטירט, נישט אויסגעשטעלט באַזונדער, נאָר, פאַרקערט, פריי אויסגעמישט, בין איך אויסן אַט וואָס. כ'האָב געוואָלט דערמיט אָנדייטן, אַז בכלל איז די רעליגיעזע איבערלעבונג (און זי איז, גלויב איך, כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ סך, אפשר פאַרן רוב פון די לידער) נישט — ווי עס מיינט די גאַס — עפּעס אַ שלאַף־פּיל צום באַרואיקן, אַ „פרומע" האַרמאָנישע פאַרטיקייט, נאָר אַ פּראָצעס: אַ פּראָצעס פון כסדרדיקן, אָנאויפהערדיקן גאָט־געפינען און גאָט־פאַרלירן, אַ פּראָצעס, וואו וואונדער און אומגליק טרעפן זיך און קוקן זיך אָן פון דער נאָענט. אָן דעם צושטאַנד פון צווישן גאָט און גרויל קאָן איך מיר די רעליגיעזע איבערלעבונג — איך רייד וועגן איבערלעבונג — בכלל נישט פאָרשטעלן. דורכקוקנדיק די לידער באַמערק איך, אַז עס האָבן זיי פון תמיד אָן באַגלייט ביידע: יאוש און אמונה, און נישט נאָר באַגלייט: דאָס גאָט־פאַרלירן און גאָט־געפינען האָבן זיך געקאָנט צונויפטרעפן אין די שורות פון איין און דעמזעלבן ליד. דער דריטער חורבן האָט דעם פיבער

פון צווישן־גאָט־און־גרויל פאַרשאַרפט, נאָר אויך פאַר דעם האָב איך גע־האַט, גלויב איך, אַ שטיקל רעכט צו זאָגן: „ס׳איז אַ וואולקאַן דאָס גלויבן מיינס, האַראַציאָ״ (זע: „דנאָען״, פאַראַ־האַמלעטישע פערזון).

כ׳האָב אויך באַמערקט, בעתן איבערקוקן דאָ אַנומלט די לידער, אַז ס׳איז פאַראַן אין זיי אַ סך גערענגל מיטן טויט און אַז פאַרמיש דריקט זיך דאָס אויס אין דעם, וואָס דער טויט־אימאַזש נעמט אָן כלערליי צורות.

איידער איך זאָג וועגן דעם אַ פּאָר ווערטער, וויל איך אָנהויבן מיט אַ טעכנישער באַמערקונג, אַ קליינער אויסבעסערונג, ריכטיקער רעסטאַווירונג פון אַ שורה אין אַ ליד.

עס גייט וועגן שורה 2, פון אונטן גערעכנט, אין דעם „ליד פון שבתי־צבי דעם משומד צו זיין חלום מעליסעלדאַ״, צוויטער באַנד, זייט 555. אין אַ פריערדיקער ווערסיע פונעם ליד האָט זיך יענע שורה געלייענט:

עס זיצט דער טויט — אַ שוואַרצע פליג —

געדרוקט איז: „עס זיצט אַ שוואַרצע פליג / אויף אירע בריסט / און זשומעט: מיסט איז שרה, מיסט״. וואָס די שוואַרצע פליג איז — ווערט נישט אויסגעזאָגט. דער לייענער איז דאָס נישט מחויב צו טרעפן. רעס־טאַווריר איך דאָ די פריערדיקע ווערסיע (פון שורה 2 פון אונטן): עס זיצט דער טויט — אַ שוואַרצע פליג, א. א. וו.

און איך טראַכט דערביי וועגן דעם, ווי פאַרשיידן עס זיינען די גע־שטאַלטן, וואָס דער טויט איז מיר אין זיי אַקעגנגעקומען: פון אַ שוואַרצער פליג אויף די ברוסטן פון אַן אָפּגעוועלקטער פרוי ביז — אַן „אַלטן באַראָן״, וואָס „זיצט אין פאַריז אויף אַ טעראַס״ („דאָס ליד פון טויט אין פאַריזער קאַפיי־הויז״, באַנד צוויי). אַן אַנדערש מאָל (באַנד צווי, ז. 550: „געשפּרעך מיטן טויט״) איז ער „אַ לאָמער גוי — מיט אויגן וואַסער און וואָנצעס שטרוי״. אין „אַ נייער דף״ (זייט 547) איז ער דער דריטער צווישן מאַן און פרוי און ער בענטשט דער פרויס טראַכט מיט „ניי באַשאַף״, („ס׳וויל דער טויט מיט קינד אונדז בענטשן״). דעם בדחן (אינעם ליד: דער בדחן דער־זעט דעם מלאך־המות אויף דער חתונה, ז. 573) דערשיינט דער מלאך־המות ווי אַ רחמים־פול וויינענדיק מלאכל און דער בדחן טרייסט אים: מלאכל, מלאכל, נישט וויין. און אַט איז דער טויט — אַן אָרט („אַ דאָרף אַ הויכס און אַ שטילס״).

אָבער אויך דאָ קומט דער ווידעראַנאַנד: טויט־פאַרלייקענונג. אין אַ ליד, געשריבן צום אַלט־ווערן פיר און פערציק יאָר, ווערט מיט באַזונדערער

באַטאָנונג פּראָקלאַמירט דאָס, אין וואָס איך האָב אויך פריער געגלויבט (זע: „ליד צו די, וואָס באַוויינען טויטע" און אַ סך אַנדערע), נישט געקוקט אויף אַלע אָפּנויגן. דאָרט ווערט געזאָגט סך־הכלדיק:

אַלץ איז פאַראַן, נאָר נישט דער טויט,
און אַלץ איז מעגלעך אַחוץ פאַרשווינדן.

„פאַרשווינדן" — אין דעם זין פון אויפהערן (אין טייל לידער באַטייט „פאַרשווינדן" דווקא אַן אַריבערגאַנג אויף דער צווייטער זייט, אַ נישט־אויפהערן).

דאָס הייסט נישט, אַז נאָכדעם ווי איך האָב אין יענעם ליד „פאַרקינדיקט" טויטלאָזיקייט ווי אַ סך־הכלדיקן אַריינבליק אין תוך־זאַכן, האָט מיין געמיט זיך באַרויִקט. די ווידעראַנאַנדן האָבן נישט אויפגעהערט. ס'האָט נישט באַרויִקט אַ האָר די זיכערקייט, אַז „טויט איז נאָר צו לעבן אַ הקדמה", און ס'האָט זיך געחלומט פון עפּעס אַ „צווישן" — אַ צווישן־לעבן־און־טויט־צו־שטאַנד, ווייט פון דעם „אַך בי ישוב יהפך ידו כל היום"...

און דאָך איז אמת, אַז ביים היינטיקן טאָג האָב איך מיך אויך עמאָציאָנעל אַרויפגעראַנגלט צו אַזאַ ענדגילטיקער פאַרלייקענונג פון דעם טויטס פאַראַן־זיין (זע באַזונדערס די העברייאישע דראַמאַטישע פּאָעמע: „בין האש והישע", הוצאת „יבנה", תל־אביב, תשי"ז), אַז דער טויט־אַרומאַזש — מיט זיין אימפּליקאַציע פון דעם טויטס פאַראַן־זיין, — האָט פאַרלוירן פאַר מיר יעדע אינערלעכע באַרעכטיקונג. (איך מאַך אַן אויסנאַם פאַר דעם פאַרמעלן, ריין טעכנישן, אַזוי־צו־זאָגן, טויט־באַגריף — טויט ווי אַ באַצייכענונג פון איבערגאַנג; פּגל. דאָס ליד „ערב אַ וועלט" אין איצטיקן באַנד, וואו ס'ווערט אויף איין אָרט גערעדט וועגן רגע'ס וואָס „כאַפּן אַ טאַנץ צווישן לעבן און טויט", נאָר דאָס ליד גופא איז — השארת־הנפשדיק).

אין דעם איצטיקן באַנד „פאַראַניקט" נאָך דער טויט ספּעציעל אין יוגנט־לידער, וואָס זיינען אַ טייל פון דעם דאָזיקן באַנד, פּונקט ווי פון די פריערדיקע, און אין דעם המשך פון די חורבן־לידער. די אָפּטיילונג, וואו דער דאָזיקער המשך קומט אַריין, הייסט: „נאָך לידער פון חורבן און די פּאָעמע אני מאמין", און אויסגעטיילט ווערט די ערשט־דערמאָנטע פּאָעמע אין דעם טיטל דערפאַר, וואָס זי איז אַ לעצטע דיסטילאַציע פון דעם יאוש אין זיין איבערגאַנג צו ענדגילטיקער כפירה אין דעם טויטס עקזיסטענץ.

**
*

וואָלט געווען מער געדולד פאַר אַזאַ סאָרט אַרבעט, וואָלט מען באַדאַרפט צונויפשטעלן אַ גלאָסאַר פון די מער קאָמפּליצירטע העברייאישע (און נישט נאָר העברייאישע) אויסדרוקן, וואָס געפינען זיך אין די דריי בענד. נאָר ערשטנס, איז דאָך דער אידעאַלער לייענער (וואו איז ער?) אַ חכם ומבין מעצמו, והשנית, לאָמיר עס בלית־ברירה איבערלאָזן אויף דעם באַנד פיר. אויב און ווען ער וועט אַרויס — צו נוצן אַן איראָנישן זאָג פון איינעם אַ שרייבער — אויף דער ליכטיקער שיין פון דער פינצטערער וועלט.

**א. צ.**

ניו־יאָרק, אָב, תשי״ז.

# מטטרון

## פאָרגעזאַנג

ס'איז געווען דער פאַרטאָג פון באַשאַף.
דער רוים האָט געהאַט זיך געעפנט אָט־ערשט,
געגאַפט
אויף דעם אייגענעם גוואַלדרים,
געוואָלט צו דער ערשטער נקודה
צוריקצואַוועגס לויפן.

אין דער אייביקייט האָט זיך געוויקלט אַ בוים.
דער בוים איז געווען ווי אַ קינד,
וואָס וואַקסט און מיט אים וואַקסט צוזאַמען זיין וויגל.

דער בוים האָט די צווייגן, וואָס האַלטן אין וואַקסן,
געוואָרפן דעם רוים אויפ'ן אַקסל,
אים מיט די צווייגן געצוימט ווי מיט לייצעס,
לויפן צוריק נישט געלאָזט.

נכנעדיק האָט דער רוים
אויף זיך געטראָגן דעם בוים,
מיט אים צוזאַמען געשפּרייט זיך,
און דער בוים איז געוואַקסן,
דער בוים האָט געפּרייט זיך
באַגיניק.
פון רגע צו רגע געוואַקסן,
ביז דער אָן־אָפּשטעל פון וואוקס
האָט וויי־טאָן גענומען דעם בוים —
האָט ער פרעגן גענומען: וואָס בין־איך?

און אַ קול איז אַרויס: ביסט דער בוים פון די דורות —
דיין נאָמען איז צייט.

— איך הער ווער איך בין, — האָט דער בוים פון די דורות געזאָגט. —
נאָר  ו ו אָ ס  איך בין ווייס איך נישט
און  ו ו אָ ס  מיין וואַקסן באַטייט.

— קאָנסט עס נישט וויסן!
דורות אָן צאָל וועסטו צייטיקן, בוים,
פון שטורעמס אָן צאָל וועלן ווערן די פירות געריסן,
נאָר וויסן דעם  ו ו אָ ס  וועסטו ערשט
ווען דו צייטיקסט די פרי פון קץ.
ווי איז צו דיר, ווען די פרי וועט שוואַרץ זיין
און ביטער צו דעם, וואָס פאַרזוכט!
און וואויל איז צו דיר, ווען דו צייטיקסט
פון פרוכטן די העכסטע פרוכט:
אָ ד ם - מ ש י ח.

א

## א ו י ב

די נאַכט, די שטילסטע פון פלעדערמייז,
צעשיט-זיך אין שאָטנס פעדערווייז.
אַריינגעשאָטנט אין נאַכט
זיץ איך און פרעג און טראַכט.

דער בורא, דער איינציק אייניקער,
דער אַלציקער, דער אַלייניקער, —
נאָך וואָס האָט ער זיין  א י י נ ס
צעשאָטן אויף שטויביק-קליינס?

דאָס ראָד מיט רעדער-אָן-עק דערין —
ווער טרייבט עס און וואָס שטעקט דערין?
דאָס ראָד, וואָס האַלט אין גיין,
גייט עס פון זיך אַליין?

די נאַכט, די שטילסטע פֿון פֿלעדערמייז,
צעשיט־זיך אין שאָטנס פֿעדערווייז — — —
וואָס וויל די נאַכט? וואָס מאַכט
גאָט אין דער טיפֿער נאַכט?...

איך זיץ אַזוי און איך פֿרעג עס שטיל.
עס לויפֿן און קומען די רגע׳ס שטיל,
ביז איינע אַ רגע שטייט
און רעדט מיר אַזוינע רייד:

„ס׳טרייבט אָן מיט אַ רגע מיט יעדערער
מטטרון, דער גרויסער רעדערער.
ער, — דער שר, וואָס ו ו ע ר ט , —
וויל יאָגן צום קץ די ערד.

„די ערד, וואָס איר מענטשן לײדט אויף איר,
מטטרון באַוועגט די צייט אין איר:
וויל צייט זאָל לויפֿן, ביז
זי פֿאַלט דעם איינס צו די פֿיס.

„וועט איינס מיט דעם ריבוי איינס־ווערן?
וועט איצטיקער אדם אויפֿהערן?
אָן דיר אַליין איז געווענדט
דאָס ווערק פֿון מטטרונ׳ס הענט.

„עס ווענדט זיך אַלץ, ווי עס האַלט מיט דיר:
אַלץ שטייגט מיט דיר און אַלץ פֿאַלט מיט דיר.
אויפֿגיין קאָן פֿון דיין שטויב
אָדם דער גואל — א ו י ב”...

ביי אָט דעם „אויב” איז אַוועק פֿון מיר
די רגע, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט צו מיר.
איך קוק צו דער שוואַרצער שויב
און מורמל פֿאַרכישופֿט: א ו י ב .

ב

# באַוועגער

## I

אַמאָל איז מטטרון מענטש געווען,
אַ מענטש גענאָמענט חנוך.
האָט אים צו זיך אַרויפגענומען
פון הויכן די העכסטע הויך.

נאָך וואָס האָט מען חנוכ'ן
אַזוי געטאָן דערהויכן?
וואָס איז דער העכסטער הויך
אין אים געלעגן?
— מע דאַרף, ער זאָל באַוועגן!

## II

מענטש איז נישט ידיעה, ער איז בחירה,
ער איז טאַט, —
איז דעריבער פון אַ מענטש־קינד
געוואָרן אַ מט"ט,
האַר פון געשיכטע, באַוועגער,
טרייבער און יעגער,
דאָפּל־מייניק,
יאָ־ניייניק,
און מענטש אויף דער ערד
דאַרף אים העלפן ווערן איייניק.

אין דעם, וואָס איז,
איז מטטרון דער, וואָס ווערט.
דער פלינקער שר־הפנים
בויט כּסדר און צעשטערט.

הערסט ווי עס קראַכט?
מטטרון קראַכט עס!
מעשה קונצנמאַכער קומט ער
איצט, אין אונדזער צייט פון צייטן,
און אויף ברייט-צעשפּרייטע פלאַכטעס בלוט
שפּרינגט ער קאָפּ אַרונטער.
פראַלן פענצטער אויף די וועלטן,
שטעקן קעפּ אַרויס און קוקן
צו דעם מלאך דעם פאַרשטעלטן.
קוקן וועלטן, קוקן גייסטער,
ווי די קונצן זיינע ווייזט ער,
ווילד באַגלייט פון טויזנט פויקן.
האָבן גראַמען
פון אַ ליד אַ נישט-געוועזנס
זיך פאַרשטעלט אין טאַראַראַמען?
— — — — — — — — — — — —
מטטרון שפּרינגט, מטטרון שלינגט
אין אונדזער צייט פון צייטן
פלאַמען, פלאַמען,
פלאַקערדיקע שייטן.

ג

## ק ר ע ש ט ש ע נ ד אָ

מער ווי פריערדיקע צייטן
איז די צייט אונדזערע קראַכיק,
איז די צייט אונדזערע פלאַמיק.
אָ, מטטרונשע דינאַמיק!
דאָס קרעשטשענדאָ וואָס מיר הערן
לויפט אַלץ שנעלער צום פינאַל.

אָדם אונטערשטער! דיין נאָמען
ווערט דערמאָנט אין אַלע תהום׳ען
און מען שמועסט צווישן שטערן,
אַז ס׳איז נענטער שוין ווי ווייטער.
קץ כל בשר? קץ הימין?
דו מוזסט אויסוויילן דיין וואַל.

אַ געזאַנג פון זאַווערוכעס,
וואָס צעטראָגן פלאַמען פייער,
קומט און שאַלט פון ארבע רוחות:

„מענטש, דו קלערער,
קריכער, זײַ ע ר!
גיב צושטייער
אים, דעם ו ו ע ר ע ר!
פלאַם וואָס מערער,
וואָס מער פייער!
דיר, מטטרון, אונדזער שאַל!"

ד

## ג י כ ע ר

וויינען אַלטע מרה־שחורה׳ס:
וויי, וואָס ליאַרעמט ער? וואָס וויל ער?
ס׳רייסט זיין שטורעם אַלץ פון שורש.
שטילער, דו מטטרון, שטילער — — —

זיי אַנטקעגן טאַנצן אורות:
גיכער, אַ מטטרון, גיכער!

הייליק רופן
די כיסופין:
שנעלער, שנעלער דריי דיין וויכער!

וואָס צעפּלאָמטער ס'איז דיין וויכער,
גיכער וועקט זיך דממה־דקה,
גיכער ווערט פון כולו חייב —
כולו זכאי.

ה

## אָ ר י ע נ ט

קעמלען גייען נישט — זיי לויפן, זיי אַנטלויפן.
ווער יאָגט דאָס זיי פון מדבר — און וואוהין?
האָט דער ים דעם מדבר ס'זאַמד־פּנים פאַרגאָסן
און מדבר־רוחות זיינען עס, געיאָגטע פון זיין גרים?

צעריסן
ליגן שלייערן, וואָס האָבן איינגעהילט ס'געזיכט
פון וואונדערלעכע אָדאַליסן,
פון פרויען ווי חלומות איבער אַ נאַרגילע,
ווי האַפּיז'עס געדיכט.

צעריסן
ליגן שלייערן, וואָס האָבן צוגעדעקט די קילע,
אַלטע קלוגשאַפטן. פאַנטאַנען האָבן אויפגעהערט צו גיסן
זייער תפילה.
ס'האָט אויפגעהערט די נאַכטיקע באַלאַדע,
וואָס הייסער ווינט פלעגט אין געווירציק־זיסן
גאָרטן אויסשפּילן פאַר שטערן.
אויף אייביק האָט פאַרמאַכט איר מויל שעהערעזאַדע.
ס'האָט שוין אַזוי לאַנג זי אויפגעהערט צו הערן
אין האַלבן דרימל דער אָריענט.
אויף אַ ברענענדיקן טיגער
רייט מטטרון, דער נישט־היגער קריגער, —
ס'ברענט!

ו

# אַנטי־נירוואַנאַ

## I

פון אונטערן בוים, דעם באָדי־בוים דעם גרויסן,
איז אַרויס נאָך לאַנגע טראַכטונגען סידאַרטאַ.
זיכער, אַז ער האָט דעם וועלטן־סוד געפאַנגען,
איז ער אַוועק, דער יונגער פּרינץ, דער בודאַ,
טראָגן ליכט צו מענטש־קינדער פאַרנאַרטע.
נאָר ס׳האָט געלאַכט מטטרון שר־הפּנים.
קאָן די רעדער אָפּשטעלן גאַטאַמאַ?
אונטערן בוים האָט ער זיך אויסגעטרוימט אַ מאַמע,
אַ מאַמע וואָס געבוירט נישט — די נירוואַנאַ.
נישט זיין איז זי, נישט אומזיין. לעשן דאַרף זי
וואָס קאַרמאַ האָט צעפלאַמט — מיט וואָס? מיט זאַמד
פון מדבר׳דיקן גאַרנישט.

ווי קאָן זי אויסלעשן באַגערן, אַז זי שטאַמט
פון זיין באַגער צו איר, פון זיין באַגערשאַפט?
ווי קאָן זי ווערן אויסלעש פון דעם איך און פון זיין הערשאַפט,
אַז דער איך, פאַרבענקט נאָך רו, האָט זי געמאַכט?

בודאַ האָט געפּריידיגט. מטטרון האָט געלאַכט.

## II

אַ גאַטאַמאַ, פּרינץ אַנטלויפער!
נישט געבראַכט האָסטו דעם א ו י פ ה ע ר,
האָסט יסורים נישט דערוויטערט,
האָסט די קאַרמאַ נישט געלייטערט.

ווער קאָן לייבן־הונגער שטילן
מיט אַ חלום מיט אַ קילן?
עפּעס אַנדערש ווי אַ חלום
דאַרפֿן לײַדן, וויל דער ווילן —
וויל דער ברוזיק־ווילדער ווילן.

ז

## כ ל ו ־ כ ל ־ ה ק י צ י נ ־ ד י ק

כּלו כּל הקיצינ׳דיק,
דורך ברענענדיקע בראָכן,
דונערדיק און בליצנדיק
קום, לעצטע פֿון עפּאָכן!

ווילן צום א י נ ג י כ ן!
קראַכן אַנשטאָט קריכן!
אוים מיט בלײַך־און־בלײַערן —
פֿײַערן, פֿײַערן, פֿײַערן!

ח

## ש ו י נ י ס

די פֿרוי וויל פֿרוי נישט זײַן, דער מאַן וויל מאַן נישט זײַן,
דאָס קינד אין וויגל וויל קיין קינד אין וויג נישט זײַן.
דאָס הויז וויל הויז נישט זײַן — עס וויל אינדרויסן זײַן,
און אַלץ וויל אַלעמען און זיך אַוועקוואַרפֿן,
אַהין אַוועקלויפֿן, אין יענע ערגעצן,
וואָס דאַרפֿן ווערן ערשט — און שימערירן שוין
אין אַלץ, אין אַלעמען... און ס׳ווילט זיך תּיכּף׳דיקס,
און ס׳ווילט זיך שוינ׳ס!

אַלץ וויל אַ לויף־גענבן פון זיך, פון אַלעמען,
אַלץ וויל אַ כוואַליע־טאָן פון זיך צו אַלעמען,
העט ווייט אַ כוואַליע־טאָן און פריי זיך אויסמישן,
און טיף זיך אויסמישן מיט וועלט, מיט איבער־וועלט,
צי גאָר מיט אונטער־תהום, מיט סאַמע אונטנקייט,
מיט אונטער־אונטער־נאַכט... דער עיקר: תיכּף׳דיקס!
דער עיקר: שווינ׳ס!

די צייט איז איילעניש: זי האָט קיין צייט נישט מער.
דאָס וואָרט איז אומגעדולד: עס קאָן נישט וואַרטן מער;
עס וויל נישט וואַרטן מער — עס וויל אַן אויפריים זיין.
די צייט וויל אויפרייסן, דאָס וואָרט וויל אויפרייסן!
און זאָל זיין העכער־גאַנג, און זאָל זיין אונטערגאַנג,
אַבי אַ דונער־גאַנג! עס ווילט זיך תיכּף׳דיקס,
עס ווילט זיך שווינ׳ס!

ט

## בלעם—דער מענטש

עס רייט אויף זיין אייזל אַ בּלעם און שרייט:
פיר צו דער קללה מיך — כ׳וויל צו דער קללה!
פאָלגט אים דאָס אייזל און גייט וואו ער הייסט —
ווערט בּלעם אַ מלאך, פאַרצוימט אים דעם וועג
מיט אַ געצויגענער שווערד מיט אַ בלאַנקער:
אייזלקאָפּ איינער,
פיר צו דער בּרכה — אַנישט וועל איך טויטן.

פאָלגט אים דאָס אייזל און גייט צו דער בּרכה —
אַנטרינט דער מלאך און בּלעם שרייט ווידער,
הויבּט אויף דעם שטעקן און שינדט די פעל:
אויב דו וועסט עקשנ׳ען זיך און נישט פירן
מיך צו דער קללה,
מאַך איך פון דיר, דו שטיק אייזל, אַ תּל.

הויבט אויף דאָס אייזל אַ קראַנקע יללה:
וועמען שלאָגסטו? דאָס לייב וואָס טראָגט דיך?
זעסטו נישט, האָר, אַז דו שלאָגסט זיך אַליין?

נאָר ס'הערט נישט בלעם דעם אייזלס געוויין,
און איידער־וואָס־ווען איז ער ווידער אַ מלאך,
און איידער־וואָס־ווען ציט ער ווידער אַ שווערד.
דער מלאך, וואָס הויערט אין בלעמ'ען, ווייזט זיך
אין זיין, אין בלעמ'ס, געשטאַלט —
און פאַרהאַלט
דעם רייט צו דער קללה.
נאָר וויל אים
צו־ברכה־צו פירן דאָס אייזל —
בענקט ווידער נאָך קללה דער בלעם,
נעמט טרייבן דאָס אייזל אויף וועגן אויף שמאָלע,
שלאָגט עס משוגע און שרייט.

אַזוי רייט
בלעם און רייט,
רייט און קאָן נישט דעררייטן — — — —

אָבער איצט איז די צייט,
איצט איז די צייט איבער צייטן,
ווען אַ גרעסערער מלאך, מטטרון אַליין,
נעמט די שווערד אין דער האַנט,
שטייט פאַר בלעמ'ס געזיכט
און זאָגט אים: „וואוהין ווילסטו גיין?
מיטן שאַרף פון מיין שווערד וועל איך אָבשניידן דיר
איין וועג פון די ביידע, דו לץ!
קלייב אוים —
ס'גייט צום קץ."

י

## גראָטעסק

אויפן באַרג
שטייט אַ ריז,
הויבט דעם אָרעם צום באַפעל.

קוקט אַרויף צו אים די זונה:
אַך, ווי גוט!
אָט־אַ־דער
איז דער אמת'דיקער ע ר!
אָרגיע איז זיין נאָמען! בלוט!

קווייטשיק גיט זי דעם סאָלדאַט,
איר פריינד, אַ שטופּ:
זעסט? דער ריז, דער מאַן, דער העלד,
הויבט דעם אָרעם און באַפעלט —
אַרויס אין פעלד!
וואו אַ היים און וואו אַ שטוב —
פאַרלענד!
טו זי נאַקעט אויס, די וועלט —
און שענד!

וואַרפט זיך אויף דער וועלט דעם כּאַם — — — —
די זונה קוקט זיך צו און קוועלט.

זאַט פון בלוט און פון פאַרלענד,
וואַרפט דער כּאַם די ביקס און זאָגט:
כ'האָב געברענט, געשענדט, פאַרלענדט —
ענטפער, ריז! וואָס טוט מען ווייטער?

מאַכט די זונה: דו ביסט מיד;
האָסט פאַרלענדט, געברענט, געבריט —

רו זיך אויס
אין מיין שויס,
נאָכדעם טו דאָסזעלבע ווייטער.

נאָר מיט די שטיוולדיקע פיס
טופּעט דער מערדערישער כאַם:
ריז, דו ריז!
כ׳בין אינגאַנצן בלוט און לייז.
עפּעס אַנדערש,
עפּעס נייס
הייס מיר טאָן. איך פרעג: וואָס ווייטער?

יענער ענטפערט נישט. דער כאַם,
אַ צעקאַכטער, רויט ווי צונטער,
כאַפּט די ביקס,
צילט אין ריז,
און דער ריז
קוילערט זיך פון באַרג אַרונטער.

כאַם, געגען —
און דערקען:
ס׳איז געווען אַ מאַנעקען,
מיט בלוט באַמאָלן,
צום ריז געשוואָלן,
פון עפּעס אַ לץ אויבנאָן געשטעלט — — — —
אויך מיר מאַן!
אויך מיר העלד!

וויסטע הור, דו האָסט פאַרפירט, —
וויינט דער כאַם. —
וואָס טו איך ווייטער?
זנות און בלוט — און ווייטער וואָס?

ס׳מוז דאָך זיין אַן עק, אַ מאָס —
וואָס ווייטער?

ווײנט אויך זי: דאָס איז נישט ע ר —
ס׳איז נישט ד ע ר —
וואָס זשע טוט מען טאַקע ווייטער?
זנות און בלוט — און ווייטער וואָס?
ס׳מוז דאָך זיין אַן עק, אַ מאָס —
וואָס ווייטער?

לויפט אַוועק פון זיך די זונה,
לויפט אַוועק.
זוכט דעם סוף —
אַ סוף, אַן עק!

לויפט אַוועק פון זיך דער זעלנער,
לויפט אַוועק.
זוכט דעם סוף —
אַ סוף, אַן עק!

וואָס־זשע איז דער מעשה׳ס סוף?
דער סוף —
נענטער איז־ער שוין ווי ווייטער!

יא

# יאָרן פון אַנטשייד

## דיאַלאָגיש

(זון־פאַרגאַנג. פּאַסאַזשיר אויף אַ שיף־דעק)

**דער פּאַסאַזשיר:**

די פאַרבן־פּראַכט, וואָס פּישופט ווי לעגענדן,
די אַלטע שפּיל, וואָס חושך איז איר אויסלאָז!
דער אַלטער ים — וואָס שפּיגלט ער, וואָס העלט ער?

עס בייטן יעדע רגע זיך און בלענדן
די הימלען און דער ים... נאָר וואו איז אויסלייז?
ס'איז אַלץ דאָסזעלבע, גורל דו פאַרשטעלטער!

כ'האָב לענדער פיל געזען, געווען אין שטעט פיל.
איך האָב דאָס אַנדערשדיקע און דאָס נייע
געזוכט אין מזרח, מערב, דרום, צפון.

אַז וויי, אַז דאָפּלט ווי דעם אויג, וואָס זעט פיל!
ס'איז אומעטום געווען די אַלטע חיה.
דיזעלבע שדים האָבן מיך געטראָפן.

אַמאָל בין איך אַרומגעפאָרן זוכן.
איצט פאָר איך סתּם אַזוי, ווייל לאַנגווייל יאָגט מיך,
דאָס, וואָס מע רופט לאַטייניש: טעדיום וויטע.

נישטאָ מער קיין געקעכצן צו פאַרזוכן.
געווען אַ צייט, ווען זעלבסטמאָרד האָט געלאָקט מיך.
אויך דאָס איז שטות. קאַפּוט איז יעדע שיטה.

(ס'איז נישט דער טעדיום וויטע — פול מיט זשעסטן —
פון דער ראָמאַנטיק, נישט קיין זיך־פּאַרמעסטן,
נישט בונט: אַ מת גייט נאָך זיין אייגענער מיטה).

פּאַריז צי פּיראַמידן — אַלץ איין אומעט.
מסוכּן קראַנק דער גייסט, דער ווילדער בענקער,
און בלינד ווי ער די שטערן — בלינדע גאַפער.

ס'איז אַלץ פּאַראומעטיקט און אַלץ פּאַרטומאַה'ט.
מטטרון הערשט, אַ מלאך און אַ הענקער,
פּאַרלענדט די טוואונגען פון דעם באַשאַפער.

ער איז מכּלומרשט אַ משנה עתּים!
ער ענדערט תּמיד, נאָר צום זעלבן ציט אים:
צום אומברענג, וואָס פּאַרשטעלט זיך אין געשטאַלטן.

אומזיסט האָב איך געמיינט: צום גוטן בייט ער.
אומזיסט געמיינט: ער טרייבט צום וויטסטן ווייטער.
ער בייט פון אויבן אויף און ס'בלייבט ביים אַלטן.

מלחמות צינדט ער, רעוואָלוציעס מאַכט ער —
און וואָס דען נישט? און ס'קומען קלוגע טראַכטער
און ווילן טרעפן וואָס ער מיינט, דער שלאַכטער.

ער בייט פון אויבן אויף — און גרויזאַם לאַכט ער.

**אַ מאַטראָס, וואָס גייט פאַרביי:**

איך הער, דו רעדסט צו זיך. ס'אַ וואַזשנע פּלוידערניש.
כאַפּט דיך דער פּיפּערנאָטער! דיר געפעלט נישט,
ווי איך פאַרשטיי, די וועלט: אַ פּוסטע הוידעניש,
אַהין־אַהער. ס'איז וועדליג דיר קיין וועלט נישט.

איז ווייסטו וואָס? אין אָפּגרונט גיי באַזעצן זיך.
עס וואַרט אויף דיר דער חושך דאָרט דער גרינסטער.
די ים־קאַטערס די אַלטע וועלן שעצן דיך
און אייביק וועסטו פוילן, אייביק נעצן זיך
אין וואַסער אייביק־גרין און אייביק־פינצטער.

און אפשר וועט זיך מאַכן דיר אַ וואַסער־מויד.
וועסט אויף איר שוים דעם וואַסערדיקן זעצן זיך
און ביידע וועט איר איינעמען אַ וואַסער־טויט.
כאַ־כאַ!

**דער פּאַסאַזשיר:**

(קוקט אים נאָך)

אַזוי ווי אין אַ שעקספּירשער טראַגעדיע:
אין מיטן דרינען יאַוועט זיך דער לץ.
נאָר איז אויך זי נישט טראַגיש, די קאָמעדיע?
זי פּרוּאווט אָראָפּדינגען אכזריות ביים געזעץ.
אויף וויפיל ס'גייט אין מיר, בין איך אפילו
נישט טראַגיש. טראַגיש איז נאָר דער, וואָס גלויבט
און וויל זיין גלויבן ראַטעווען. מיין קילע
דערקענטעניש — זי ווייגט נישט: זי באַהויפּט.
עס האָט אַמאָל געשטורעמט אַלטער איוב —
האָט גאָט צוריקגעשטורעמט. איז געוואָרן קווית.
איך שטורעם נישט, נאָר אומעטיק און מיד
באַטראַכט איך דער יצירה'ס מאָדנעם זיוף.

**אַ קול פון דער טיפעניש:**

האָסט לענדער פיל געזען, געוועזן אין שטעט פיל...
נאָר וואָס דו האָסט געזען— איז פּאַסאַזשיריק.
אַז וויי, אַז דאָפּלט ווי דער צונג, וואָס רעדט פיל
און חזרט איבער קלאָג־רייד פון דער ליריק.

פרייד פאַדערט טיפקייט, אומעט איז אַ שיר.
כ'וועל זאָגן נאָכמער: אומעט — פלאַך און שיר'יק —
איז אויך אין עצם נאָר אַ פּאַסאַזשיר.

**דער פּאַסאַזשיר:**

פרייד פאַדערט טיפקייט, זאָגסטו, און מיין טרויער
איז אויבנאויפיק. האָט די טיפקייט פרייד?
זי איז אינגאַנצן אומגליק. אומבריענג הויערט
אין אָפגרונט'ס קאַמערן. צעקלאַפּטערהייט
געשפּענסטערן דאָרט שיפן. פיש עסט פיש אויף.
ים צי יבשה, מאָרגן אָדער היינט, —
ס'איז אַלץ מטטרונ'ס לאַנגווייליקער כּישוף,
וואָס הילט — סיי אויבן, סיי אין טיפע גרונטן —
דעם טויט וואָס הרגעט און די פּיין וואָס פּיינט.
מטטרונ'ס בייטעוודיקע איין-און-זעלביקייט איז אונטן,
אין דער טיף, און אויבן, וואו איך שטיי
און קוק צום מערב צו דעם לציש-בונטן,
דעם קאַמופלאַזש פון אַש און פון פּאַרגיי.
און אַש זיינען אויך זיי, אויך מיינע ווערטער,
וואָס מטטרון הערט זיי נישט, כאָטש שריי.
און אויב ס'געשעט אַ נס און על-פּי-נס דערהערט ער —
האָט ער נישט קיין ענטפער סיי-ווי-סיי.

(די פאַרבן-שפּיל צערינט. עס טונקלט. די שיף הויבט זיך אָן צו וויגן.
פון שטורעם, וואָס דערנענטערט זיך, גייט אויף —)

**מטטרונ'ס קול:**

וואָס פּאַסאַזשירעווסטו אויפן ים
און וואָס לירעווסטו, מענטש, צום גראַם?
וואָס טוסטו גאָרנישט? זאָג!

**דער פּאַסאַזשיר:**

איז דאָס דער ענטפער? — אָט דאָס ביסל פרעגעכץ
לייכט ווי זעגעכץ,
קיי־און־שפּיי?

**מטטרון'ס קול:**

דו קאָנסט נישט וויסן
דעם ענטפער סיידן אַז דו טוסט!
פּוסט איז פרעגן,
ווי גענום איז פּוסט.
אויך טרויער איז גענום: הער אויף גענים.

**דער פּאַסאַזשיר:**

וואָס זאָל איך טאָן?

**מטטרון'ס קול:**

אנשטאָט צו פאָרן
אויף אַ לוקסוס־שיף פון איבעריקע יאָרן
און אויספלעכטן אַ וואויל־געגראַמטע קלאָג,
נידער אויף דער ערד, קלייב אוים דיין זאַך, באַגעגן
דעם שונא פון דיין זאַך — און שלאָג!
אַזוינע
זיינען זיי, די צייטן פון אַנטשייד:
מוזסט אויסקלייבן דיין פאָן, דיין שלאַכטפעלד און דיין שונא.
פאַרטיליק רייד,
ווער קעמפער!
דענסטמאָל קאָנסטו האָפן, אַז צום סוף
וועט זיך דיר אַנטפּלעקן יענער ענטפער,
וואָס אויך איך, מטטרון, האָף.

אַז די מעשׂים, וואָס איך טו,
פירן מיך אַלץ נענטער
צו זיין שוועל דער שטראַלנדיקער צו.

יב

## לעת־עתּה

הערצער זיינען קינדער,
וואָס פאַרהוילן איז פון זיי דער טאַטע — — — —
פרעגט מען שאלות
און מע ווייס נישט, אַז דערווייל איז
מטטרונ׳שער לעת־עתּה.

מטטרון ווערט גערופן ס׳יינגל,
ווייל אינעם אלקות
איז יונג מטטרון און אַקאַרשטיק,
פלאַקערדיק און דאָרשטיק —
אַלץ קראַכט אונטער זיין פּוס!

עס זיינען אים געגעבן אַלע שליסלען.
אין גאָט׳ס הויז
ווייס ער וואו אייַן וואו אויס —
ער, וואָס איז אַמאָל געווען חנוך.

ווי פריש דיין פלאַקער איז, דו שׂר־הפּנים,
נאָר ווי שטיקעדיק דיין רויך!

און פאַרקערט: ווי ווארגנדיק דיין רויך איז,
נאָר ווי פריש דיין פלאַקער,
ברוויזיק דיינע כּוחות!
הלל זינגט מיין זעל דיר.
מיט פלאַם יעט־אויס, דערנאָך פאַראַקער
דעם מענטשנס אַלע פעלדער!

יג

# פון וועלט־עק ביז וועלט־עק

פון וועלט־עק ביז וועלט־עק, מטטרונשער פלאַם,
ברויזסטו איצט שירה,—
שברירי, ברירי, רירי, —
ווי כוואַליעס אין ים.

פאַרטרייבסטו עס ברויזיק
די פאַרכטיקע שדים,
אָדער איז דיין ברויז
גופא אַ שד׳ם
הודזשענדיקער חוזק?

זאָל איך זינגען: ביסט גרויס!?
זאָל איך מאַכן הספדים?
וואָס פאַר אַ קץ
זאָגסטו אָן? דעם פון סיטרא דימינא?
דעם פון סיטרא דשמאָלא?
דעם רעכטן, וואָס איז כולו שכינה?
דעם לינקן, וואָס איז גיהנם׳דיקע סמאָלע?

אין וואַנדער
דורך לענדער,
אין גלגול און ענדער,
קנוילסטו זיך אויף און אַראָפּ, סאַלאַמאַנדער!
איז עס אַ טאַנץ צווישן טאָגליכט און לעצטער אַשמורה,
איידער עס צעגיסט זיך נייע זון אויף אַלטע דעכער?
עס יויכצט מיין אמונה, נאָר ס׳האָט פאַר דיר מורא
מיין מרה־שחורה,
ווייל ס׳גנב׳ען פון די תליות זיך אַראָפּ פאַרברעכער
און לאַכן מיט שפּיציקע ציין וואָלקולאַקיש און טמא:

„ס׳האָבן מ י ר אים געצונדן, דעם פּלאַם!
ער איז אונדזער נקמה״...

עס האָט פאַר דיר מורא
מיין מרה־שחורה,
נאָר ס׳גלויבט מיין אמונה, אַ ברוויזיקער פּלאַם,
אַז ס׳איז דיין אַרויסשיקער
נישט לייב, וואָס קאָן נאָכמאַכן לאַם,
נאָר לאַם, וואָס כּוונות פון אייביקייט
הייסן איר פאַרשטעלן זיך אין רוישיקער,
פאַרצוקערישער לייביקייט.
— — — — — — — — — — — — —

ווען איך לייד;
ווען מיין ווייטיק אַפּיקורס׳ט,
ווען ער שרייט;
ווען איך ווייס: כ׳וועל מאָרגן בלוטיקן געדורס׳ט
אונטער כאַמישע סאָלדאַטישע שטיוואַליעס
פון מיין צייט, —
ווייזט מיר מיין אמונה, ווי העט ווייט
גילדן זיך די כוואַליעס
פון אַ סוף, וואָס ניי׳ט
מיט צווייטן בּראשית.

## יד

## אָדע צו דער פרייהייט

כ׳האָב נישט דערפאַר דיך ליב, ווייל כ׳ליב די גילאָטינע,
און נישט דערפאַר, ווייל שינדן ווילט זיך מיר די שינדער,
און נישט דערפאַר, ווייל כ׳האָב — ווי דיינע קינדער —
געלערנט צאָרענען און האַסן.

דאָס איינדעקן פאַרברעכנס אין אַ פּאָן,
דאָס שרייען פון צעבונטעוועטע מאַסן,
די רויבערישע ציינער פון דער קנאה,
אויף אַלדאָס נישט־המונישע געשאַרפט, —
פאַרהאַסט איז מיר דאָס אַלץ פון תּמיד אָן
און וועקן וואָלט דאָס, קעניגין, געדאַרפט
נישט ליבע צו דיין הויכער קרוין, נאָר שנאה.

פאַרהאַסט איז מיר דעם פּעבל׳ס ווילד געלעכטער,
זיין ווילן איז מיר פרעמד, דער בייז־צעפרעכטער,
אַ ווילן, וואָס די פינצטערנישן שפּייזן
און וואָס פאַרקנס׳ט גערעכטיקייט מיט אייזן.

מיין האַרץ איז נישט מיט די, וואָס ברענגען דיר צושלעפּן
די בלוטנדיקע קעפּ פון דיינע אונטערדריקער.
ס׳באַוואונדערט נישט מיין גייסט דעם קאַמף פון סאַנקילאָטן,
וואָס אימפּעט מאַכט זיי העלדיש און די שנאה שכּור:
זיי ווילן דיך אַליין פונדיינעטוועגן קעפּן.
איך ווייס ווער ס׳האָט געלערנט זייער האַנט צום ראָטן:
פאַרשקלאַפט האָט זיי דער טויט, דער ערגסטער פון דעספּאָטן.

מיין האַרץ איז נישט מיט די, וואָס בויען באַריקאַדן,
וואָס אין דיין הויכן נאָמען צינדן זיי און שעכטן,
און נישט מיט די טריבונען, גרייט צו פלעכטן
אַזוי געשיקט זייערע בונטאַרישע טיראַדן,
אַז בלוט זאָל הייס פאַרגלוסטן זיך — און שוין
זאָל אַ תּלין ווערן דער המון
און שניידן קעפּ פון די, וואָס אָקאָרשט־נעכטן
האָט ער אַליין באַגערט, זיי זאָלן אים פאַרקנעכטן.

אויך נישט דערפאַר, אַ פרייהייט, איז מיר טייער
דיין גאַסטן צווישן אונדז, ווייל דיר צושטייער
גיט דער המון דאָס גלייכגילט זיינם אַוועק
און ווערט אַ האַרץ־צעגויפגעשמידטער כּלל.

איך וויים: אויף מאָרגן איז ער גרייט פאַרהאַנדלען
דיין קאָפּ דעם שונא, און איז גרייט פאַרוואַנדלען
דיין הויכקייט — אין אַ טאָל פון טויטער שרעק,
דיין ווייסן טעמפּל — אין אַ רויטער שטאָל.

נאָר טייער ביסטו, פרייהייט, מיר דערפאַר,
ווייל ווען עס נעמען שטורעמען די צייטן —
גייט אויף די האָפענונג, אַז ס׳וועט דער גזר
געבוירן סוף-כּל-סוף אַן אָדם אַ באַנייטן,
און ווייל ס׳דערגייען הערצער, אַז עס ווערט
דאָרט אויבן פון דעם מענטשן-טאָל געקלערט,
אַז נישט פאַרגעסן האָט מען דאָרט די ערד,
ווי אַ קאָשמאַר אַ וויסטן און אַ ווייטן.

## טו

## א ח ד

אַ טרייסט איז דאָ — די הויכע טרייסט פון בייטונג.
אויב גאָרנישט איז ווי פריער, ווי-אַמאָליק,
וועט אויך בייטן זיך די הערשאַפט פון עמלק,
און צייט, וואָס איז געוואָרן בלוט און צייטונג,
קאָן ווערן קץ-הימין. העל-קרישטאָליק
קלינגט האָפענונג אין מיר און כ׳זאָג צו זיך:
ס׳וועט בושעווען עמלק —
דערנאָך קומט ליכט.
נאָכן ים פון קולות בלייבט אַן עכאָ,
נאָכן טומל פון די דורות עכאָ׳ט
איין קלאַנג, איין עכאָ:
א ח ד!

טז

# אחר

ההוא ינוקא — — — שקל ספינא וקרעיה.
(חגיגה)

## I

איר זעט דעם אַלטן מרה־שחורהדיקן זנאַכער?
אַט דעם, וואָס ברומט כּסדר: אַבני־שיש?
איצט האָט ער נישט קיין נאָמען... ס׳איז נישט ער —
ס׳איז אַן אַנדערער. ס׳איז א ח ר.

קוקט אים אָן! ווי מאָך אויף שטיינער גרינט
אויף זיין לייב אַן אַלט צעריסן מלבוש.
דאָס איז דער, וואָס האָט געטויט אַ קינד.

ס׳איז אַלץ זינט יענער מעשה מיטן פּרדס...
זאַלבעפערט געזען — און יעדער עפּעס אַנדערש.
איז גאַנץ געבליבן איינער נאָר: עקיבא.
אַ צווייטער איז צעמישט, אַ דריטער טויט,
און דער פערטער האָט אַ קינד געהרגעט.

קוקט אים אָן, נאָר גייט צו אים נישט צו.
ער איז נישט נאָר אַ מין, אַ שפּאָטער און פאַרלאַכער.
ער זאָגט אַליין: אַ קינד האָב איך געטויט!
נישטאָ קיין עדות קעגן אים, נאָר ווייסט:
עס האָט אַ קינד געהרגעט אחר.

## II

פאַר זיך אַליין רעדט אחר זיך אַראָפּ פון האַרצן.
אַבני שיש טהור, — מורמלט צו זיך אחר.
וואָס ווייסן זיי, די אַלע, פון די אַבני־שיש?

גיי איך אויפן גאַס — באַפאַלט זיי אַלעמען אַן אימה.
ווי זיי שושקען זיך דאָס אַלע, ווי זיי גלאָצן!
ס'האָט אַמאָל מיך עמעצער פון זיי געפרעגט:
וואָס איז געשען? האָב איך געענטפערט: ווייסט נישט?
אַ קינד האָב איך געהרגעט!

בין איך דער בייזער וואָלף ביי אַט דער סטאַדע.
אַ קינד האָב איך געטויט, — נו, יאָ, אַוודאי,
נאָר נישט קיין פרעמדס — אַן אייגנס.
אלישע-בן-אבויה איז געווען אַ קינד.
האָב איך געטויט דאָס קינד אלישע. און אַצינד
בין איך דער אַנדערער — דער רייפער מאַן,
וואָס ווייס דעם אמת...
אַבני שיש... אַבני שיש...

## III

זיי זיינען זאַלבעפערט געווען אין פרדס.
איז גאַנץ געבליבן איינער: רב עקיבא.
פאַר יחידי-סגולה
דערציילט רבי עקיבא מיט אַ ציטערדיקער לעפץ:

מיר זיינען זאַלבעפערט אַריין אין פרדס...
זאָגט אלישע: ס'מוז דאָ ערגעץ זיין מטטרון —
נאָר ווער דאַרף אים, אַט דעם פוסטן שפּילער?
ער געניאַרט מיט בילדער און געשטאַלטן.
לאָמיר גיין צום מקור — צו דעם אחד.

הער איך, פייגל ריידן
צווישן זיך אויף פרדס-ביימער הויכע:
מטטרון איז ביי אים אַ פוסטער שפּילער,
און אַנדערש נישט — צום סאַמע אחד וויל ער!
איר פאַרשטייט? ער וויל! אלישע וויל!

חוץ מיר הערט קיינער נישט דאָס פֿייגלשע גערייד.
איך שמעק די לופֿט: ס'ווערט עפּעס דאָ געגרייט.
און אָט —
פֿאַרהילט אין ליבנת־ספּירדיקע ליילעכער,
גיט עמעצער אַ פֿאָר אויף רעדער פֿון אַ דונער
הויך איבער די קעפּ אונדז — און מיט גבורה גריילעכער
קוילערט זיך אַ קול:

ד ו ביסט עס, אלישע?
אחד רעדט! אנכי —
איך בין גאָט, דיין גאָט!
וואָס זוכסטו, יליד־אשה?

טראַכט איך: דאָס מוז זיין דער שר־הפּנים.
פֿאַרדראָסן האָבן אים, אַפּנים,
אלישעס רייד.

איידער וואָס
איז אלישע ציטערדיק געפֿאַלן אויפֿן פּנים.
נאָך אים בן־זומא און בן־עזאי.
שטיין געבליבן איז בלויז איינער — איך.

שטיי אויף, אלישע, — הערט זיך אַ באַפֿעל, — און קוק!
שטייט אויף אלישע,
גרייט צו זען דעם שיעור־קומה,
נאָך אים — בן־עזאי
און בן־זומא,
און די ליבנת־ספּירדיקע ליילעכער
גיבן ברייט זיך אַ צערוק.

וואָס־זשע זעט מען?
צוויי מירמלשטיינער, אבני שיש טהור:
דכורא — מירמל ווייסער,
נוקבא — מירמל שוואַרצער.

ער — טאָג און מאַן, וואָס טראַציקט: וויל איך!
זי — נאַכט און ווייב, וואָס שעפּטשעט: וויל מיך!
און נון, זיי גיסן פּנים־קעגן־פּנים זיך צעניוּת,
און עס שאַרכט דער פּרדס: „שטילער — — שטילער — — —
יחוּד״ — — — —

מיטאַמאָל
קערן ביידע ברוגזדיק אַוועק די קעפּ.
מיט די רוקנס זיינען זיי באַהאַפטן,
נאָר יעדער קאָפּ קוקט ערגעץ אַנדערש:
מאַנסבילד — רעכטס־צו,
ווייבסבילד — לינקס־צו.
איינציק מיטן רוקן,
בייז־ווידעראַנאַנדיק מיטן קוקן — —
אויף דער קאַנווע פון דעם אחד
איז אַ צווייאיקייט געהאַפטן.

דאָ האָט אויפגעטרייסלט גאָר דעם פּרדס
דאָס פּחדימדיקע שרייען בן־אבויהס:
צווייאיק איז דער אחד! צווייאיק איז דער אחד!
שתּי רשוּיות!

און שוין — און אוים —
צוריק אַרונטער זאַלבעפערט...
איינער איז געשטאָרבן,
אַ צווייטער איז פון זינען,
אלישע וואַנדערט ווי אַ שאָטן אויף דער ערד —
און מיינט: ער ווייס... אין שטוב ווי אויפן גאַס
מורמלט ער כּסדר: אבני שיש...
און מטטרון? זעכציק שמיץ פון פייער
האָט מען אים געגעבן: פאַרן א ח ד, מלאך,
טאָרסטו נישט פאַרשטעלן זיך אַפילו צוליב שפּאַס!

יז

# די הענט־זעאונג

און ס'האָט געטראָפן, אַז פון אונטן, פון דער ערד,
וואָס ליגט צעבלוטיקט און צעטרערט,
וואו טויטן טאַנצן, לעבנס ווערן ניזוק, —
האָט אַ מענטש־פיגור אַרויפגעטורעמט ריזיק,
זיך גענומען טראָגן הויך אַריבער
וועלטנ'ס דעכער.
שטערן זיינען זיך צעלאָפן פאַרן צאָרן
פון דעם שליח־ציבור,
פון יענעם מענטש־אַסטראַל, וואָס האָט אַלץ העכער, העכער
געהויבן זיך צו אים,
צום טוער, צום יאָ־ניינער, צו מטטרונען.
ער, דער ווערער, ברוויזער, ברעכער,
איז פאַרברעכער —
ע ר איז שולדיק!

אַ יונגע זון —
אַזוי איז אויפגעגאַנגען פאַרן מענטש מטטרון.
געשטאַנען איז די מענטש־געשטאַלט געבלענדט.
נאָר איידער ס'האָט גע'וואָס'ט און איידער ס'האָט גע'ווענ'ט
האָט מטטרונס פּנים זיך געשפּאָלטן:
איין העלפט איז זון געווען, די צווייטע — נאַכט.
פאַרשוואונדן איז דערנאָך זיין שיעור קומה.
געבליבן זיינען — הענט.

הענט
האָבן זיך פאַרוואָרפן איבער הענט:
הענט — רעדער,
הענט — שאָטנס,
הענט — שטראַלן,

הענט וואָס באַפֿאַלן,
הענט וואָס זוכן,
הענט געהויבן צום דוכן,
הענט — קינזשאַלן.

איינס אין אַן אַנדער
האָבן די הענט זיך געפֿלאָכטן,
די הענט, וואָס האָבן געדוכנט,
און די, וואָס האָבן געשאָכטן, —
זיך געפֿלאָכטן, געלאָפֿן
הין-און-צוריק
אונטער אַ ווייטער
געהיימער מוזיק — — —

געשווידערט האָט דער מענטש-אַסטראַל
און זיך צעטענהט:
„מיט די הענט וואָס בענטשן, דוכנען און שטראַלן,
פֿאַרשטעלסטו די קינזשאַלן!
דו, וואָס אין דער בלענדיקייט פֿון יונגשאַפֿט
ביסטו מיר אויפֿגעגאַנגען, פֿאַלשע זון,
אַ רגע׳לע געשמייכלט,
זיך צעצווייט
און דערנאָך צעשפּליטערט זיך אויף הענטוואַרג, —
ווער דאַרף דיין טואונג, אַז נאָר טויט איז איר באַשייד?
אַ לץ אַ קברן ביסטו, וואָס ביים אויסגראָבן די גרוב
שיטסטו ניבול-פּה און קראַקעסט אַ געלעכטער;
אַ תּלין ביסטו, וואָס בלייבט שטיין
מיט דעם אָפּגעהאַקטן קאָפּ אין די ידים
און שטעלט אים אויס אַ צונג:
כ׳האָב דיך אָראָפּגעפּליקט, דו עפּעלע באַטעמ׳טס,
דו קעפּעלע צעדמטס — — —

וואָס קומט אַרוים פון הענדום-פּענדום דיינעם,
פון דיין אַנאויפהערדיקן הין-און-קריק?
ביז וואַנען וועסטו טאַנצן אויפן שטריק
אין דעם צירק מיטן בלוט-רויטן שילד:
ג ע ש י כ ט ע !?

דו, וואָס פון פאַרנט שטראַלט מלאך פון דיר —
צי טראָגסטו נישט אַ שלאַנגען־עק פון הינטן,
שוואַרץ ווי אַ מערדערס געדאַנק אין דער נאַכט פונעם מאָרד?
ביטערער צענויפמישער פון זון מיט רינשטאָק!
אין אַלע בלאַטעס וואַלגערט זיך דיין פייער —
און ס׳זיינען אין זיי די חזירים
נאָך אַלץ נישט געוואָרן פאַרברענט.
ווען וועט לינקס אויף לינקס גיין, רעכטס — אויף רעכטס?
גוטס און שלעכטס —
ווען שיידסטו זיי פונאַנדער?
ווילאַנג נאָך מישסטו זיי — דו יאָ-און-נישט?
רק געמישט, אכזריותדיק געמישט!
גיפט-מישער! פאַרברעכער!״

ס׳האָט אויסגעזען ווי ס׳וואָלטן שטיל געשמייכלט אַלע הענט.
זיי האָבן זיך צונויפגעגאָסן און געוואָרן
אַ פאַרמאַכטער פּעכער.
דער פּעכער האָט אַ פּאָך־געטאָן קוים־קוימיק
און איז פאַרשוואונדן אין אַן אויבן־איבער־אויבן.
פייגל, וואָס זינגען אָן אַ קול געהיימע לויבן,
האָבן אָן אויגן אַרונטערגעקוקט פון די נעסטער.
אָן האַפט
זיינען געלעגן די ווערטער פון לעסטער,
הארבסטיקע בלעטער אַ קופּע, פון ווינט נישט געהויבן.
די מענטש־געשטאַלט האָט שוויגנדיק געגאַפט.

פון פאַרהוילנסטן אויבן
האָט ס'קול מטטרונס גערעדט:
„מיין אויבן איז קעגן דיין אונטן,
ווי טיר קעגן טיר.
די טענות דיינע צו מיר —
ווייסט, וואָס זיי זיינען?
מיינע טענות צו דיר".

## יח

## די זעאונג אין מדבר

ביי חורב, דעם הייליקן באַרג, האָט דער נביא גערופן:
כ'האָב געטאָן דיין באַפעל,
מיט בלוט פון דיינע שונאים רויט געמאַכט דעם נחל קישון.
פון דיין וועלט, וואו מען קאָן זיך אָן שלאַכט נישט באַגיין,
נעם צו מיין זעל:
זי איז אַמאָל דאָ געשטאַנען,
דיין לא־תרצח געהערט.
— — — — — — — — — — — — — — — —

און נון צערינט די זון, הערט אויף צו זונען.
זאַמדן יאָגן ווי טאַבונען
ווילדע פערד.
עס שרייט אַ ווירבל־ווינט: אָט גיב איך פעלדזן אַ צעשטויס,
אָט צעטראָג איך זיי אויף שפּליטער!
אין רעכטן מיטן ברויז
שטעלט זיך אום אין וועג
אַ שטאָק אַ זייליק־גלייכער,
ווי געהאַלטן
פון אַ האַנט וואָס איז באַהאַלטן...
הויך געהויבן, טראַציק גרויס,

אַן צוק, אַן ציטער — —
פון ווירבל דעם צעפּראַלטן
שאַלט אַ קול:
ווען גייט ער דאָ פאַרהאַלטן,
דער מטה? מיך?

אויף אַ ווײַלע
טרעט אָפּ דער ווירבל הינטערווײַלעכץ,
נעמט זיך בערגלען ווי דער רוקן
פון אַ חיה גרייט צום שפּרונג
פון פאַרצוק,
און אָט — פון דער זײַט
אויפ׳ן מטה
אַ האַסטיקן קוק,
אַ רוק, אַ שטויס,
אַ יאָג פאַראויס,
אַ שמעטער — נאַ!

וואַלגערט זיך אין שטויב דער מטה...
און אין ווירבל טאַנצט אַ נחש,
און דעם נחש׳ס קאָפּ, — אַ מאַטע,
גלאַנציק-מאַטע, קליינע קרוין, —
וויגט זיך שכּור.

דיבאָם שטייט דער נחש אַ מינוט,
טוט
ראַפּטום זיך אַ בויג אַרונטער,
די דאָפּל-צונג אַ שליידער —
און אַ בים דעם מטה, וואָס ליגט אונטן,
געפּליקט פון ווירבל ווי אַ שמאַטע.

שרייט פון פיין דער געביסענער מטה.
אַ געשריי, אַ שפּרונג-אויף,
דעם נחש אַ קלאַפּ,
און איידער וואָס
זיינען אין הארץ פון צעקאָכטן
ווירבלווינט ביידע,
נחש און מטה,
אין אַ געראַנגל פאַרפלאָכטן.

(אַ מטטרונשער לעת-עתּה!
ביז ווי לאַנג וועט שלאַכט זיין?
דו, מטטרון,
ביסט דאָך סיי נחש, סיי מטה —)

דער נחש בייסט, דער מטה קלאַפּט
דעם נחש'ס פעל די גליטשיק-גלאַטע,
און דער ווירבל שפּאַלט די ערד,
און די ערד
וויל איינשלינגען דעם מטה.
ווי אַ קראָקאָדיל
פראַלט זי אויף דעם שלונד —
פאַרשלינגען, פאַרשלינגען!
אירע איינגעווייד הוילן — — —

נאָר מיטן כּוח פון דעם שם,
וואָס ליגט אין אים פאַרהוילן,
נעמט דער מטה שפּרינגען
— דער ערד איבערן קאָפּ —

גאַלאָפּ
שפּרינגט אים נאָך דער נחש — שיפּעט
בייז צע'קליפּה'ט,
וויל זיך אָן דעם מטה קלאַמערן,

קנוילט זיך, ווארפט זיך ווי אַ כוואַליע
פון תהומא־רבא׳ס טיפסטע קאַמערן,
און פון צאָרן ברענט דערווירבל,
ברענט
די אויפגעפּראַלטע ערד.
ווירבל, טרייסל, בראַנד —
רוח, רעש, אש!

זאָגט דער נביא:
וואָס באַווייזט מען מיר אַזוינס?
כּוחות ווילדע, כּוחות גרויסע —
בין איך נישט פון זיי געלאָפן?
לא טוב אָנכי מאבותי —
צו די אָבות מיינע וויל איך.
כ׳וויל אַוועק!
און אַן עק
צום ראַנגלעריי!
וויסטע זעאונג, גיי פאַרביי — —

הערט דער ווירבל
און פאַרשטומט ווערט זיין געהויל.
הערט די ערד און שליסט דאָס מויל,
הערט דער בראַנד און ווערט פאַרלאָשן.

נביא, זעסט?
דער מטה בליט, ער איז אַ בוים,
און דער נחש איז פון בוים
די גלאַנציק־מאַטע קרוין,
און דעם בוים צופוסנס ליגט,
העל ווי טוי,
די שטילקייט.
ווער נענטערט זיך? ווער גייט?
זאָגט די שטילקייט: „א ד נ י!...

אָבער פריער מוזן זיין
ווירבל,
טרייסל,
אש-להבה, —
פריער קומט נישט גאָט, אַ נביא!״

יט

## אַזוינס, וואָס בלוטיקט־מיט

אויף חורבות פון זיין הויז האָט גאָט אַראָפּגעבליקט,
אויף וויסטענישן פון זיין בית-המקדש,
און ס׳האָט פון אים אַרויסגעיאָמערט: וויי!
מיין פּראַכט איז אַש, מיין שטאָלץ — אַ הויפן שטיינער.

און אָנגענומען האָט מטטרונען אַ וואונדער.
האַר, — האָט ער געזאָגט, — דו ווייסט דאָך גריילער,
אַז ס׳איז דאָס הויז צושטערט אויף ד י י ן באַפעל.
געוויס, דאָס האָט דער שונא פון מיין האַנט
געקראָגן אַלע פלאַמען פאַר זיין בראַנד,
נאָר איך — ווער בין־איך דען, אויב נישט דער נ ע ר
פון דער שכינה? כ׳בין דאָך נאָר אַ דינער...

און גאָט האָט נישט געוואָלט, מטטרונס האַרץ
זאָל ווייך ווערן ביים אויספיר פון באַפעלן,
האָט ער אַ טרעריקער צו אים געשמייכלט
און אים באַזונפטיקט. נאָר דערנאָך האָט גאָט
פאַרשפאַרט זיך אין דעם אָרט, וואָס הייסט מסתרים,
און פריי געלאָזט זיין ווייטיק. האָט חרטה
באַוועלטיקט אים? חרטה קאָן באַצווינגען
אַ מענטשן בלויז. ניין, ס׳איז אַזוי געשען
ווי ס׳האָט געשען ג ע מ ו ז ט: די טאָכטער ציון
האָט אָפּגעיאָגט מיט טואונג ווידערשפעניקער
די בחירה פון איר שוועל.

נאָר ווען עס בלוטיקט
דער יחיד צי דער כּלל פון וועגן זינד,
איז דאָ אין גאָט אַזוינס, וואָס בלוטיקט־מיט.
אין יענעם טאָג האָט גאָט פון זיין מסתּרים
אַראָפּגעבלוטיקט טרערן
און יענע טרערן זידן ביז אַצינד, ווי ס׳זידט
אין הייליקייט פון טרויער
דאָס האַרץ דאָס גלותדיקע פון אַ ייד.

## כּ

## לעצטער חשבון

### I

געוויין דעם שטנ׳ס טיף ביינאַכט:
נאָך וואָס האָט מיך דער מענטש געמאַכט?

אַ זאַך ווי איך האָט נישט געזאַכט —
האָט ער אויפ׳ן כּח מיך געמאַכט.

אויפסגוואַלד בין איך פאַראַן פון זינט
ער מאַכט מיך וואָר מיט זיינע זינד.

צו דיר, אַ גאָט, גייט אויף מיין פּיין
פון זיין־אויפסגוואַלד, פון מוזן זיין.

צו דיר געהער איך און כ׳באַגער
אין דיר אַ זכר זיין, נישט מער.

איך בין אַ וואָר, וואָס וויל נישט זיין.
כ׳וויל זיין נאָר דיין, נאָר דיין, נאָר דיין.

וואָס טויג מיר זיין, וואָס טויג מיר מאַכט?
נאָך וואָס האָט מיך דער מענטש געמאַכט?

## II

מטטרונס רוף אין טיפער נאַכט:
וואָס האָסטו, מענטש, פון אים געמאַכט?

באַשענקסט אים איבערגוואַלד מיט מאַכט
און בויסט לכבוד אים די שטאָט!

צום שטן זאָג: דו ביסט נישטאָ.
ער זאָגט אַ דאַנק — און ער נישטאָ'ט.

כ'בין צוויי־באַדייטעוודיק ווילאַנג
דו גיסט דיין קראַפט אים צום געשאַנק.

העלף מ י ר, דעם מלאך־מענטש, נישט א י ם —
און ס'וועט די הילף נישט זיין אומזיסט:
צו ווערן הער איך אויף — און כ'בין!
צו ווערן הערסטו אויף — און ביסט!

## III

געוויין דעם שטנס טיף ביינאַכט:
נאָך וואָס האָט מיך דער מענטש געמאַכט?

מטטרונס רוף אין טיפער נאַכט:
וואָס האָסטו, מענטש, פון אים געמאַכט?

דעם מענטשנס פרעג אין טיפער נאַכט:
וואָס האָב איך, מענטש, פון זיך געמאַכט?

פאַרוואָס זאָל איך אין גאַר מיין מאַכט
נישט אויפגיין זוניק אין דער נאַכט?...

## כא

# אָנזאָג דער שטאָט

זנות און מאָרד! אין קליינע קינדער
ליגט דאָס קינד דערהרגעט.
הימלען לעכערט כּולו חייב,
רייסט זיך הויך צום פּרגוד.
ס'צינדט פאַרברעכן אַלע שוועלן,
ס'חושכ'ן פּאַלאַצן,
און פון צווען סאַמע גרוילן
ווילן פענצטער פּלאַצן.

שטאָט, וואָס העכער פון די שטערן
הויבט זיך דיין האַרמידער, —
קראַנק און קראַנקער וועסטו ווערן,
מידער אַלץ און מידער.
הער איך דיך, פאַרשייטע, קאָכן,
וויים איך: פון דיין קאָכן
וועט זיך אויסזידן די לעצטע
פון דער ערדס עפּאָכן.
מיד צום טויט פון דיינע מאָרדן,
מיד פון דיינע זנותן,
וועסטו, אויסגעמאַרכטע זונה,
אויפבענקען צו רותן.
און ווען רות וועט זיך באַווייזן,
די געהיימע אינדין,
וועסטו מער נישט וועלן בלייבן,
גלוסט זיך דיר פאַרשווינדן.
און פאַרשוואונדן וועסטו ווערן,
די מיט דיינע רעשן,
און די זון פון קץ-הימין
שפּילט אויף דיינע אַשן.

כב

# בראשית פון דער נאָכצייט

און ס'וועט זיין: אויב דער מענטש וועט אַוועק אויף די וועגן פון ליכט,
וועט פאַלן די שטאָט וואָס הייסט שקר.

און ס'וועט זיין: אַז מטטרון וועט בלאָזן צום זיבעטן מאָל,
וועט פאַלן — אַזוי ווי יריחו אַמאָל —
די שטאָט, וואו עס וועט זיך פאַרפעסטיקן גולם דער גרויסער,
גולם דער זיבעטער.

די דרויסנדיקע האָט זיך אויסגעדאַכט,
אַז גולם דער זיבעטער
איז איבער־איבער־מאַכט,
נאָר גרוים וועט זיין דאָס געלעכטער
ווען זען וועלן אַלע,
אַז שקר איז אַ שטאָט, וואו קיינער וואוינט נישט,
אַז גולם, איר באַהערשער, האָט געהערשט
איבער ווינט און שפּינגעוועב,
און אַז נישט געשטאַנען איז קיין חייל הינטער אים.

און ס'וועט זיין: אַז שקר־שטאָט וועט פאַלן,
וועט מטטרון אַריין אין דער שטאָט,
און נאָך אים — מלאכים און מענטשן צוזאַמען.
זען וועלן זיי, ווי צופוסנס זיין שטרויענעם טראָן
קניט גולם דער זיבעטער,
קינד אָן אַ מאַמען.
זיי וועלן אים אָנרירן,
וועט ער צעפאַלן.

געלעכטער וועט שאַלן
צוערשט.
אָט דער האָט געהערשט?

דערנאָך וועט אַ שטילקייט
מיט זילבערנע טריט זיי באַגלייטן
איבער דער שטאָט.
זען וועלן זיי גערטנער,
וואָס זייערע בוימער
צעפליען ביים צוקום ווי איבערגעשראָקענע סאָוועס
און ווייזן זיך נישט ווידער,
און פּאַלאַצן, וואָס דרייען זיך אויס מיטן רוקן
און קומען צוריק נישט.

אַלץ וועט פאַרפאָרן אין גאָרנישט-לאַנד
און וועט לאָזן לעצט-געלט — אַ נישט.
און ס׳וועט זיין ווי אַ גאָרנישט די ערד
אונטער די טריט פון דער שטילקייט.
און, איינגעוועבט אין יענער שטילקייטס זייד,
וועלן צו איין-און-דערזעלביקער צייט
אומעטום
זיך אָפּשטעלן זייגערס.
און דערנאָך
וועלן אויפהאָרכן אַלע, מלאכים און מענטשן צוזאַמען,
און די שטילקייט וועט אויפהערן גיין
און וועט שטיין און וועט האָרכן מיט אַלע מלאכים און מענטשן:
צו איין-און-דערזעלביקער צייט
וועלן ווידער די זייגערס אָנהייבן גיין —
שפּיצפינגערדיק-שטיל אַזוי, שטיל אַזוי,
און אויסשפּילן טיף, און אויסשפּילן ווייט,
נאָכ׳ן סוף פון דער אַלטער וואָך-צייט,
דעם בראשית
פון דער נאָכצייט.

כג

# נײ־אדם

דער מאַן װיל מאַן נישט זײַן, די פֿרױ װיל פֿרױ נישט זײַן —
(זע פֿריִער, דאָס ליד: שװינ׳ס)

מיר האָט געחלומט, אַז מטטרון האָט געטראָפֿן ערגעץ
דעם גײַסט פֿון שאול׳ן, װאָס איז געװאָרן פּױלוס,
און געהערט האָב איך אַזאַ־מין דיאַלאָג.

**מטטרון:**

נישט אַנדערש, נאָר דײַן מעשה איז געװען באַרעכנט
(װי נאַריש!) אָפּצושטעלן דאָס געטרײַב,
װאָס איך טרײַב די צײַטן. ס׳מוז דער גואל
קומען פֿון אַ מאַן־באַפֿרוכפּערט װײַב —
ער איז דער צװעק פֿון גאָר מײַן טואונג: נאָכמענטש
אין דער נאָכצײַט. קומסטו און דערצײַילסט,
אַז ער איז געװאָרן און געװען שױן:
אַ בתולה איז געװען זײַן מוטער, און נישט־מענטש
איז געװען זײַן פֿאָטער.

**פּױלוס:**

אױף צו װערן
משיח׳ס מוטער דורך באַפֿרוכפּערונג, מוז חוה
אַן אַנדער חוה זײַן און פֿאַר אַ מאַן
אַן אַנדער אָדם האָבן.

**מטטרון:**

כ׳װיל, אַז דאָס זאָל זײַן!

**פּוילוס:**

דאָס קאָן נישט זיין און וועט נישט זיין. פאַרשאָלטן
אויף אייביק איז די ערד. כ׳האָב מיט מיין דיכטונג
געפּרואווט אַ חלום ראַטעווען: דער גואל
איז כּלומרשט שוין געווען, האָט שוין דערלייזט.

**מטטרון:**

און דאָס זאָל זיין אַ טרייסט? עס קאָן נישט טרייסטן
דאָס אויסגעטראַכטע. האָסט דורך דיין געשיכטע
מיט אַ קונץ געוואָלט פאַרהאַלטן די געשיכטע.
ס׳אַרא אומזין!

**פּוילוס:**

און געשיכטע איז דען נישט
קיין אומזין? וואָס איז ווערט דער גאָרער פּאַרקום
אויף דעם מיסט־קאַסטן וואָס רופט זיך ערד?

**מטטרון:**

די ערד מוז ווערן אויסגעלייזט פון וועגן
דעם באַשאַף דעם גאַנצן.

**פּוילוס:**

פליש מוז אונטערגיין.
ערד פאַרשאָלטענע איז אומזין. קעגן וועלטן
איז איר מיסט־קאַסטן אַ שטויבל.

**מטטרון:**

אויב איין שטויב נאָר
איז אומזין, איז אַן אומזין ס׳גאָרע ווערק
פון דעם באַשאַפערס האַנט. דעם גייסט האָט פיינט
ווער ס׳איז דעם פליש אַ שונא. איך בין אויך
פליש געווען! כ׳בין מענטש געווען: חנוך...

און איצט בין איך מטטרון שר־הפנים!
אויך איך באַגער, געשיכטע זאָל זיך אויסלאָזן,
נאָר נישט דורך אונטערגאַנג פון פלייש — דורך העכער־גאַנג!
נישט דורך אויסטראַכט קומט גאולה, — ניין, דורך טראַכט,
דורך בלוט־געבורט!

**פוילוס:**

דו האַלטסט נאָך אַלץ ביי גאָרנישט
און וועסט ביי גאָרנישט בלייבן.

**מטטרון:**

כ'יאָג די צייט —
איך יאָג זי איצט מיט אימפּעט נישט־געוועזענעם.
דער מענטש איז קיינמאָל נישט געווען אַזוי
צעאומרואיקט ווי איצטער. ס'איז אַהער
אָדער אַהין. וואָס זיינען די אַמאָלן
אָקעגן די סמבטיון'דיקע היינטן?
דער מאַן וויל מאַן נישט זיין, די פרוי וויל פרוי נישט זיין —

**פוילוס:**

זיי ווילן חיה זיין —

**מטטרון:**

און אפשר — הויבן זיך
ווי ס'האָט פון מענטשאַפט זיך אַ הויב־געטאָן חנוך?
דער מאַן וויל מאַן נישט זיין, די פרוי וויל פרוי נישט זיין —
זאָג איך, דער שר מטטרון: אויב אַזוי —
ווער איבערמאַן, דו מאַן!
ווער איבערפרוי, דו פרוי!
און געבוירט מיר ס'איבערקינד, וואָס איך באַגער:
אָ ד ם - מ ש י ח. דענסטמאָל שטעלט זיך אָפּ
געשיכטע — שבת קומט — איך רו —

**פוילום:**

דאָס פלייש
געבוירט נאָר אומצוכט. דיין משיח וועט נישט קומען.

**מטטרון:**

דער מאַן־און־ווייב געבוירענער משיח
איז פאַראַן, פאַראַנען אין מיין זעאונג —
און איך, באַוועגער, וויל אַזוי באַוועגן,
אַז מענטש זאָל אים פאַרוואַנדלען אין ג ע ש ע א ו נ ג.

**כד**

## געזאַנג פון עיגול און קוואַדראַט

אויב ס׳וועלן זיך משיח׳דיק באַהעפטן מאַן און פרוי,
וועט זיין געזונגען אַט אַזוי:

זעט־נאָר, זעט, ווי עיגול און קוואדראט געגעגנען!
זעט, זיי גיסן ביידע זיך צונויף,
כאָטש זיי בלייבן ביידע וואָס זיי זענען — — —

דער קוואדראט איז נישט עיגול — און א י ז עס!
דער עיגול — קוואדראט נישט, און א י ז עס!
באַוועלטיקט ביסטו, נאטור —
מיט אַן אחיזה,
שטאַרקער פון אַלע אחיזות,
איז איינער געקלאַמערט אַן צווייטן! אָט א י ז זי,
פון קרייז די קוואַדראַטור!

לאָמיר זינגען! ווי העל! ס׳ווערט אַלץ העלער און העלער!
זינגט און קוקט
צום געמעל איבער אַלע געמעלער:

אין לויטערן שאָטן פון דער שכינהס פליגל —
אַ ן  ע י ג ו ל.
באַהאַפטן מיט דעם עיגולס קיילעכיקע לענדן,
וואָס בלענדן, —
אַ  ק ו ו אַ ד ר אַ ט.
ס'האָט זיין אַרבעט פאַרענדיקט מט"ט — — — —

## כח

## ק ץ

איבער און איבער דער דרויביקער צעשטויבונג,
דער צעקרישלטער צעדרויבונג, וואָס מיר רופן זי וועלט,
און איבער יעדער בענטשונג, יעדער גלויבונג און לויבונג,
וואָס מיר גלויבן, וואָס מיר לויבן און בענטשן אויף דער וועלט; —

און העכער פון היכלות און פון אויבערשטע געמעכער,
און איבער יענער הויכקייט, וואָס פון הויכקייט איז זי קליין,
און העכער נאָך, און איבער און אַריבער יעדן העכער,
און איבער יעדער אמתקייט און איבער יעדן מיין; —

און איבער אַלע ימען, וואָס באַגיסן אַלע ערדן,
און באַגיסן די געהיים-ערד, וואָס מיר רופן זי מענטש;
איבער הענט ווי די בלומען און איבער הענט ווי שווערדן,
איבער נאָך-נישט-מענטש, אויס-מענטש און קיינמאָל-נישט-מענטש; —

איבער שרפים, אופנים און הייליקע חיות,
איבער און אַריבער אָן אָן אָפּשטעל און אַ ב י ז;
איבער און איבער דער נבואהס הימאַלאַיאַס
און איבער יעדן אפשר און יעדן געוויס;

הויך איבער די פייגל, וואָס זיי קאָנען מער נישט פליען
פאַר לויטער, לויטער פליגל און פאַר לויטער פליערייַ,

און הויך איבער די פייערן, וואָס קאָנען מער נישט גליען,
נאָר לעשן זיך און פינצטערן פון לויטער גליערייַ;

דאָרטן, וואו דער ים איז אָן אָן אָנהייב, אָן אַ באָרטן,
וואו איטליכע צוקונפט הערט אַ פּלוצלינגען: עד כאן;
דאָרטן, וואו נישטאָ איז נישט קיין דאָ און נישט קיין דאָרטן;
דאָרטן, וואו ס׳פּאַראַניקט נישט־פּאַראַניקסטער פּאַראַן, —

וואַרט פון אייביק די גאולה... זי אָראָפּצוברענגען אונטן —
דאַרפן אָנהערש זיך באַהעפטן ווייב און מאַן!

## כו

## ערשט נאָכגעזאַנג: אויב יאָ

כלה דו לויטערע, כלה אין וויַיסן!
ס׳קלייד, אַזוי וויַיס,
וויל דיר צערייַסן
משוגענערווייַז
אַ כלב אַ כעסן.
נאָר אויפן וועג
ווערט ער אוים הונט,
מלאכט און זונט,
באַגלייט צו דער חופּה דיך.

חתן דו לויטערער, חתן דו וויַיסער!
וואָס זאָגסטו צום הונט,
וואָס זאָגסטו צום בייסער?
איז אויפן וועג
געוואָרן אוים הונט;
מלאכט און זונט,
באַגלייט צו דער חופּה דיך.

באַגלייט און געבראַכט.
אַלץ איז שוין גרייט.
פּראַכט איבער פּראַכט.
פרייד איבער פרייד.
שושבין-ליכט ברענען.
קינדער, גענענען
טוט צו דער חופּה!

שרים פון שלום,
האַרן פון רו,
גוטע שושבינים!
וואָס זאָגט איר דערצו?
וואָס זאָגט איר צום הונט?
אַבי צום געזונט!
מלאכט און זונט,
חזנט די ברכות.

— — — — — — — — — — — — —

קוקט זיך נאָר איין:
דאָרט איז דער ווייטעניש,
וואו ס'שטעלן זיך אַפּ
כוואַליעס פון בייטעניש,
וואַרט שוין דאָס קינד,
וואַרט אויף געבוירן זיין:
מענטש פון דער נאַכצייט,
וואָס וועט בן-חורין זיין —
אָדם-משיח!

***

זיווג פאַרבאָרגענער...
ס'האָט דער פרימאָרגענער
אויבערשטער האָן
אָנזאָג אַרויסגעלאָזט:
אַלץ האָט זיך אויסגעלאָזט,
אַלץ הויבט זיך אָן.

כז

## צווייט נאָכגעזאַנג: אויב נישט

איך קוק צו דער שוואַרצער שויב —
(ס'ערשטע ליד: אויב)

זיווג פאַרבאַרגענער...
רוף פרימאַרגענער...
אָבער דערווייל,
דערווייל?...

צו דער שוואַרצער שויב
קוק איך און מורמל פאַרלוירן: אויב
אַנדערש? אויב נישט?
אויב נישט?...

און ס'וואַרפט מיך דער נישט
אין אַ שווידער אַריין,
אַזאַ שווידער אַריין.
מן המצר קראתי
יה...

און עס שניידט זיך אַ קול
פונעם חושך אַרויס:
אויב ס'וואַרפט דיך דער נישט
אין אַ שווידער אַריין,
אַזאַ שווידער אַריין, —
איז דאָס גופא אַ סימן,
אַז יאָ!

# יידישע שדים און
# אַנדערע פּאָעמעס

# יידישע שדים

שדין יהודאין...

כ׳וויל דערציילן אַ סיפור מיט אַ תוכן אַ הויכן,
אָבער מיט גראַמען גרינגע.
ס׳איז אויפן האַרצן נישט פריילעך —
מאַכט־זשע, גראַמען, הילולא וחינגא!

כ׳לאָז אייך אַרום אויפן דרך־המלך,
והנה — און אַט דערצייל איך.

א

ימים נוראים. יידן יאָגן דעם שטן.
טראַכט ער:
וואָס מיינען זיי — כ׳בין אַ חרש, שוטה וקטן?
מאַכט ער,
דער וואַסערטרעגער זישע
זאָל סאַמע אין שול,
וואָס איז מיט תפילות פיל און פול,
קריגן אַ הרהור מכּוח אַן אשה
אין עזרת־נשים.

דאַרף מען נישט קיין ניין חדשים:
באַלד אויפן אָרט —
ימים נוראים אין שול, אין אַ גאָטספאַרכטיק שטעטל —
געבוירט יענער הרהור אַ שרעטל.

פלאַטערט ס׳שדל ווי אַ בלעטל.
דערלאַנגט אים דער שטן
אַ פאַטעריש גלעטל
און לאַכט: זה הקטן
גדול יהיה! מעשים נישט קיין שיינע
וועט ער אָנפלאַדיען כּהנה וכהנה,
ווי איך האָב געבאַטן.

ס׳זיינען אויסגעוואקסן ממזרדיקע אומות
דערפון, וואס איך האב אנגערעדט די טעכטערלעך פון לוט׳ן,
און אז זישע האט דערלאנגט א זייטיק קלערל —
וועלן ווערן דערפון מעשים
גאלע פערל.

ב

אמנ׳ם שניידן פון דעם שדל פאסן.
גיט ער מיטן אויג א פינטל,
ווארטשעט ווי א הינטל,
דערזעט א שפארע, קריכט ארויס
און לאזט זיך לויפן איבער גאסן.

דאוונט אויף דרויסן די לופט:
תפילות ברויזן, טרערן רינען,
קדושה שפארט פון אלע ווינקלען — —
אנטרינען מוז מען, אנטרינען
פון גורל דעם ביטערן!
נאקעט, אן א העמד,
די שפיציקע אויערלעך ציטערן,
ביים לעפעלע קלעמט,
פארשארצט דעם ווידל האט עס, —
אזוי לויפט עס, נעבעך, טשלאפעט
איבער בלאטעס.
אויף א פעלד ערגעץ פאלט עס פארסאפעט,
בלייבט ליגן ביי א מאכעדיקן שטיין
און פלאצט ארויס אין א געוויין.
עפעס א געלעכטער
א שד צו זיין אין די ימים-נוראים?
אז פון אלע זייטן
יאגט מען די חטאים!

## ג

דער שטן־מקטרג איז אַלץ נאָך אין שול.
כאָטש יידישע תפילות מאַכן אים דול,
האָט ער נאָך אַלץ זיך נישט אָפּגעטאָן.
דער פּגע־רע, דער שטיק לאַקירדע,
דער עומד־במירדו,
האָט נאָך עפּעס אָפּגעטאָן:
ער האָט געמאַכט, אַז יענע אשה,
וואָס געקלערט האָט פון איר זישע,
היינו: איטקע די שיינע,
זאָל פון איר זייט, לא־עלינו,
כאַפּן אַ קוק צו די מאַנסלייט,
בעיקר צו געצעלע באָס, דעם משורר.
היות אַ געדאַנק איז אַ געבוירער —
ווערט פון דער בלויזער טראַכטונג אירער,
פון דעם בלויזן הרהור,
אַ שדיכע געבוירן: אַ מעסערדיק אויג,
אַ קעפּל — אַ שוואַרצער סטויג,
ברעמען — קשאַקעס.
דער מקטרג לאַכט:
חושך וחלקלקות!
ס׳איז נאָר אַ שאָד,
וואָס כ׳מוז שוין אָפּציען: די שמות הקדושים
מאַכן אויף מיר אַ רושם —
און ס׳טרייבט מיך פון שטאָט.
זיי זיינען, די שמות, אַלטמאָדיש —
און האָבן נאָך אַלץ אַזאַ גבורה!
זיי קענען מיך נאָך מאַכן פאַר אַ קדוש
און קיינער זאָל נישט וויסן פון מיין קבורה.
כאָטש מ׳קאָן נישט זאָגן: פּאָרט עפּעס געלייזט.
דאָס שד׳ל און די שדיכע
זיינען מיין טרייסט.

זיי ווערן אָנפּאַסקודיען נישט קיין ביסל,
נאָר א פולע שיסל.
ס'אַרא חכם איך בין! לאַנג לעבן זאָל איך!

און ער ציט אָפּ — משה-מרדכי הלך.

ד

א שפרונג אהין, א שפרונג אהער
גיט די שדיכע. א פרומע טרער
פון א ייד
גיט א זיד
און יאָגט זי אַרויס.
דרייט זי זיך דרויסן אַרום ווי א מויז.

נאָר דער דרויסן ברענט אויך
מיט היייליקער תּפילה, מיט יראת־שמים:
כּתבנו לחיים,
מלך חפץ בּחיים — —
החזירנו בתשובה שלמה — —

מיט אימה
לאָזט זי זיך אין וואַלד אַריין, פאַרקריכט אונטער א בוים
מיט צווייגן ווי די קאָלטנס,
ציטערט פאַר קעלט, —
אַזאַ קליינס, נעבאַך, אַ פאַרשאָלטנס, —

און צעווײנט זיך.
עפּעס א געלעכטער
א שדיכע צו זיין אין די ימים נוראים?
אַז פון אַלע זייטן
יאָגט מען די חטאים.

ה

ביים שטיין אויפן נאַקעטן פעלד
איז ס'שדל געלעגן.
מיט אַ בייזער בייטש
האָט אים געשמיסן אַ רעגן.

האָט ס'שדל געיאָמערט פון אונטער די שמיץ:
כ'טו, רבונו־של־עולם, דיך פרעגן —
ס'טייטש?
פאַרוואָס זאָל אַ רשע אַ רעגן
אויפן הוילן לייב מיך שמייסן מיט אַ בייטש?
באשר זישע האָט געהאַט אַ הרהור —
דאַרף איך זיין דער פאַרלירער?
ס'איז דאָך מיר אַ ווייטיק און אַ בושה.
גיב מיר אַ בגד און נעם פון מיר צו
דעם רעגן, דעם רשע מרושע.

האָט דער רעגן נאָך בייזער געשניטן:
וואָס פאַרמסרסטו מיך פאַרן אויבערשטן, הא?
כ'בין אַ רעגן אַ כעסן,
מוז איך דאָך שמייסן.
אַזוי איז די גזירה און — פתח־שין שאַ!

ו

איצט לאָמיר אַ קוק טאָן צו דער שדיכע.
כדאי צו וויסן,
וואָס זי מאַכט אין וואַלד אונטערן בוים.
אויך זי ווערט געשמיסן!

עס שמייסט זי דער בוים,
מיט די פאַררעגנטע קאַלטנס שמייסט ער.
קלאָגט זי: דער, וואָס אַ ווערעמל שפייזט ער,

זאָל נישט האָבן פאַר מיר אַ שטיקל קליידל?
כ׳בין עפּעס שולדיק, וואָס איטקע בת פריידל
האָט געהאַט אַ הרהור־עבֿירה?
פאַרוואָס זאָל איך נאַקעט זיין, גאָט?
פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ גזירה?
און פאַרוואָס זאָל מיך קאַטעווען
דער אַכזר, דער בוים?
טו מיך פון אים ראַטעווען,
טו מיך פון אים ראַטעווען!

הערט דער בוים די יאָמערנישן אירע
און זאָגט:
וואָס פאַרשטייסטו, שדיכע, אין חקירה?
אַז דער רעגן שמייסט מיך —
שמייס איך דיך:
ס׳אַ גזירה אַזאַ.
ווער זשע געשמיסן — און פּתח־שין שאַ!

ז

ביידע שרייען גוואַלד:
אויפן פעלד דער שד, די שדיכע אין וואַלד.
נאָר איינס פון צווייטן וויים נישט, כאָטש די פּיין איז
גלייך: דערזעלבער גורל און די זעלבע טענות.
דאָ זאָגט דער רעגן צו זיין ביימשל: האַלט!
דעם אָטעם ציען אָפּ
דער שד אין פעלד, די שדיכע אין וואַלד.
דאָס שדל, פון גרויס צרות,
שלאָפט אַ שלאָף אַ שווערן
(אַז ס׳פּוסט־און־פּאַסעווען די יצר־הרעס!),
און ס׳זעלבע פון דער שדיכע צו הערן:
אויף אַ בינטל מאָך
שלאָפט זי טעג אָפּ אויף איין זייט.

פון צייט צו צייט
רייסט זיך איר פון שלאָף אַן „אַך“.

שאַ, ווינטן פון צפון!
שלאָפן לאָזט אַ שד,
לאָזט אַן אָרעמע שדיכע שלאָפן.

ח

אַריבער די ימים נוראים.
פּאַוואָלינקע, לייכטע און דינע
ווי פּאַוועטינע,
פּאַרציען זיך חטאים —
דערנאָך קומען אָן
מיט ווינטערדיק גראָבע שטיוואַלעס
פּשעים מיט עוונות.
(מחמת גלות, מחמת דלות,
מחמת מזונות).

ווי נאָך אַ כישוף
קומט אויף די שדיכע פון שלאָף —
און לאָזט זיך צו אַ ישוב.

ווי נאָך אַ כישוף
קומט דאָס שדל אויף פון שלאָף —
און לאָזט זיך צו אַ ישוב.

לאָמיר קודם באַגלייטן דעם שד:
ער גייט קיין ציִשעוו.

ט

ס'קרעכצט אויפן וועג דער שד:
וואָס קאָן איך טאָן, אַז נישט אַ שד זיין?

אז איך שטאם פון חטא —
ווי קאָן איך אויסגעהיט פון חטא זיין?
אז זיין אַ שד איז מיין מערכה
די האַרטע —
קאָן איך דען טאָן אַן אַנדער מלאכה?
ס'איז דאָך לכך נוצרתּ!

אין אַ גרויען אָוונט אינדערוואָכן
קומט דאָס שדל אָן קיין צישעוו.
פּאַוואָלינקע, מיט ישוב,
איז עס פאַרקראָכן
אין הקדש הינטער דער הרובע.
גוואַלד, — האָט עס געזאָגט, — ווען קריג איך שוין אַ מלבוש?
כ'בעט דאָך נישט, רבונו של עולם, קיין שובע —
פשוט אַ מלבוש צו פאַרשטעקן דעם ווידל,
ס'זאָל לייטיש זיין און איידל.
מ'זאָל נישט ווערן פאַרשעמט,
וואָס מ'גייט, במחילה, אָן אַ העמד,
גאָרנישט מעשה לייט.

אַזוי האָט עס אין מויל שטילע ווערטער געקייט,
אַביסל זיך געקראַצט, אַביסעלע געגאַוועט,
און — כ'בעט אייך איבער וואָס כ'רייד נישט געבלימלט —
גע'אוירט,
צום סוף אַ קאַפּעטשקע געדרימלט.
דערווייל ווערט נאַכט.
גיט פון הינטער דער הרובע דער שד זיך אַ רוק,
אַ צאַפּ, אַ לאַפּ, אַ קוק,
אַ טענצל דאָ, אַ טענצל דאָרט,
איין ייד — אין אויער אַ רוים,
יענעם — ביים אויער אַ צופּ,
אַ דריטן — אַ שטופּ.

ווערט צווישן די הקדש־לייט אַ רעש,
מחלוקת אַ פולע שטוב.
קיינער זעט נישט: ווי אַן עקדיש
צאַפּלט און וואַרפט זיך
אַ שד׳ל אין הקדש.

סטוסאַקעס, פּעטש ווי די שפּענער,
מע באַלייגט זיך מיט שטעקנס,
מע רייסט זיך ווי די הענער.
אין רעכטן מיטן טומל קריגט יענער, —
דער שד הייסט עס, — אַ מלבוש:
ס׳האָט די עבירה פון שנאת־חינם
צווישן די מאמינים־בני־מאמינים
אים אויף דער שטעל דאָס מלבוש גענייט —
און אים באַקליידט,
געמאַכט פון אים אַ פיינס און אַ פאַרשטעלטס,
אַ צדיק׳ל אין פעלץ.

איז ער שוין באַקליידט מעשה לייטישע שרעטלעך.
מאַכט ער: צישעוו איז אַ העק —
און לאָזט זיך אַוועק
איבער גרעסערע און חשובערע שטעטלעך.

ער פאַרדינט זיין אויסקומעניש ערלעך:
לעשט ביי חדר־יינגלעך די לאַמטערלעך,
מאַכט קעצישע מוזיק,
פּראַוועט לצישע שטיק,
סיגעס, קאָזשעליקעס, יעלות.
אים שטעלט ניט אָפּ אַפילו
איבער אַ קימפּעטאָרינס בעט דער שיר־המעלות.
וואָס מיר סיני, ווען סנסיני,
ער לאַכט זיך אויס פון סמנגלף,
קריכט צום רך הנולד מיט אַן אויג פול שנאה —
גיי, לאָד אים צום רב!

א ייד אַ מקובל
מאַכט צירופי־אותיות, רעכנט אות צו אות,
וויל אַראָפּנעמען דעם שלאָס,
וואָס פאַרשליסט דעם קץ, —
גיט ער זיך, דער לץ,
הינטנאָרום אַ רוקעלע,
צעמישט די יוצרות מיטן בלויזן קוקעלע,
און ס'באַקומט זיך — פּרעגט שוין גאַרנישט.

ער שטעלט זיך ביינאַכט הינטער יאָסעלע מתמיד
און טרייבט אים אַוועק פון דער גמרא.
אַן אַנדערש מאָל נעמט ער און וואַרפט אַרויף
אויף אַ חלוש אַ ייד — אַ פוד יצר־הרע.
און אַז ער צעקריגט צווישן זיך אנשים כשרים —
ווייסט איר מיט וואָס ס'לאָזט זיך אוים?
מיט חרם.

אין טישעוויץ האָט ער פון דעם אַלטן חזן
געמאַכט אַ ווייס־איך־וואָס, אַ בלאָזן:
יענער, שוין אַ זיידע, האָט זיך אויף דער עלטער
פאַרליאַפּעט אין אַ מויד
מיט אַ רויטן נאַקן, דיקע באַקן
און סמאָלעדיקע לאָקן.
ס'האָט זיך אויסגעלאָזט מיט טויט:
מ'האָט אים געפונען הענגען אויף אַ האָקן.

אַזוי טוט ער רק צו שלעכטס נאַראַיען,
נאָר עפּעס האָט ער קיין נחת נישט
פון זיינע שד'ערייען.
איז נע־ונד ווי קין,
און דערשמעקט ער וואו אַ מצוה —
ברענט עס אים און בראָט אים.

וואָלט אויך געוואָלט אַ מצוה טאָן —
ס'פאַרכאַפּט אים אַזש דעם אָטעם.
זישע, —
פּאַרט אַ ייִד, כאַטש אַ פאַרגרעבטער, —
טוט אַמאָל מצוות,
וואָס אין זכות זייערן לעבט ער.
און — היות אַלץ איז געקניפּט און געקניפּט —
רופט זיך אָפּ אויפן שד'ל נישט-געוואוסטערהייט
זישעס איטלעכע מצוה,
לאָזט אים אויפצאַפּלען ביטער און שווער;
אָבער צאַפּל אַהין, צאַפּל אַהער —
אַזוי איז דער באַשער:
ביסטו אַ שד — גיי אין שדישן שפּאַן.

גייט ער אין שפּאַן,
נאָר פינצטער איז אים זייער.
ס'איז אים אָך-און-וויי,
וואָס ווייטער — אָך-און-ווייער.

ביז איינמאָל שטעלט ער זיך אַנידער
און רעדט צום רבונו של עולם אַ מידער:
נישט מיט מיין רצון
בין איך אויף דער וועלט געקומען
און נישט מיט מיין רצון
פּראַווע איך וויסטן לצון.
ווי איז מיר און ווינד! אַ מזיק בין איך,
שד'ישקייטן טו איך.
ווען קום איך צו זיך? ווען רו איך?
ווער טוט מיך לייטערן,
פון זינד דערווייטערן,
מיך, בידנעם רוח?
אַ שד בין איך אַ יידישער —
ווער גיט מיר תיקון?

ווען הער איך אויף עוסק צו זיין
אין שמד-שטיק, אין הלכות-נזיקין ?
איידער אזוי צו לעבן, איז שטאַרבן כדאי׳ער.
שיק דיין ישועה מיר, טאַטע געטרייער !

י

לאָזן מיר דעם שד אין זיין געבעט
און טוען אַ קוק צו דער שדיכע.

ס׳פליט די שדיכע
איבער הייזער, ברייזער, פלויטן,
קלייבט ווייבערשע עבירות,
און פון די עבירות
וואַקסט אָן אַ מלבוש אַרום איר
ווי אַ כמאַרע מיט צויטן.

האָט זי שוין אַ בגד.
קומט זי, די שדיכע,
צו דוואָשע דער סעדעכע,
רוימט איר איין בסוד גדול
אַזוינס-און-אַזעלכס
מכוח דער כלה-מויד הבתולה האָדל, —
גיט דוואָשע שטילערהייט אַ מסר ;
שיקט יאָנטל, דער חתן, די תנאים אָפּ,
און האָדל לויפט — און וואַרפט זיך אין וואַסער.
רעדט אָן די שדיכע צו שמד
די טאָכטער פון קאָפּל אַרענדאַר,
גרינטשע מיטן רויטן קאָפּ.
אין קלויסטער שטייט זי פאַרן אַלטאַר,
אין קלויסטער שטייט זי מיט איר כלאָפּ,
גרינטשע מיטן רויטן קאָפּ.

זי טשעפּעט זיך צו צו אַן אשה צנועה
און צעוואָרעמט איר כּוח-המדמה.
טרעפט וואו? טאָקע סאַמע
אין דער מקוה, צי גאָר — ביי דער צאינה וראינה.
נו, און יענע —
יענטע די פרומע, מיט די ליפּעלעך די שמאָלע?
איז זי דען צוליב איר נישט אַנטלאָפן
פון איר מאַן דעם דיין מיטן יונג, דעם בעל-עגלה?

טוט זי נאָך אַזעלכע מעשים טובים,
נאָר — עפּעס נישט דאָס:
עפּעס האָט זי חרטה.
גרין ווי אַ גראָז,
פאַריאָכמערט, פאַרזאָגט,
אַראָפּגעלאָזט די נאָז,
וואו געניכטיקט — נישט געטאָגט.

איינמאָל שטעלט זי זיך אַנידער
און מיט אַ שטים אַן אַנגעשפּאָלטענער, אַ מידער,
רעדט זי צו גאָט:
נישט מיט מיין רצון
בין איך אויף דער וועלט געקומען
און נישט מיט מיין רצון
טוען די עבירות מיינע שפּראָצן.
אַ שדיכע בין איך געבוירן,
שדישקייטן טו איך.
און נע-ונד ווי אין ווינט אַ בלאַט —
ווען קום איך צו זיך? ווען רו איך?
נמאס ומאוס איז מיר די שיינע מלאכה.
די כּשרע נשים בין איך מקנא —
פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ שדישע מערכה?
ווי קאָנען מיך די מעשים מיינע קוויקן?

כ׳בין דאָך אַ שדיכע אַ יידישע —
ווער גיט מיר תיקון?
איידער אַזוי צו לעבן, איז שטאַרבן כדאיער.
שיק דיין ישועה מיר, טאַטע געטרייער!

### יא

אַ הרהור! אַ פליג!
מאַלע אַ פליגעלע גיט דאָרט אַ זשומע!
נאָר — פון אַ פליגעלע פּיקן זיך וועלטן אויס
אין קדושה ווי אין טומאה.

אַ רעדל נאָך אַ רעדל — אַ רעדל בתוך רעדל —
און אַלץ איבער דעם, וואָס פון הרהורים צוויי
זיינען קאַפּוירגעקומען שדיכע און שדל.

שד און שדיכע וויינען,
נאָר בדרך הטבע
מוזן ביידע טאָן
וואָס ס׳ליגט זיי אין דער טבע:
ווי דער וואָרצל — אַזוי די פּרי.
נישטאָ קיין ברירה.

### יב

נשמות אויף בוידעמס,
אין קעלערס, אין בלאָטעס,
אויף שוועלן פון קרעטשמעס,
אויף דעכער פון קלויזן.

אויף אַלע יאַרידן —
נשמות, נשמות.
ביי ליידיקע פּאָליצעס,
אויסגעשפּאַנטע בוידן.

נשמות פון מוסרים,
נשמות פון מוכסים,
פון שכורע קלעזמער,
פון זינדיקע מוידן.

נשמות, נשמות — — —

תחנונים פון באַלקנס,
תחנונים פון גריבער,
תחנונים פון וואַלקנס,
תחנונים פון שטיבער.

תיקון! גיב תיקון!

נשמות פאַרקרימטע,
צעקרענקטע און לאָמע,
און איטלעכע נשמה
וויים: דער בעל־שם איז
דער צדיק־האמת.

ביינאַכט און באַגינען
גייען די תפילות;
און מיטן דערינען —
ישראל, פאַרנעם:
אַ שד און אַ שדיכע
זיינען מתפלל.
שדים גיב תיקון,
ישראל בעל־שם!

יג

זאָגט דער בעל־שם: איך וועל אָפּשטעלן ס'ראָד
פון עבירה גוררת עבירה —
ס'איז יאָ דאָ אַ ברירה!

אלץ, וואָס דערוויטערט זיך פֿון אים,
וויל צוריק צו׳ן־אים:
די וועלט געבוירט קליפּות —
און איך מאַך תיקונים.

יד

שפּאַנט ער פערד און וואָגן.
מיט דער בייטש אַ שמיץ,
מיטן אויג אַ בליץ —
פערד און וואָגן יאָגן.
ערד און הימל פליען נאָך,
קענען נישט דעריאָגן.

צייט און שטח ווערן קליין און לויפן,
אַנטלויפן.
ווי עס שטייט: כלבוש
תחליפם — ויחלופו.

וויאָ!
עננו במרחב יה — — — —

העי!
טפררו —
שטיי —

טו

אַראָפּ איז דער בעל־שם אין בראָד.

דעם שד איז גראָד
נישט שלעכט געגאַנגען אין דער קהילה בראָד:
פאַרקאָכט אַ מחלוקת אין שול,
צעשמפּערט יידן אין באָד —
אויפגערודערט שטאָט.

נאָר מחמת ס׳האָט אים שטאַרק דערעסן
זיין ביטערע ראָליע, זיין פינצטערע דאָליע,
איז אים נישט איינגעגאַנגען בראָד.
וואָס טויג אים בראָד־שמאָד,
וואָס טויגן אים יידן אין באָד,
אַז ס׳לעבן איז נישט ניחא?
מוחל אַלע גליקן:
גיט אים תיקון.
אַ ישועה דאַרף ער — און אַ גיכע!

דרייט ער זיך אַרום — משטיינסגעזאָגט אַ הולך:
שוואַרץ ווי ערב־פּסחדיקע בלאַטעס,
אָפּגעחומרט, קוואַר,
ווי ער זאָל, אַ שטייגער, האָבן די סוכאָטעס,
און פון אָן אויגל רינט אים, און אַביסל
הינקט ער אויף אַ פיסל.

מיט צער האָט דער בעל־שם
אָנגעקוקט דעם שד.
אויפן פליענדיקן וואָגן אים אַ נעם —
און אַ יאָג העט־העט.

וויאָ!
ענני במרחב יה — —

וואוהין?
קיין גריצע.

טז

אין גריצע ביי דער יאַטקע —
די שדיכע!
האָט אָנגערעדט צו זינד
די געשטופּלטע זלאַטקע,

און ס׳איז אַוועק אַ גאַנג
(אַז מע שמועסט אַ שדיכע — אַ כוואַטקע), —
נאָר ס׳גייט איר נישט איין די מחיה:
וואָס טויגן איר עבירות
פון אַ זלאַטע שתחיה,
וואָס האָט זי פון די שאַלאַמויזן,
אַז טמא איז זי ווי טומאת הנידה?
אַ פינצטערע, אַ מידע,
שטייט זי אַזוי ביי דער יאַטקע.
וואָס טויג איר די געשטופלטע זלאַטקע?
זלאַטקע איז אַ בהמה און אַ שמויגער —
און זי, די שדיכע, וואָס טויג עס איר? וואָס טויג איר
אַזאַ דאַליע, במחילה?
וואָס איז עס פאַר אַ תכלית? ווען ווערט זי שוין געהאָלפן?
ווער פאַרנעמט איר תפילה?

— איך! — טוט אַ זאָג דער בעל שם.
ער גיט די שדיכע אַ נעם
אויפן פליענדיקן וואָגן, זעצט זי צו צום שד:
איצט קוקט זיך אָן! איצט רעדט!
קוקן זיי דאָס ערשטע מאָל זיך אָן —
און ווערן ביידע רויט ווי מאָן.

מיט די לייצעם הויך אַ פאָך —
געפלויגן!
יאָגן טוט דער וואָגן.
ערד און הימל פליען נאָך,
קענען נישט דעריאָגן.

וויאָ!
ענני במרחב יה — —

וואוהין ?
צום באַגין,
וואָס פאַרנעמט זיך גרין
איבער די קאַרפּאַטן.

יז

זאָל דער וואָגן פליען! מיר'ן
זיך דערווייל פאַרנעמען
מיט די פּאַסאַזשירן.

דער שד — אין שמאָל געפּאַסטע הייזלעך,
ווי אַ קונצנמאַכער אויף יאַרידן,
שקאַציש און בייזלעך
און ס'איז אַלץ אויף אים ענגלעך.
צווישן די ציין ביי אים שיפּען און זידן
ווערטלעך ווי שלענגלעך,
און ס'דאַכט זיך, אָט גיט ער אַ שפּיי
אַ לאַנגן, אַ שמאָלן,
אַ שפּיי אשר לא שפּייאו,
אויף אַלע בערג, אויף אַלע טאָלן,
אויף גאָר דער וועלט.
נאָר אַז ער קוקט אַזוי אויף דער שדיכע דערנעבן,
ווערט אים ס'פּרצוף צעהעלט,
ס'איז אים נישט ענגלעך, ס'ווערט אים אדרבא ברייטלעך,
ס'ווערט אים אונטערן לעפעלע זיסלעך,
ער זיצט גאָר וואוילעריש-צעשפּרייטלעך.
ער איז אויפגעלייגט און צוגלייך סטאַטעטשנע,
האַפּערדיק און געזעצט,
ווי ער וואָלט קיינמאָל קיינעם ניט געשאָדנט
און קיינמאָל נישט געלצ'ט.

און זי, די שדיכע — אַ מויד
האַלב שפּאַס, האַלב משוגעת,

אַ קול ווי פון אַ פּאַס,
ברוסטן ווי די הענגלעך,
נעגל שוואַרץ און היפּש לענגלעך
אויף פינגער קלעפּיק און נאַס, —
נאָר וואַרפט זי אויפן שד אַ בליקל,
אַזוי גיט זיך אַרום מויל אַ וויקל
אַ שמייכל ווי אַ זילבערנע רויז,
פון ערגעצוואו גיט זיך אַ יאַווע
און פאַלט אויפן שטערן אַ קרויז,
ווי ס'פּאַסט פאַר אַ חוה,
די אויגן גיבן זיך ווי דימענטן אַ מיניע —
אַ קייסעריניע!

### יח

אַ לעצטער פלי,
אַ פליק דעם נעפּל דעם מאַטן —
ס'איז גרין. ס'איז פרי.
אָט שטייען די קאַרפּאַטן.

צווישן די גרעזער
שטעלט זיך אָפּ דער וואָגן.
זאָגט אַזוי צו זאָגן
ישראל ברבּ אליעזר:

שדין יהודאין,
כ'רייניק אייך פון שלאַקן.
כ'בין אייך מזווג
און בין אייך מתקן.
ווינט, זיי מוחל, לויף נאָך די מלבושים!

לויפט דער ווינט און ברענגט.
וואַרפט דער שד זיין שדיש מלבוש,

טוט זיך איבער — אוים מגושם!
(סוד פון די לבושים).
נאָר וואָס דען? לעת-עתה
איז ער פאָרט קיין מענטש נישט — אַלץ נאָך שדעוואַטע.
טוט זיך איבער אויך די שדיכע און ווערט נתעלה
די אותו-רגע:
נישט קיין שדישע מעגעגע —
אַ כלה.
נאָר וואָס דען? לעת-עתה
איז זי פאָרט קיין מענטש נישט — אַלץ נאָך שדעוואַטע.

זאָגט דער בעש"ט: איר האָט געהאַט יסורים
און גאָרנישט געקאָנט מאַכן,
ווייל אין חבוש מתיר עצמו מבית האסורים.
נעם איך און איך גיב אייך בחירה!
איר דאַרפט נאָרביישטיין איין נסיון —
וועט איר פאַרמענטשט, איר ביידע אירע.
אויף בחירה שטייט די יצירה,
דערפאַר קאָן אַ הרהורה-עבירה דער מינדסטער,
ער מעג אויסזען ווי קליין און ווי נאַריש,
מאַכן וועלטן גאַנצע פינצטער,
און פאַרקערט, די מינדסטע מצוה
איז די וועלטן מרעיש.
הכלל, באם איר וועט נאָר דעם נסיון ביישטיין,
וועט דער זכות אייך ביישטיין
און איר וועט ווערן מענשנקינדער שטילע און זיסע —
לא ירעו ולא ישחיתו.
אַי, באַשערט?
באַשערט איז גאָרנישט ווערט.
דער מוז — מוז נישט: נעם דעם גזר און צערייס אים
מיט דיינע מעשים.

## יט

ס׳האָבן די שדים אויפן בעש״ט געקוקט
ווי אויף אַ פּלא:
אַ געוויקסיקער בוים,
און זיין באָרד די פּריילעכע, די העלע —
אַ צייטיקע פּרי.
ווי גוט איז צו זיין אַזאַ מענטש,
אַ מענטש איבער גורל און גזירה!

און ס׳האָט רב ישראל געשריבן פּאַר זיי
תנאים אייגנס פאַרפאַסטע,
און האָט דעם זמן החתונה באַשטימט,
און דערווייל מיט די פאַרקנסטע
געקנעלט:
לא תנאף, לא תגנב, לא תרצח —
אַזוי־אַ פירט זיך,
וועט אייך גוט זיין אויף דער וועלט.

## כ

פירביימער אַלטע, באַלעבאַטישע,
האַלטן־צו אַ בלעטערדיקע חופּה
אַ גרין־קאַרפּאַטישע.

אַ קליפּה שווארץ ווי פּעך
ליגט דעם חתן צופוסן.
מאַכט רב ישראל: צעברעך!

אונטער דער חופּה
גיט מיטן פוס אַ טופּע
דער חתן.
ס׳גיט די קליפּה ווי אַ שלאַנג אַ שיפּע —
אוים! צעטראָסקעט די קליפּה!
שמחה וששון!

די קאַרפּאַטן טאַנצן
פּאַרצייטישע קאָנטראַדאַנצן.

## כא

אויף סטרונעס בלאַנקע שפּילט אַ קוואַל.
אַן אויסלענדישער אויסטערלישער פויגל
העלפט מיט אַ שאַל פון מעטאַל.
אַ ווינט, וואָס איז אויסגעווען אַלע וועלטן
(אַזאַ אָקאַזיע מאַכט זיך זעלטן),
קומט און בלאָזט לעילא ולעילא
אויף אַ נישט-ערדישער כלי.

ס׳קומען און פרייען זיך אַ גרויס געפריי
באַשעפענישן אַלערליי
פון די מעשיות רבא-בר-בר-חנא׳ס.
אַ פּיקהאָלץ זאָגט בדחנות.

מיר׳ן טאַקע ברענגען דאָ אַ מוסטער,
ווי פּיקהאָלץ, דער בדחן דער באַוואוסטער,
האָט מיט גרויס טאַראַראַם
געמאַכט ס׳געגראַם:
כלה׳שי, כלה׳שי, לאַך!
רב ישראלטשע האָט געטאָן אַ וואוילע זאַך.
ער איז געוואָרן אַ מחותן
פון לאַפּיטוטן —
גאַנצע צוויי שטיק.
פּיק-פּיק!
מיט מזל, מיט גליק,
מיט יואל-קעצעלעס מוזיק.
אַ חתן אַ בחיר, אַ כלה אַן אַנטיק.
גאָט זאָל באַגליקן
און די צוויי אַנטיקן

זאָלן זיך נישט פּיקן —
ונאמר: פּיק־פּיק!
ס'אַ מצוה צו דערפרייען
חתן־כלה אין צווייען.
ס'א מצוה לשמח,
אַפילו אַז דער גראָם
האָט נישט קיין טעם
און האָט נישט קיין ריח.
איידער אַרומגיין זויער,
ווי אַ ליטוואַק אַ בעזדעטניק,
איז גלייכער אָנפילן אַן אויער
מיט גראַם און שטראָם און מאַך מיר אַ לעטניק.
עצבות איז פון די מתנגדישע מעשיות!
קום איך
דאַרומעך
און זאָג: שור בור ומפליא לעשות.

ס'איז געווען אַזוינס און אַזעלעכם!
ער וואָלט אַזוי אָפּגעגראַמט מתושלחס
ימים־ושנים,
ווען נישט דער בעל־שם וואָלט זיך צעשבח'ט
מיט אַ לאַכעדיק פּנים:
כ'לעבן, האָסט דאָס וואויל געמאַכט.

האָט פּיקהאָלץ דערפון גרוים הנאה געהאַט
און ס'האָט אים דער עולם געמאַכט אַ וויוואַט.

**כב**

די חתונה־געהאַטע פאַרשוינען
האָבן געטאָן ביי דעם וואַסערקוואַל וואוינען.
מאַכט זיך אַ מעשה און אין די בערג
פאַרבלאָנדזשעט אַ ייד אַ סוחר.

אַ לעצטן פֿלאַקער גיט דער מערבֿ
און עפּעס ווי אַ בלויען רויכער —
נאַכט אין די קאַרפּאַטן.
טאַפּט דער ייִד דעם טײַסטער מיט דוקאַטן.
ער טראַכט פֿון ווײַב און קינדער
און האָפֿט צום בורא, אַז אם ירצה־השם באַגינען
וועט ער דעם וועג צו אַ ישוב געפֿינען.
אָפּגעדאַוונט מעריבֿ, זעצט ער זיך אַוועק
אונטער אַ בוים נישט ווײַט פֿונעם קוואַל,
טראַכט פֿון סכּנת־דרכים
און ס'פֿאַלט אים אײַן אַ טײַערער מאמר חז״ל
(מחמת דער ייִד איז אַ תּלמיד חכם).
הכּלל,
ווי ס'פּאַר־פֿאָלק דערזעט אים —
ווערט ביי זיי אין בלוט אַ זאַווערוכע.
שוין לאַנג נישט גענייזוקט, לאַנג געהאַט מנוחה, —
צעברענט זיך אין זיי מער נאָך ווי אַמאָל
די שדישע יוכע.
וואָס דער בעל־שם האָט געלערנט — פֿאַרגעסן!
צוריק אין רשות פֿון נישט־גוטן!
ווי הינט אויף אַ יאַריד
שנאַפּן אָרום דעם ייִד
די לאַפּיטוטן.
די חבֿרה'מאַנטע רוימט אים אויפֿן אויער טויזנט זאַכענישן,
אַזעלכע מיני גלוסטיקייטן, פּוסטיקייטן, לאַכענישן,
רעדט אים אָן צו אַן עבֿירה,
ווי אַמאָל פּוטיפֿר'ס ווײַבל דאָס שיינע.
המפּיל, — פּרואווט ער מורמלען, — חבֿלי שינה...
עס העלפֿט נישט — עס ברענט מיט נקבֿה.
דער שד, ווידער, רוקט זיך צום טײַסטער —
עס שמעקט מיט גנבֿה.
ער דאַרף געלט אויף כּפּרות, נאָר ס'פֿאַרשאַפֿט אים נחת,
וואָס יענער וועט בלײַבן אַ בעטלער אין לאַכעס.

שרייט דער ייד: געוואַלד! איז עס דעם שד נישט ניחא,
מאַכט ער צום ווייב:
לאָמיר באַגיין איבער אים אַ רציחה.

רציחה גאָר? די שדיכע דערלאַנגט זיך אַ דערמאָן —
און זאָגט: רציחה? חס ושלום!
אויך דער שד דערלאַנגט זיך אַ דערמאָן
און טרייסלט זיך אָפּ ווי פון אַ בייזן חלום.
חס וחלילה, חס וחלילה!
זיי פאַלן דעם ייד צו די פיס,
גיסן ביטערע טרערן און בעטן מחילה:
רב ייד, זייט מוחל! שיר נישט עובר־געווען
אויף לא תנאף, לא תגנב, לא תרצח.
איר ט'זיך
נעבאַך דערשראָקן, נאָר — אַבי גובר־געווען
דעם ביטערן נסיון,
אַבי נישט געקומען צו קיין בזיון...

כ'בין מוחל, — מאַכט דער ייד, און אין שלעפעריקן קאָפּ
באַמבלט זיך דער מאמר וועגן שדין יהודאין.

ס'באַפאַלט אים אַ שמייכל מיט אַ שלאָף אינאיינעם.
די שדיכע פאַרוויגט אים ווי אַ מאַמע אַ געטרייע,
דער שד איז זיך מחיה,
און אַ שלאָף מיט אַ שמייכל אַ רואיק־ריינעם
באַפאַלט אויך זיי אַ רגע שפּעטער.
די לבנה גיט הויך אין די וואָלקנס אַ קלעטער
און שמייכלט צו זיך לאַנגע נאַכטיקע שעהן:
וואויל ווי די וועלט —
בייגעשטאַנען אַ נסיון.

## כג

דער ייד כאַפּט זיך אויף פאַרטאָג.
אַ ווינט אַ געווירציקער טוט אַ יאָג,
איבער די קאַרפּאַטן גיסט זיך אַ גלאַנץ.
גאַנץ דער טייסטער, די אברים גאַנץ...
גאַרנישט געדענקט ער! אין פרישן פאַרפרי
גיסט ער די נעגל אָפּ מיט קוואַל־וואַסער
און מורמלט די ברכות. און ער מיט אַ זי
שטייען אויף פון דער ערד דער קילער, דער טוי־ווייסער,
און גיבן אים שמייכלענדיק אַ צי
ביי דער פּאָלע: הערט אויס, רב ייד!
איר וועט אָן אונדז פאַרקריכן קיין ריגע.
וועלן מיר ווייזן אייך דעם וועג.
מיר ווייסן; מיר זיינען היגע.

קוק זיי נאָר אָן!
עפּעס קאָן זיך דער ייד נישט געבן קיין רעכטן
דערמאָן:
זיינען, דאַכט זיך, שדים געווען ערשט נעכטן.
אַצינד זעען ביידע ווי מענטשן אויס —
און אַזעלכע לייטישע דערצו!

נו,
ס'איז מן־הסתם געווען אַ חלום...

און ער גייט מיט זיי אַוועק לחיים ולשלום.

## כד

פון מעזביזש קומט צוגאַסט
דער בעל־שם — אַ לייכטנדיקער, אַ צעלאַכטער:
קינדער, וואָס מאַכט איר?
נעמען זיי דערציילן: דאָ איז אַ סוחר געווען — — —

מאַכט ער:
כ׳ווייס אַלץ... צווישן גוטס און שלעכטס בוחר געווען —
און איר זייט בזכות זה געוואָרן פֿאַרמענטשט.

און ער נעמט און ער בענטשט:
לעבן זאָלט איר, קינדער, אין גרויס אהבה.
דיך וועל איך רופֿן אדם
און זי זאָל הייסן חוה.
איר זאָלט זיך רואיק יערן,
מיט קרייטעכצער זיך שפּייזן,
און אַז איינער וועט פֿאַרבלאָנדזשען
זאָלט איר דעם וועג אים ווייזן.
די, וואָס בלאָנדזשען, גיט אַ שאָטן,
זייט ווי ביים קוואַל דער בוים!
און נאָר נישט עצבות, נאָר נישט עצבות —
ברוך השם יום־יום.

## כה

כך חוה.
די פֿאַרמענטשטע שדים, אדם און חוה,
האָבן געלעבט ווי דער בעש״ט האָט געבאָטן.
אַרויסגעריסן דעם ביסן ביים שטן!

און ימים־נוראים, יאָר ביי יאָר,
פֿלעגט תּפֿילה־טאָן די פֿאַרמענטשטע פּאָר:
**גאָט, פֿאַרהיט געדאַנקען,**
**זיי זאָלן נישט פֿאַרקראַנקען,**
**קיין שדים נישט געבוירן —**
**און ברעך דעם גזר פֿון גורל!**

און איך, אַ ייִד פֿון ישׂראלס רעשט,
וואָס אין גראָם און לויפֿנדיקע צײַלן

טו איך דאָס דערציילן,
מקנא בין איך יענער צייט,
ווען ס'האָבן שדים נאָך געהאַט אַ בעש"ט.

אַצינד — ווער קאָן די שדים־מחנות ציילן?
און וואו נעמט מען אַזאַ בעש"ט,
וואָס זאָל די שדים היילן?

1948.

## שמואל ראש־מדינה

### א

זעקס יאָר האָט נע־ונד'עוועט אַוורעמל,
אַן אָרעם־בחור פון מדינת פוילן,
געוואָגלט פון איין קהילה צו דער צווייטער,
גענעכטיקט אין פאַרוואָרלאָזטע הקדשים,
בייטאָג אַ בעטל־האַנט געשטרעקט, און פּלוצעם, —
אין הקדש, אויפן גאַס, צי אויפן וועג גאָר,
בייטאָג, ביינאַכט, וואו־ווען עס זאָל נישט טרעפן, —
אויף דער ערד אַ וואָרף־זיך מיטן פּנים,
ווי אַ שטיין, וואָס עמיץ האָט געשליידערט;
באַלד דערנאָך, אין קראַמפּעניש צעכוואַליעט,
ווערט דער שטיין, דער גוף זיינער, אַ שלאַנג —
און עס רעדט אַרויס פון אים אַ רוח.
דער רוח שרייט און לאַכט און פראַוועט חוזק,
רעדט גראָבע רייד און שפּעט פון אַלץ וואָס הייליק.
ער רופט־אָן נעמען, שעלט מיט טויטע קללות
די, וואָס ער רופט אָן, און נאָר איין נאָמען
צערטלט ער און ווערט דערביי פאַרטראַכט,
שווייגט אַ מינוט — און ווידער: חנה... חנה...
ער צערטלט ווי אַ קינד דעם נאָמען חנה,

ער קושט אים, ער האַלובעט אים. נאָר ס'דויערט
נישט לאַנג און ווידער רעדט ער גראָבע רייד
און לאַכט און שרייט און שפּעט פֿון אַלץ וואָס הייליק.

אַזוי זיינען אַריבער אַ יאָר זעקס.
וואורעמלען האָט פֿון אָרט צו אָרט דער רוח
געטריבן, ווי אַ ווינט אַ כמאַרע. עפּעס
האָט ער געהאַט אין זינען מיט זיין טרייבן.
ווען סוף־כּל־סוף געבראַכט האָט ער וואורעמלען
קיין ניקלסבורג, אין מערן דער מדינה,
האָט הויך אַ לאַך געטאָן דער רוח: „איצטער
וועל איך בפני עם ועדה האַלטן
מלחמה מיט דעם טרייבער פֿון דיבוקים,
דעם שמייליקן מקובל מוישקע פֿרעגער.
מ י ך וועט נישט אַרויסטרייבן דער חכם!
איך וועל אים ווייזן, אַט דעם הויכן פֿלאָקן
מיט די באַרשטן־ברעמען, אַט דעם קנאַקער
מיט דער פּורים־באָרד, דעם זאַק מיט פּסוקים
אַט־אַ־דעם, דעם כניאָק מיט די השבעות —
איך וועל אים ווייזן! פּלאַצן וועט ער, מוישקע,
און אַ קרענק וועט ער פֿאַרטרייבן מיך פֿון דיר,
וואורעמל־שוועמל, ווערעמל־לעקיש־בערל!"

ווען וואורעמל איז קיין ניקלסבורג געקומען
און איז אַוועקגעפֿאַלן אויפֿן מיטן מאַרק
און ס'איז צעגויפֿגעלאָפֿן זיך אַן עולם
אויפֿן בייז וואונדער — איז ר' משה פֿרעגער
גראָד פֿאַרבייגעגאַנגען. שטעלט ער אָפּ זיין גאַנג,
גייט צו און הערט די ווערטער פֿון דעם רוח.
הויבט אָן דער רוח זידלען אים, ר' משהן,
מיט רייד געמיינע און מבולבל'ע. שטיי אויף, —
רופֿט אויס ר' משה צו וואורעמלען. — ליג! —
איז הויך דער רוח גוזר.

— כ׳וועל דיר העלפן

זיך אויפצושטעלן, — זאָגט ר׳ משה, בויגט זיך
פון זיין הויכעניש אַרונטער (ס׳איז ר׳ משה
אַ משכמו־ומעלה׳דיקער ייִד)
און שטעלט אַוורעמלען אויף. דער רוח צאַרנט.

צוויי אויגן שוימיק־גרינע האָט אַוורעמל,
ווי ים־כוואַליעס, און ליפּן זאַפּטיק־פולע
ווי ביי אַ מיידל (ס׳רופט אים טאַקע ב ת ו ל ה
דער בייזער רוח).

נעמט ר׳ משה פרעגער
דעם בחור אויספרעגן. דערציילט ער ווי ער הייסט,
און אַז פון פּוילן קומט ער, וואַנדערט שוין זעקס יאָר
(זעקס יאָר שוין נישט געלייגט קיין תּפילין — ווייַנט ער —
זינט ס׳האָט מיין לייב פאַראומרייניקט דער רוח),
און אַז ער וואָגלט, ווייל דער רוח יאָגט אים,
און אַז דאָס חיות עקט זיך אים. עד מתי?
ראַטעוועט מיך, רבי! — רופט אַוורעמל,
און ר׳ משה נעמט אים קוקן אין די אויגן
ווי מען קוקט פון דרויסן אין אַ פענסטער.
ער בליקט, דער רוח שווייגט — און אַלע שווייגן.
ער גיט דערנאָך אַ שאָקל מיטן קאָפּער
פון זיין שטאַרקער באָרד, ווי ער וואָלט עפּעס
אַראָפּגעטרייסלט, און דערלאַנגט אַ זאָג
האַלב צו זיך און האַלב צום עולם ייִדן:
צוויי וועלטן דאַרף מען ראַטעווען — אַן עולם מלא,
וואָס האָט אַ גוף, און נאָך אַ וועלט, וואָס האָט נישט
קיין גוף קיין אייגענעם און האָט באַזעצט זיך
אין אָט דעם בחור נעבעך.

— נעבעך־שמעבעך,
האָט אויפגעלאַכט דער רוח, אויף אַוורעמלען
זיך אַ וואָרף געטאָן מיט ווילדן כּוח,

און ווידער ליגט אווערעמל אויף דער ערד
און ס'רעדט פון אים און ס'ניבול־פה'ט פון אים. ר' משה
הייסט אים דערווייל אוועקטראָגן אין הקדש
און זאָגט: איך וועל צונויפרופן אַ בית־דין.

## ב

אין ניקלסבורג אין הקדש הינטערן אויוון
איז געלעגן, אַ פאַרפייניקטער, אווערעמל.
דער רוח האָט אים אָנגעטאָן יסורים
נאָך מער ווי תמיד, אים געצופּט, געריסן,
זיך איינגעשרויפט אין אים, געגנאָלט, געעגבערט —
און נאָדלדיק כיכיקעט: „רעבע... שמעבע...
מיין לעקיש וויל, דער שמעבע זאָל אים העלפן...
ס'איז דיר נישט גוט מיט מיר, דו לעקיש־בער?
כ'האָב דאָך דיך ליב סכנות"...

טעג און נעכט
האָט אָפּגעמוטשעט זיך אַזוי אווערעמל,
ערשט זע נאָר, זע, ווער ס'גייט אַלץ: ס'איז אין הקדש
אַריינגעקומען — פון אַן עולם ייִדן
באַגלייט — דאָס בית־דין, וואָס ר' משה פּרעגער
האָט צענויפגעשטעלט, געטריי זיין צוזאָג.
ר' משה פּרעגער, דער יודע ח"ן,
שפּאַנט בראש. אָן שהיות גייט ער צו
צום הינטערנאַוויון, וואו עס ליגט אווערעמל,
און אינעם נאָמען פון דעם בית־דין איז־ער
דעם בייזן רוח מתרה: על פּי דין
באַדאַרף מען וואָרענען. טאָ גיי מיט גוטן
אַרויס פון אָט דעם בחור כּמר אברהם,
און זיי נישט מזיק קיינעם ביים אַרויסגיין,
נישט ייִד, נישט גוי, נישט זכר, נישט נקבה.
באַקלער זיך און פאַרשטיי, אַז אָט דער גוף
געהער נישט דיר. דו טאָרסט אין אים נישט וואוינען.

און מיין נישט, אַז מיר זיינען דיינע שונאים.
פאַרקערט: איך, משה פּרעגער, בין אין נאָמען
פון בית־דין דיר מודיע, אַז כ׳בין גרייט
דיר טובות טאָן, באם דו טוסט געהאָרכן.
אַז נישט — וועט מען פאַריאָגן דיך מיט שופרות!
גלויב מיר, איך מײַן דײַן טובה. די התראה
איז אויסן נאָר דיין גוטס. דו דאַרפסט נאָר זאָגן
דיין נאָמען און דעם נאָמען פון דיין מאַמען —
און כ׳בין מבטיח: זאָגן וועל איך קדיש
נאָך דיר און טאָן פונדיינעטוועגן תפילה
און לערנען תורה אויך פון וועגן דיר
און פאַסטן צוליב דיר אַ יאָר אַ גאַנץ —
חוץ טעג וועען ס׳ווערט קיין תחנון נישט געזאָגט —
און טאָן וואָס נאָר אין מיין רשות, כדי
דיר העלפן נאָכדעם ווי דו וועסט אַרויסגיין.
ווייל גרויס איז דאָס רחמנות אויפן בחור —
דו האָסט פאַרכאַפּט זיין גוף — און אויך אויף דיר איז
ס׳רחמנות גרויס. איצט ענטפער: נעמסטו אָן
די התראה?

אויפגעשפרונגען איז
דער רוח. שטייט אַזורעמל אויף די פיס
און ס׳חוזקט הויך אַרויס פון אים: „דו מוישל,
איך בין דיך מתרה, דיך און דיינע יידן,
דו זאָלסט מיט גוטן אָפּלאָזן אונדזביידן.
אַדוני כניאָק, זיי ווייסן: כ׳בין געקומען
נישט כדי צו הערן דיינע שטותים,
נאָר דיר צו זאָגן וואָס דו ווייסט נישט. הער־זשע:
ס׳האַלט שמאָל מיט דיין רב גאָט! מע קאָן נישט זאָגן —
ער איז פאַראַן, נאָר ס׳איז ווי נישט געווען.
וויבאַלד עס זיינען דאָ אַזעלכע טמאים
ווי איך — איז ער, דיין גאָט, נישטאָ ממילא.
פאַראַן און פאָרט נישטאָ. פאַרשטייסט, ר׳ צאָץ?

פון מיין פאַראַן־זיין איז געדרונגען זיין
יאָ־נישט־פאַראַן־זיין. ווען גייט דאָס אָן
וואָס ער איז דאָ, אַז ס'איז אַזאַ מין דאָעכץ,
וואָס לאָזט פאַראַן־זיין מיך און אַל מיינסגלייכן?
באַנעמסטו וואָס איך האָב דיר דאָ געזאָגט,
צעשמאַלצענע יום־כּיפּור־ליכט דו איינע?"

אַ שוידער האָט אַרומגעכאַפּט דאָס בית־דין,
געשוידערט האָט דער עולם. נאָר ר' משה
האָט אויסגערופן הויך אין בית־דין'ס נאָמען:
מיר האָבן דיר געגעבן אַ התראה.
און איצט זיי וויסן, אַז אם ירצה השם,
דאָנערשטאָג, ב' שבט, וועט אין דער ניי־שול
אַ השבעה פאַרקומען.

ווי הויך
ס'איז נישט געווען ר' משה, איז ער דאַסמאָל
געוואָרן, דאַכט זיך, העכער נאָך ווי תּמיד.
ס'איז אַרויסגעלאָפן עפּעס ווי אַ בליץ
פון הינטער זיינע ברעמען די געדיכטע
און ס'האָט געגליט דאָס קופּער פון זיין באָרד.
מיט שנעלע פּעסטע טריט איז ער אַרויס
פון הקדש, און נאָך אים דאָס בית־דין; צווישן
די דיינים האָט זיך אָנגעזען באַזונדערס
דער מופלא ר' צבי סג"ל (ס'איז דער רב פון שטאָט,
ר' דוד אָפּענהיַים, דער גרויסער גאון,
וואָס מצודתו פּרושה אויף גאַנץ מערן,
געווען אין פּראָג גראָד, אין דער עיר־הבירה,
פון צרכי־ציבור וועגן). נאָכגעגאַנגען זיינען
הקצין ר' יצחק־זעקל, און ר' יהודה לייב
ב"ר משה, און ר' וואָלף ב"ר זלמן פישהויף,
און ר' דוד ב"ר אליקום, און ר' יצחק העלשויער,
און ר' יששכר־בער ב"ר שלמה פאַלק,
און נאָך פון די חשובים און נכבדים.

נאָך די ראָשים איז אַרוים דער עולם
יראה׳דיק און שטיל. עס האָט דער רוח
זיי נאָכגעשיקט אַ נאַדלדיק געלעכטער,
אַ וואָרף געטאָן אַוורעמלען אויף דער ערד:
אַוורעמל־שוועמל־פּיפּערנאָטער, לייג דיך — —
און לאַנג נאָך, לאַנג נישט אויפגעהערט צו לאַכן.

ג

דערווייל האָט ס׳בית־דין זיך גענומען וואַקלען.
מיט אַ טענה איז אַרוים דער דיין,
דער מופלא ר׳ צבי־הירש המכונה סגל.
וויבאַלד דער רוח איז אַזאַ עז־פּנים,
אַזאַ מחרף־ומגדף, אַזאַ מויל,
וואָס רעדט געמיינהייט, אַזאַ ווילדער כּופר,
אַזאַ מין טרייפער שם־רשעים־ירקב —
קאָן טרעפן, אַז עס זאָל קיין זאַך נישט העלפן,
נו, וועט דאָך אַרויסקומען אַ חילול.
דערגיין וועלן ערלים די געשיכטע —
און לאַכן פון אחינו בני ישראל:
ס׳האָט זיי אין זאַק אַריינגענאַרט אַ רוח,
געזידלט און געשנידלט און געכּפּירה׳ט
אויף וואָס די וועלט שטייט — און די ייִדן זיינען
געבליבן מיט אַ נאָז, אומזיסט געשמייַעט...
היינט וואָס־זשע דאַרף מען עס איינגאַנצן? מילא,
וואָלט דאָס געווען אַ רוח סתם — איז אַנדערש.
ס׳איז אָבער נישט אַזוי. געהערט דיבורים?
געזען אַ מינות? איז נישט גלייכער לאָזן
דעם בחור ווייטער גיין און זיך נישט מישן?...
וואָס קאָן מען טאָן? אויב גאָט, דער רופא חולים,
וועט אים נישט אויסהיילן — איז דאָך מסתמא
אַזוי באַשערט. מע דאַרף נישט קיין התראות,

אויך קיין נידויים נישט. מע דאַרף דעם בחור
אָוועקשיקן פֿון ניקלסבורג... דאָס בית־דין
איז גרייט געווען צו געבן זיין הסכּמה
אויף ר׳ הירש דיינס רייד און ס׳האָט געהאַלטן,
אַז בית־דין זאָל אוים בית־דין ווערן. אָבער
ר׳ משה פּרעגער האָט זיך אויפֿגעשטעלט אין גאַר
דער הויכקייט זיינער און געזאָגט אַזוי:
מורי ורבותי, ס׳איז דער בחור
אַ טייער קינד — וואָס איז ער געבאָך שולדיק?
איך האָב אַריינגעקוקט אין זיינע אויגן,
ווייס איך: ער איז ריין. ער וועט נאָך קענען
פֿרומע דורות אויפֿשטעלן, אויב ס׳וועט
דער רוח אים צו־רו לאָזן. והשנית:
מע דאַרף אויך אים מתקן זיין, דעם רוח,
און ציטערן פֿאַר מינות איז קיין קונץ נישט.
דער אויבערשטער — ער וויל, עס זאָל, כּביכול,
דער מענטש אים העלפֿן. נישט סתּם זאָגן: גאָט,
דער רופֿא חולים, וועט — אויב ער וועט וועלן —
זיך שוין מרחם זיין... ניין, ניין, ר׳ הירש.
מע זאָל אייך פֿאָלגן — וואָלט מען נישט באַדאַרפֿט
קיין צדקה טאָן, חלילה; בלויז אַ קרעכץ טאָן:
„בּטחון זאָלסטו האָבן, אָרעמאַן,
אין בּורא־עולם; ס׳וועט דיר גאָט שוין העלפֿן.
און טאָמער נישט — וואָס קאָן מען טאָן? מסתּמא
ביסטו נישט ווערט, צי ס׳איז אַזוי באַשערט”...
ניין, ס׳האָט דער אויבערשטער געמאַכט אַזוי,
דו זאָלסט, כּביכול, אויסלייגן פֿאַר אים
דאָס געלט פֿון צדקה. און דאָסזעלבע איז
מיט יעדער זאַך. לייג אוים פֿאַר אים, בּן־אדם,
אויף אָט דער וועלט, דעם עולם העשיה,
און קומען וועט דערנאָך דער גרויסער חשבון —
ס׳וועט דיר פֿאַררעכנט ווערן... אַפּיקורסות

האָט גאָט דאַרויף באַשאַפֿן, אַז ווען ס׳קומט
צו דיר אַ נצרך, זאָלסטו אים נישט שיקן
צוריק צו גאָט, וואָס שיקט אים צו צו דיר.
דו דאַרפֿסט זיך דערנאָך נוהג זיין אַזוי,
ווי ס׳וואָלט קיין בּורא נישט געווען, חלילה.
דער בחור דנן, אברהם פֿון מדינת פּוילן,
איז ערגער ווי אַ נצרך. העלפֿן מוז מען
אָן טענות. בנוגע, ווידער, חילול —
איז גאָר קיין חשש נישטאָ, ר׳ הירש. פֿאַרקערט:
מע וועט מקדש־זיין גאָטס נאָמען.

— אפשר
זיינט איר גערעכט, — זאָגט שוואַך, מיט אַ האַלב מויל
און עפּעס ווי דערשראָקן, ר׳ הירש דיין. —
איך ווייס נישט. נאָר צי שטעלט איר נישט צופֿיל
אויף זיך, ר׳ משה? ס׳האָט גערעדט דער רוח
אַזעלכע רייד... אַזעלכע רייד...

מיט פֿעסטקייט ענטפֿערט אים ר׳ משה פּרעגער:
איז אַדרבּא, זאָלן אַלע זען,
אַז ס ו ד ה ש ם ל י ר א י ו — ס׳ענטפֿערט איבער
דער אויבערשטער די סודות פֿון זיין מאַכט
צו די, וואָס פֿאַרכטן.

ס׳האָט שוין נישט גערעדט מער
ר׳ הירש דער דיין; האָט געפֿילט אַ פּחד
סיי פֿאַרן רוח, סיי פֿאַר אים, להבדיל,
פֿאַר ר׳ משה פּרעגער: ס׳איז דאָך עפּעס
אַ ייִד פֿון די, וואָס גאָט אַליין פֿאַרפּלאַנצט
אין יעדן דור... אַ צעדער פֿון לבנון...
און אפשר האָט ר׳ הירש, ר׳ צבי־הירש סגל,
נאָך מער געשראָקן זיך פֿאַר זיך אַליין?

ר׳ משה׳ס שטעל, זיין זיכערקייט אין זיך
און זיין אמונה און דער מילדער כּוח,
וואָס האָט אי צאַרט, אי גבורה׳דיק געשלאָגן
פון יעדער תּנועה זיינער, יעדן בויג, —
האָט אַלעמען באַוועלטיקט. איז געבליבן,
אַז דאָנערשטאָג, אם־ירצה־השם, ב׳ שבט,
אין ניישול, ווי ס׳האָט אָנגעזאָגט ר׳ משה
דעם רוח דאָרט אין הקדש, וועט מען טאַקע
בלי־נדר מאַכן די השבעה. בלייך
געשמייכלט האָט ר׳ הירש, ווי זיך צו שטאַרקן,
געשאָקלט מיטן קאָפּ און שטיל געמורמלט:
פאַרפאַלן... מילא, נו... זאָל זיין אַזוי...

ד

דאָנערשטאָג, ב׳ שבט, שנת תּיו־נון־וואָוו,
איז קאָפּ אויף קאָפּ געפּאַקט די ניי־שול. קצינים
און אַלופים זעט מען און אויך ייִדן
פון אַ גאַנץ־יאָר; פול דאָס עזרת־נשים —
און אַלע אין דער שול, דאָס בית־דין אויך,
הענגען מיט די אויגן אָן ר׳ משהן,
וואָס טיילט זיך אויס מיט מלכות׳דיקן וואוקס
(ממש ווי עס שטייט וועגן דעם צדיק:
כּתמר יפרח), מיט דעם פרישן קופּער
פון זיין שטאַרקער באָרד, און מיט דער נאָז,
וואָס איז אַ מין עמודא דאמצעיתא
צווישן אויגן — יודן צוויי, וואָס פלאַמען:
אַ יוד פון רעכטס, אַ יוד פון לינקס. דער עולם
פאַרהאַלט דעם אָטעם. קעגנאַיבער אָרון־קודש,
אויפן אַלמימר, הענט און פיס געבונדן,
ליגט אַ ווערעמל. עפּעס שוויגט דער רוח
ווי ער וואָלט געוואַרט. עס וואַרט דער עולם,
עס וואַרט די לופט, עס וואַרטן אויך די לייבן

אויפן פרוכת. ליכט זײנען געצונדן —
זײ װאַרטן. װאָס װעט טאָן ר׳ משה פּרעגער
אין נאָמען פון דעם בית־דין? ס׳אַראַ תּפילות
װעט ער דעם עולם הײסן זאָגן? די השבעה —
װען הױבט ער זי שװין אָן?

ס׳גײט־צו צום בחור

ר׳ משה, קוקט אַרײַן אים אין די אױגן,
װי מען קוקט פון דרױסן אין אַ פענצטער,
און די השבעה הױבט ער אַלץ נישט אָן.
ער חזרט איבער װאָס ער װעט אַלץ טאָן
פון דעם רוח װעגן.

**ר׳ משה**

אױב דו פאַלגסט
און גײסט אַרױס מיט גוטן, אָן חרמות —
װעל איך די מידת רחמים אויף דיר װעקן.
איך װײס דאָך, אַז דו האָסט זיך אויסבאַהאַלטן
אין אָט דעם גוף, װײל ס׳לױערן אױף דיר
אין דרױסן מחנות פאַרכצומע און בײזע.
נון, טרײַבן װעל איך זײ פון דיר, די מחנות,
מיט תּורה, תּפילה און תּעניתים, אױב
דו װעסט פאַרלאָזן אָט די פרעמדע דירה,
דעם גוף פון אָט דעם בחור, פון אַברהם
בן איטע. זאָג: װאָס װילסטו פון דעם בחור?
װאָס פאַר אַ שלעכטס האָט ער געטאָן דיר, װאָס דו טוסט אים
יסורים אָן? מיט װאָס האָט ער געזינדיקט?

**דער רוח**

פרעג, משה, בײ דעם גאָט דײַנעם, װאָס איז
פאַראַן און נישט פאַראַן. ער קאָן יסורים
נישט אָפּשאַפן! דו װײסט פאַרװאָס? דערפאַר,

וואָס גרעסער זײַנען זיי פֿון אים. אָט האָסטו
אַ ראיה: אין דעם אָרט, וואָס הייסט מסתּרים —
האָב איך אַמאָל געלערנט — זיצט ער, וויינט ער...
אָט ווי ס׳פֿלעגט וויינען איבער מיר מײַן חנה... הייסט עס,
די פּײַן איז גרעסער — דו פֿאַרשטייסט, צי נישט? —
איידער דײַן גאָט! וואָס ווייסטו פֿון יסורים,
דו פּיטום־קטורת דו? אין צענטן גלגול
וועסטו, דו בשׂמים־ביקס, נישט קענען וויסן
אַ טויזנטסטל אַפֿילו פֿון דער פּײַן,
וואָס ברענט מיך. פֿלאַקן הייליקער, איך ווער
אַזוי געפּייניקט, אַז איך מוז ממילא
פּייניקן פֿון מ י י ן זייט! ווען איך פּייניק
דאָס כּשרע טינופֿת׳ל, ס׳אָווערעמל,
דאָס שמענדריקל מיט בתולה׳דיקע ליפּן,
ווערט מײַן געפּייניקט־זײַן אַביסל גרינגער.
נישט פֿאַר קיין גיהנום־מחנות האָב איך מורא,
נישט פֿאַר חבֿלה׳ניקעס — נישט פֿאַר זיי.
וואָס איז מיר זייער גיהנום־שמענעס? כ׳פּייף
אויף זייער שמענעס ווי אויף דײַן שמאַנאַיִדעס.
צענויפֿגעיאָגט אַ סטאַדע כניאָקעס... בית־דין!
זאָג זיי, אַז כ׳וועל נישט ענטפֿערן זיי קיינעם...
זיי מעגן ריידן צו דער וואַנט... איך קען נאָר דיך...
דו הערסט? נאָר דיך... איז וואָס־זשע זאָגסטו, שמוישל?...
דער גיהנום, וואָס אין מיר און נישט מ ח ו ץ מיר,
צי קאָנסטו מיך אַרויסנעמען פֿון אים,
דו שמ׳ע הייליקע, דו צדיק־שמאַדיק?
ווער דאַרף דײַן תּורה, תּפֿילה, תּהלים, תּענית?
וועסט געבן אַ תּקנה מיר? אָט דו
וועסט מיר אַ תּיקון געבן, האַ? וואָס ווייסטו?
מעוּות לא יוכל לתקון — איז געזאָגט
אויף מיר, אויף שמואל־מערדער ראש־מדינה.
כ׳בין שמואל ראש־מדינה, כ׳שטאַם פֿון פּוילן,

און ביילע איז מיין מאַמע, ימח שמה,
און כ'האָב מער פשעים וויפיל האָר ס'פאַרמאָגן
די בערד פון אַלע ייִדן דאָ אין שול.

**ר' משה**

אַזוי? ביסטו געווען, הייסט עס... איך מיין:
זייט איר געווען אַ ראש-מדינה... נו,
באַדאַרף מען דאָך אייך אירצן... פאַרט געווען
אַן אדם חשוב... זאָגט-זשע מיר, ר' שמואל —

**דער רוח**

וואָס פאַר אַ רעבּ בין איך ביי דיר? כ'בין שמואל רשע,
שמואל מערדער, שמואל ימח שמו.

**ר' משה**

ר' שמואל ראש-מדינה, זייט נישט, כ'בעט אייך,
ביי זיך אַזוי געפאַלן. מחמת יאוש
איז דאָ אין אייך אַ דאַכטעניש, ר' שמואל,
אַ דמיון, אַז ס'איז אַלץ שוין, אַלץ פאַרפאַלן.
נאָר זעט, ר' שמואל, — אדרבא, זעט:
אַט רעדט איר דאָך מיט שנאה פון זיך גופא,
איז דאָך אַ סימן, אַז ס'איז נאָך פאַראַן
אַ תרופה, אַ תקנה אויך פאַר אייך.

**דער רוח**

וואָס אָפּגעטאָן איז אָפּגעטאָן אויף אייביק.
עס ווען מיר נישט העלפן דיינע תפילה'כלעך
און די תעניתים'לעך. וואָס ביסטו קעגן מיר,
דו משה? אַ פאַרשטונקען שמן-זית'ל
אַקעגן פעסער עיפּוש'דיקע פעסט.
מיין קלענסטע זינד וואָלט דיר גענוג געווען, דו בטלן,

צו תשובה׳נען אַ לעבן. וואָלסט דיין גאָט
דעם קאָפּ פאַרוויינט. צוערשט האָב איך אין דמיון
געלאָזט זיך וואוילגיין גאַרנישט אויף קאַטאָוועס, —
טרייף בלוט האָב איך געהאַט פון אָנהויב אָן —
איך בין דאָך ביילעם תכשיט — ימח שמה —
אַ פרומע ייִדענע מכּלומרשט, נאָר אין רשעות
איז נישט געווען איר גלייכן, — יאָ, אין דמיון,
אין דמיון האָב איך אָפּגעטאָן צוערשט
די ווילדסטע זאַכענישן, און דערנאָך —
בפועל ממש. קענסטו דען די זינד
פון דמיון, משה? ווייסטו וואָס דאָס איז,
דו צידקות׳דיקער דראַנג דו?

**ר׳ הירש דיין**

ווײַ, אַז ווײַ!

די אויערן וואָס הערן דאָס! גענוג!
ר׳ משה, צייט צו מאַכן די השבעה.

**ר׳ משה**

אָט באַלד, אָט באַלד, ר׳ הירש. אָט נאָך אַביסל.

**ר׳ הירש דיין**

מע טאָר דאָך גאָר נישט הערן וואָס ער רעדט.
ס׳איז דאָך אַ מקום-קדוש. זייט מיר מוחל,
ר׳ משה, נאָר — מען טאָר דאָך נישט, מען טאָר נישט!

**ר׳ משה**

נישטאָ אַזאַ מין טומאה, אַז די קדושה
זאָל דאַרפן ציטערן פאַר איר.

**ר׳ הירש דיין**

ער איז מטמא

דעם אוויר דאָ.

**ר׳ משה**

איך בין מיט מיינע רייד
די לופּט צוריק מטהר. והשנית:
צו מאַכן די השבעה ווי ס׳געהער צו זיין,
באַדאַרף מען וויסן פּרטים. רעדט, ר׳ שמואל.

**דער רוח**

איך פּייף אויף דיר מיט די השבעות דיינע,
דו מצוה-קלייבער דו! איך בין געקומען
מיט דיר מלחמה פירן. ביסט אַ צדיק,
באַוויל דיין בלוט איז לאַקשן-יויך. זיי וויסן,
אַז כ׳האָב אַ צדיק אָט אַזאַ ווי דו
געהייסן הרגענען... אוי, חנה, חנה...
(אַ רגע איז דאָ שטיל געווען דער רוח,
דערנאָך האָט ער אַ קרעכץ געטאָן אַזוי,
אַז ווענט האָבן געציטערט און אַ סקרוך
איז אַריבער אַלע לייבער). ביילע,
מיין מאַמע, איז געווען דיין היפוך, חנה...
ווען נישט דאָס מאַמעלע... מיין טאַטע איז געווען
אַ באַנק-קוועטשער, אַן אָפּגעשלאָגענע הושענא,
אַ שבעה-נקיים-זיצער און אַ קראַצער,
אַ וויים-איך-דאָרטן... יונג איז ער געשטאָרבן —
אָבער זי — ס׳אַלמנה׳לע — אַהאַ!
דאָס ביילעשי! זי האָט דאָס טרייפע בלוט אירס
אין מיר אַריינגעגעבן — און דערנאָך כּסדר,
דאָס גאַנצע לעבן, מיר דאָס בלוט גערייצט,
געהעצט: טו דאָס, מיין זון, טו יענץ! גיי העכער!
דו קוק נישט אויף קיין זאַך... ביסט ראש מדינה...
אַז ימח-שמה זאָל זי דאָרט זיין! איך וויים נישט,
ווען דער טויט האָט זי געפּאַקט און וואו זי שטעקט,
נאָר געווים איז זי אַ בייזער רוח
ווי דער תכשיט אירער... תקיפות און להכעיסקייט —
עס האָט מיט זיי מיין דמיון זנות געטריבן,

געבוירן תאוות, וואָס דו ווייסט נישט זייער נאָמען,
שמייליקער אשר־יצר וואָס דו ביסט,
און כ׳האָב די תאוות נאָכגעגעבן אַלע,
און ס׳מאַמעלע האָט אַלץ געוואוסט — און גאָרנישט...
אדרבא... אָבער חנה... חנה...
(אַ שטילשווייגן און ווידער יענער קרעכץ,
וואָס שיקט אַ סקרוך איבער די לייבער). משה,
לאָז מיך אַרויס. איך וויל צוריק אין הקדש.
וועסט סיי־ווי־סיי נישט פועלן ביי מיר —
אומזיסט די טרחא. כ׳זאָג דיר בלויז אויפסניי,
אַזוי, אַז אַלע זאָלן הערן, אַז דיין בורא
איז אַזוי גוט ווי נישט פאַראַן. איצט בין איך מיד,
איך קאָן מער נישט...

**ר׳ משה**

איז מאַכט מען די השבעה.
אַז ווינ, אַז ווינ, ר׳ שמואל ראש־מדינה,
אַז אָך און ווינ! מיט בייזן וועט איר מוזן
אַרויסגיין פון הבחור כמר אברהם
בן איטע. ס׳וועט אויפסגוואַלד די עדה־קדושה
מיט מיר בראש פאַריאָגן אייך — און ס׳וועלן
די שוואַרצע מחנות זיך צו אייך אַ נעם־טאָן
און ס׳וועט קיין סוף נישט זיין צו אייער עונש.
גייט איר אַרויס מיט גוטן — וועל איך זען,
אַז משפט׳ן זאָל אייך דער הימל און נישט זיי.

**דער רוח**

די שוואַרצע מחנות קאָנען מיך אַזוי נישט פייניקן
ווי כ׳פייניק זיך אַליין. נישט מחמת מורא
פאַר זיי בין איך אַריין אין דעם אַוורעמל.

**ר׳ משה**

איך ווייס. איר האָט געזאָגט. דורך אָפּציען פון זיך
צו אים אַביסעלע יסורים — ווערט אייך גרינגער.

נאָר וואָס, מ׳שטיינס געזאָגט, פאַר אַ ישועה איז עס?
לאָזט מיך אייך מתקן זיין, ר׳ שמואל,
איר זאָלט דעם הימלס עונש קאָנען אויפנעמען —
און וועט איר אויפנעמען דעם הימלס עונש
וועט סוף כל סוף זיין רעכט.

**דער רוח**

רעכט-שמעכט! ווער דאַרף דאָס?

**ר׳ הירש דיין**

ר׳ משה פרעגער —

**ר׳ משה**

כ׳ווייס, ר׳ הירש. אַט באַלד.
אַט נאָך אַ רגע, בית-דין. נאָך אַ רגע.
אַ רגע, יידן. אפשר פאַרט...

**דער רוח**

כ׳בין מיד...

**ר׳ הירש דיין**

איז טאַקע איצט די בעסטע צייט.

**קולות**

די בעסטע צייט איצט.

**ר׳ משה**

שאַ, שאַ, ר׳ הירש. אין נאָמען פון דעם בית-דין:
אַזוי ווי ס׳איז שוין שפּעט און אויך כדי
ר׳ שמואל זאָל זיך קאָנען איבערלייגן,
בין איך, רבותי, מכריז ומודיע,
אַז מירן אָפּלייגן דעם ענין אויף אַ וואָך,
אויף קומענדיקן דאָנערשטיק; אין אַלט-שול דאָסמאָל,
אין אַלט-שול, זאָג איך. צוליב אַ טעם כמוס.

**ר׳ הירש דיין**

דאָס בית־דין איז נישט מסכּים. איצט, שוין איצטער!
באַלד אויפן אָרט! אָן שהיות!

**קולות פון דיינים**

אדרבא —

נאָר אַז ר׳ משה פרעגער זאָגט —
ר׳ משה ווייס —

**ר׳ הירש דיין**

ס׳איז דאָך אַ גרויל... דעם רוח׳ס רייד... רבּותי,
ווילאַנג דער שיעור צו בעטן זיך ביים רוח?

**קולות פון עולם**

טאַקע... ווילאַנג דער שיעור?

**דער רוח**

אהאַ, איר זעט?
ער בעט זיך גאָר ביי מיר, דער מוישקע צדיק!
נאָר גאָרנישט. אַז עס ווילט זיך אייך — איז מילא.
בלאָזט, ייִדעלעך, און שופר׳ט און מאַכט קונצן.
איך הער אייך ווי דעם טראַק. כ׳וועל נישט אַרויס.

**ר׳ הירש דיין**

כ׳האָב דאָך געזאָגט, ר׳ משה... כ׳האָב געוואָרנט...

**דער רוח**

אַהין אָדער אַהער. איר ווילט זיך נאַריש מאַכן —
טאָ בלאָזט געזונטערהייט און מאַכט זיך נאַריש.
אַז נישט — הייס, משה, אויפבינדן אָווּרעמלען
און לאָמיך גיין.

**ר׳ משה**

רבותי, איר זאָלט וויסן,

אַז באַם דער רוח וועט אַרויס מיט גוטן
און האָבן אַ תקנה — וועלן רחמים
נתעורר ווערן איבער כּל־ישׂראל
אין מערנלאַנד און ס׳וועט מורנו ורבנו
הרב ר׳ דוד פּועל זיין אין פּראָג
טובות און ישועות.

**אַלע**

אָמן.

**ר׳ משה**

וואָרום רחמים

דערוועקן רחמים.

**דער רוח**

וואָרום רחמים, זאָגט ער,

דערוועקן רחמים... ניקלסבורגער טפּש!

**ר׳ משה**

בלייבט אַזוי. אם ירצה השם אין אַלט־שול,
דאָנערשטיק, ט׳ שבט. און איר דערווייל, ר׳ שמואל,
באַקלערט אייך. האָב קיין מורא נישט, אברהם
בן איטע. האָב קיין מורא נישט, מיין זון.
דו וועסט, אם ירצה השם, נאָך לייגן תּפילין
און זיין אַ ייִד מיט ייִדן גלייך.

**אַווראַמל**

הלוואי!

רבי, הלוואי! איך בענק אַזוי נאָך תּפילין,
נאָך אַ ייִדיש וואָרט —

**ר׳ משה**

איך וויים, מיין זון.

עס וועט שוין רעכט זיין.

דער רוח
תפילין־בענקער! שמענדריק!
בתולה! קום אין הקדש! שנעלער! ריר דיך!
ביסט דאָך שוין, קעלבל, אָפּגעבונדן! קום — — —

ח

ס׳האָט ביז צום צווייטן דאָנערשטיק דער רוח
געפּייניקט מער ווי ווען־עס־איז אַוורעמלען,
אים שיר נישט ראָד־געבראָכן, זיינע גלידער
געהאַלטן ווי אין גליענדיקע צוואַנגען
און זיי געריסן ווי מען רייסט אַ צאָן.

נאָר צווישן פּייניקונג און פּייניקונג פלעגט ווערן
דער רוח מער ווי ווען־עס־איז פאַרשטילט,
גלייך אָפּגעשוואומען וואָלט ער אויף מחשבות
ווייטע און איינזאַמע ווי אויף אַ שיף —
און איינמאָל האָט אַוורעמל אים געהערט
אַרויסריידן מיט פאַרכטיקייט און צאַרטקייט,
פון ווייטעניש און שטילעניש אַרויס,
דעם נאָמען פון רב משה פּרעגער: יינגער
האָט זיך דערפילט אַוורעמל אויף זעקס יאָר —
צוריק ס׳בר־מצוה־יינגל. ס׳האָט אויף אים
אַ יאָג געטאָן מיט ניגון פון הפטורה,
ווי מיט אַן ערב־פּסח־ווינט אַ פרייען;
אַ שמעק געטאָן האָט מיט רצועות פרישע,
וואָס שניידן זיך אַריין אין יונגן אָרעם,
און ס׳האָט דאָס אויג אַ שפּריץ געטאָן מיט טרערן
אַזעלכע האַסטיקע און פרײלעך־גרינגע.

ס׳איז ביז צום צווייטן דאָנערשטיק ר׳ משה
געזעסן אָפּגעשפּאַרט ביי זיך אין חדר
(בלויז שבת איז געווען ביי אים אַ מנין),

געמאַכט יחודים לאַנגע און צירופים,
געמורמלט תּפילות, קיינעם נישט געזען,
צו קיינעם נישט גערעדט. פון צייט צו צייט
פלעגט ער פון שטילעניש אַרויס, ר׳ משה,
אַרויסריידן צו זיך: ברוך השם, עס העלפט —
ער בעסערט זיך... עס זיינען דורכן חדר
געפלויגן שמות הייליקע, געפלעמלט,
און ליכטער האָבן זיך פון העט, פון אויבן,
שטיל געצויגן דורך ר׳ משהס באָרד
אין דינע, העלע, ציטערדיקע פעדעם.

ז

דאָנערשטיק, ט׳ שבט, איז קאָפּ אויף קאָפּ געפּאַקט
די ניקלסבורגער אַלט־שול: די אַלופים
און קצינים, און די ייִדן פון אַ גאַנץ־יאָר,
ישיבה־לייט — און פול די עזרת־נשים.
געקומען דאַסמאָל אַ פּאָר פּריצים אויך:
געהערט — און ווילן זען. ר׳ צבי־הירש דיין
האָט זיך געשראָקן, האָט געטענהט: „ניין,
מע דאַרף די שררות מדחה־זיין מיט עפּעס
אַ וואוילן תּירוץ — ס׳קאָן נאָך, חס ושלום,
אַרויסקומען אַ חילול. ווייל דער רוח
איז עפּעס — שדים ווייסן וואָס! געהערט
אַזעלכע רייד? געזינדיקט גאָר אין דמיון,
דערנאָך בפּועל ממש... המ... נישקשה,
נישקשה פון אַ דמיון!... אַזאַ רשע!
אַזאַ"... געשמייכלט האָט ר׳ משה פרעגער:
„וואָס אַרט עס אייך? אָט זאָלן אויך ערלים
גאָט׳ס וואונדער זען. בהן שלי, ר׳ הירש,
כ׳בין אייך מבטיח: ס׳וועט נישט זיין קיין חילול —
פאַרקערט, ר׳ הירש, פאַרקערט"...

איצט ווארטן אלע
און פון דערוואַרטונג ברענט די לופט אַליין.
אויפן אַלמימר קעגן אָרון־קודש
ליגט, אַ געבונדענער, אַ וורעמל.

ס'ציט צונויף
די ברעמען, האַלב אין שרעק און האַלב אין רוגזא,
ר' צבי־הירש דיין. אויב ר' משה — טראַכט ער —
וועט ווידער אַפּשלעפּן מיט דער השבעה
און וועט דעם רוח ווידער לאָזן טענה'ן,
ווער ווייס, צי ער, הירש דיין, האַלט עס אויס?
שוין דאַרט, אין הקדש, ווען עס האָט דער רוח
גענומען דבר'ן — האָט ער דערשפּירט,
אַז עפּעס גייט אויף אים... און זינט דער רשע
האָט אויסגעזאָגט, אַז תחילת האָט זיך אַלץ
ביי אים אין דמיון אָנגעהויבן — פילט ער,
אַז ער איז קראַנק. עס טריפט אַ דינער גיפט
צו אים פון רוח'ס ווערטער. חטאות־נעורים
פאַרשאָטענע, פאַרשאָטנטע, דערשטיקטע,
דערוועקן זיך אין אים. דער כּוח־דמיון
האָט אים געפּייניקט יונגערהייט — אַלץ הייסט!
געמאָלט האָט אים דער דמיון טויזנט זאַכן,
דערגאַנגען אים די יאָרן, אים געטאָן
אין טויט אַריין, געבונדן אים, פאַרשלעפּט
אַהינטער אַלדי וויסטע הרי־חושך,
געהייסן אים הוליאַנקעס פּראַווען, שפּאָטן
פון אַלץ וואָס הייליק, קריכן איבער וועלדער
מיט כּת ליצנים, זוכנדיק אַ קרוין
אין שוואַרצע היילן... ס'האָט זיך דאָס געטאָן!
וואָס האָט ער דען נישט דורכגעזינדיקט דענסטמאָל?
ווער קאָן דען אויסרעכענען אַלע טומאות?
סכּנת נפשות! איינמאָל האָט דער דמיון
געהייסן אים באַגנב'ענען אַן עושר:

פאַרקריכן ביי אים אין דער מחשבה
אַ פּעסל גאָלד... דערנאָך האָט ער געבראַכט אים
צו אַן אשה זונה, וואָס האָט נאַקעט
געוואַרט אויף אים אין ווייטע פּרכּי־ים,
אויף אים מיט די מתּנות, די תּכשיטים,
וואָס ער האָט איינגעקויפט פאַר איר אָט טאָקע
פאַר יענעם אָנגערויבטן גאָלד... דערנאָך
האָט ער געזינדיקט מיט דער אשה זונה,
און טאָמער איז דאָס ווייניק, האָט דער דמיון
געבראַכט פון די שוואַרציאָרן אַ מין לץ,
וואָס ער האָט אָפּשלאָגן געוואָלט די אשה,
זי צונעמען פאַר זיך... איז ער געוואָרן
אַזוי צעיאַכמערט, אַז ער האָט דעם לץ יענעם
גענומען און געהרגעט... האָט ער, הייסט עס,
אין דער מחשבה עובר שוין געווען —
אַז אָך און ווייִ — אויף דעם לא־תרצח אויך,
נישט נאָר אויף דעם לא־תגנוב און לא־תנאף.
אַזוי האָט אים פאַרפירט דער דמיון זיינער —
נאָר, דאַנקען גאָט, ער האָט זיך ווי אַ לייב
געשטאַרקט אין גאָט'ס עבודה, האָט געשלעפּט
דעם דמיון, דעם מנוול, אין בית־מדרש —
אַהערצו טאָקע, אין דער אַלט־שול... לאַנג
געשלאָגן זיך מיט אים... אָט האָט דער דמיון
געשלעפּט אים, הירשן; אָט האָט ער צוריק
געשלעפּט דעם דמיון, אַ געבונדענעם... די תּורה
האָט אים געראַטעוועט — און סוף־כּל סוף
האָט ער דעם דמיון אויסגערויכערט. ווען נישט דאָס,
ווען נישט די תּורה, — ווען קאָן ווייסן, ס'אַרא מעשים
ער וואָלט עס אָפּגעטאָן. ער וואָלט געווים
פאַרלוירןביידע וועלטן. ווייל די טבע
פון דמיון איז, אַז פריער הויבט ער אָן
מיט דער מחשבה... נאָכדעם נעמט ער שטופּן

צו מעשים... אַט אַזוי איז דאָך געווען
מיט אַט דעם שמואל ראש־מדינה טאַקע...
אמת, דעם שמואל'ן האָט נאָך דערצו
געשטופּט זיין מאַמע, די מרשעת... אָבער דמיון
איז אַ שטופּער — איינער אין דער וועלט!
געלויבט דער אויבערשטער: ער האָט באַצייטנס
אַלץ אָפּגעהאַקט... פאַרגעסן האָט ער לאַנג
די חטאות נעורימדיקע מעשיות, אָבער איצטער,
זינט ס'האָט ר' משה איינגעשפּאַרט זיך דווקא
מתקן זיין דעם רוח אַט־אַ־דעם,
פילט ער, ווי ס'קריכט אויפסניי צו אים דער נחש
(אין ספרים שטייט דאָך טאַקע — ווייס ר' הירש —
אַז דער שלאַנג יענער, וואָס האָט פאַרפירט
דאָס ערשטע פּאָרל, איז געווען דער דמיון).
ווען ס'ווייס ר' משה פרעגער אַט די מעשה —
וואָלט ער דערבאַרעמט זיך אויף אים, דעם דיין,
און אויפגעהערט צו פּראַווען די תיקונים...
געוואַלד! וואָס טוט זיך דאָ? געוואַלד! געוואַלד!

הירש דיין קוקט זיך אום. אַ קאַלטער שווייס
באַשלאָגט אים און ער ציטערט. ניין, אין זיך בלויז,
אין זיך אַליין האָט ער געשריגן גוואַלד —
ס'האָט קיינער נישט געהערט, חלילה... סיידן
ר' משה... ווייל ר' משה קאָן דערהערן
אַ זאַ געוואַלד אַפילו, — אַ געשריי,
וואָס איינער שרייט אין זיך... ס'איז גוט ר' משהן,
וואָס נסתר איז אים נגלה, וואָס אַלץ ווייס ער
און קיין שום שטורעם וואַרפט אים פון די פּיס נישט...
שאַ, עפּעס הערט מען אַלץ נישט קיין השבעה...
דער רוח רעדט... און ווייבער איז אַצינד
דאָס קול זיינס... מילדער, אומעטיקער עפּעס...
ר' משה אירצט אים אַלץ און רופט אים רב... דאָס וויל ער
אַזוי־אַרום אים אויפהויבן, אים שענקען

אביסל חשיבות אין די אייגענע אויגן,
ווייל רשעות נעמט ביים שלעכטס-טוער אוועק
דעם כּבוד, וואָס אַ מענטש באַדאַרף צו האָבן
פאַר זיין אייגענעם צלם-אלקים.
צוריק געשמועסט: ס'איז דאָך נישט קיין מענטש,
ס'איז דאָך אַ רוח בלויז... וואו האָט אַ רוח
אַ צלם-אלקים? ר' משה אָבער,
ר' משה זעט דעם מענטש אין אים... אַזאַ-מין
בעל-רחמים! האָט אין זיך ממידות קונו...
ורחמיו על כּל מעשיו... שאַ, גענוג, —
מאַכט דאָ ר' הירש צו זיך אַליין, צו זיינע
רעיונות, — לאָמיך הערן וואָס זיי ריידן...

**דער רוח**

— — — בין איך אַריין אין אים, אין דעם אוורעמל,
בעוויל ער כאַפּט דעם אָנבליק פון מיין חנה'ן...
אַריין און פּייניק אים, ווי כ'האָב געפּייניקט
מיין ווייב, מיין טויב, מיין חנה... זי איז יונג
געגאַנגען פון דער וועלט... וואו ביסטו, חנה?
איך טרעף זי נישט אין ערגעץ... צווישן ריינע
און העלע מוז דיין וואוין זיין... (אַ הפסקה.
דער רוח שווייגט אין טרויער).

**ר' משה**

רייד. איך הער.

**דער רוח**

ווילסט הערן, משה? הער זשע... הערט, ר' משה...
די שוויגער, ס'הייסט די מאַמע מיינע, ביילע,
האָט פיינט געהאַט מיין חנה, איר די טריט
געברענט, כּסדר קעגן איר געהעצט מיך,
בלבולים אויסגעטראַכט אויף איר... און איך —

איך האָב געגלויבט און נישט געגלויבט; געפּייניקט
האָב איך מיין חנה סיי־ווי־סיי... דו ווייסט?
איר ווייסט, ר׳ משה? כ׳וויל אייך עפּעס זאָגן...
וואָס מער איך האָב געזינדיקט און פאַרבראָכן —
אַלץ מער האָב איך געפּייניקט זיך אַליין;
וואָס מער איך האָב געפּייניקט זיך אַליין —
אַלץ מער האָב איך געפּייניקט זי, מיין חנה,
מיין טויב... כּדי עס זאָל מיר ווערן לייכטער...
דאָס זעלבע, וואָס איך טו איצט מיט דעם בּחור,
מיט דעם אָווּרעמל... כ׳האָב איר אויך דערציילט
די שוואַרצע סודות מיינע... אַלע סודות
דערציילט, געהאַט הנאה זי צו זען
פאַרבלאַסט, פאַרצאַפּלט און צום טויט דערשראָקן...
אַזויפיל לויטערקייט אין איר געווען,
אַז כאַטש איך פלעג איר קערפּער זיין מטמא
ווי ס׳קאָן אַזאַ ווי איך — איז אין מיין ווייבל
געבליבן ריינע בּתולה׳דיקייט. כ׳פלעג
מיט שפּאָט זי רופן: בּ ת ו ל ה... ווי אָווּרעמלען...
איך האָב זי גוואַלדיק ליב געהאַט, ר׳ משה,
מיין טויב, מיין חנה... סיי־ווי־סיי, מיר ביידע,
דאָס מאַמעלע און איך, דער מאַמעס פּרי,
מיר האָבן זי געפּייניקט... איך — פון ליבשאַפט,
וואָס איז געווען ווי גליענדיקע שנאה,
און זי, דאָס מאַמעלע — פון גאָלע שנאה,
וואָס האָט געגליט ווי ליבשאַפט... איינמאָל האָט
נישט אויסגעהאַלטן חנה... האָט פאַרקלאָגט זיך
פאַר אים, דעם שווער מיינעם... דעם רב... איר טאַטן...
אַזאַ ווי דו געווען... ווי איר... אַ צדיק...
נאָר אָן די רחמים אייערע, ר׳ משה...
מידת־הדין... און ווען איך בין דערגאַנגען,
אַז אַלע מיינע סודות האָט זי, חנה,
דערציילט דעם שווער מיינעם, דעם רב, איר טאַטן,
און כ׳האָב געוואוסט: קאַפּוירשווימען וועט אַלץ,

האַט זיך צעבושעוועט מיין דמיון: כ'האָב אין דמיון
פאַרפייניקט אים צום טויט... דערנאָך, ר' משה,
האָב איך אַ גוי געדונגען — און ער האָט,
דער גוי, פאַרנאַרט איר טאַטן אין אַ וואַלד
און מיט אַ האַק צורעכטגעמאַכט... מיין יוכבע
האָט אויפגעקאָכט נאָך שטאַרקער... גניבה, גזילה, ניאוף,
וואָס נישט... און איצט — רציחה אויך... אויב יאָ,
אויב שוין רציחה אויך — איז ביז צום סוף!
איך דאַרף צו חנה'לען קיין גוי נישט דינגען...
און ס'העצט דאָס מאַמעלע און העצט און העצט...
ס'האָט אַלץ געברענט אין מיר... איך האָב מיין חנה'ן
פאַרסמט... דו הערסט?... איר הערט, ר' משה פרעגער?
פאַרסמט...

**ר' משה**

רעדט ווייטער... כ'הער אייך, ראש מדינה.

**דער רוח**

נאָך גוט, וואָס ס'האָט קיין קינד מיר נישט געגעבן
מיין חנה... כ'וואָלט געווים אויך ס'קינד געממית'ט —
אַזוי האָט אַלץ אין מיר געפלאַקערט... ממית'ן
האָב איך געוואָלט דאָס מאַמעלע... געזוכט זי
און נישט געפּאַקט... עס האָט זי דער שוואַרציאָר
אַוועקגענומען ערגעץ... אויפן בוידעם
בין איך אַרויפגעלאָפן... ס'האָט אַ שטריק
געמאַכט צו מיר אַ סוף... נאָר ס'איז פאַראַן דען
אַ סוף, ר' משה?... זעסט דאָך, כ'בין אַ רוח
און פייניק זיך און פייניק דעם אַווּרעמל,
מיין צווייטע חנה... זאָג זשע... זאָגט: איז שייך
צו ריידן נאָך דעם אַלעמען פון גאָט?

**ר׳ משה**

ר׳ שמואל... אַי, ר׳ שמואל ראש מדינה...
אַפילו איר, — באַטראַכט זיך נאָר, ר׳ שמואל, —
אפילו איר האָט ליב האָבן געמוזט...
מע מוז דאָך עפּעס טאָן מיט יענער אהבה,
וואָס גאָט האָט איינגעפלאַנצט אין אַלע וועלטן...
איז אָדער מען דערהויבט זי צו איר שורש,
און דענסטמאָל איז זי קודש-הקדשים,
אָדער מען פאַרשלעפּט זי, חס ושלום,
אין טיפעניש פון קליפות... נאָר אויך דאָרטן,
אין תהום פון די קלקולים, איז זי ענלעך
צום שורש... מיט יסורי אהבה שטראָפט זי,
די אהבה פון דעם בורא... אשר יאהב
השם יוכיח... און אַזוי, להבדיל
אלף אַלפי הבדלות, ווערט דער קלקול
פון דער אהבה — אויף אַן אַנדער שטייגער —
אויך אַ שטראָף: יסורי-אהבה פון דער קליפה...
די שטראָפונג, וואָס דו האָסט געשטראָפט דיין חנה...
עס איז דער סוד פון זה לעומת זה...
דער עצם שורש אָבער בלייבט דערזעלבער:
די אהבה... יאָ, ר׳ שמואל ראש-מדינה...
אָט האָט איר זי גענומען, די נשמה,
וואָס גאָט האָט אייך געגעבן, און פאַרשליידערט
אין סאַמע תהומא רבא פון די קליפות,
נאָר הערט, ר׳ שמואל, וואָס איך בין דערגאַנגען:
איר שורש איז אַ הויכער גראָד...

**דער רוח**

ר׳ משה...

איך האָב געמיינט: מלחמה וועל איך האַלטן
מיט אייך... ערשט ס׳איז פאַרקערט גאָר... דער נצחון
איז אייערער... איצט ווייס איך שוין, פאַרוואָס
מיך האָט געצויגן גראָד אַהער, צו אייך,

צו אייך, ר׳ משה פרעגער... איך האָב פריער
געמשפּט ווערליק זיך — איצט קלער איך אַנדערש:
איך משפּט ווערליק אייך, ר׳ משה פרעגער!
אויב ס׳איז בנמצא אַזאַ מענטש ווי איר—
איז גאָט פאַראַן בפּועל ממש.

**ר׳ משה**

הערט איצט
די תּפילה, וואָס כ׳בין גרייט פון אייערטוועגן
אַריינפלעכטן אין מיין שמונה-עשרה. גרינגער
וועט אָנקומען גאָט׳ס משפּט אייך, ר׳ שמואל,
אויב איר וועט וויסן, וואָס און ווי איך בעט
פון אייערטוועגן.

**דער רוח**

כ׳וועל זיין שטיל — און הערן.

**ר׳ משה**

„אַב הרחמים, האר פון די פאַרגעבונגען!
דו ביסט דער באַרעמהאַרצעדיקער מלך,
וואָס טוט מיט די באַשעפענישן גנאָד.
איך שטיי פאַר דיר אין תּפילה און איך בעט דיך,
לפנים-משורת-הדין זיך צו באַגיין
מיט שמואל ראש-מדינה, וואָס זיין רוח
האָט אויסבאַהאַלטן זיך אַ האַלב טויז יאָרן
אין קערפּער פון אַברהם, זון פון איטע.
זיין דין מאַך לייכטער, גאָט פון רחמים, וואָרן
ער הערט נישט אויף צו משפּטן זיך גופא,
און אויב ער האָט געטאָן אַמאָל אויך גוטס —
געדענק עס אים פאַרוואָר. און זיי מצמצם
כביכול דיין ידיעה וועגן אים
און זיינע פשעים! דו, וואָס קיין שום זאַך
איז נישט פאַרהוילן פון פאַר דיר, באַפעל

דעם וויסן דיינעם וועגן אים: ווער קלענער,
פאַרטונקלט ווער, כּדי עס זאָל מיין חסד
איבער מיין דין זיך שטאַרקן... גאָט פון רחמים,
דו האָסט דאָך די ידיעה דיינע איינמאָל
מצמצם שוין געווען בשעת יצירה,
כּדי דער מענטש, דאָס ווערק פון דיינע הענט,
זאָל קענען בחירה האָבן. וואָס זשע האָט עס
פאַר אַ באַטרעף ביי דיר צו מאַכן קלענער,
צו מאַכן מינדער ווי־זשיק דיין ידיעה,
דיין וויסן וועגן שמואל ראש־מדינה?
פאַרנעמער פון געבעטן, יושב תהילות!
זאָל פון מיין תפלה אויסבינדן אַ קרוין
סנדלפון, און אין סוד פון די תיקונים
זאָל ליכט אַריינדרינגען אין יענע קליפות,
וואָס שמואל ראש־מדינה האָט געבוירן
מיט זיינע מעשים־רעים. גאָט פון רחמים,
מיט רחמים לייטזעליק אונדז אַלע, אַלע,
די לעבעדיקע ווי די אָפּגעשיידטע. זאָלן
באַוויליקט זיין די ווערטער פון מיין מויל
און ס׳דאַכטן פון מיין האַרצן, גאָט מיין פעלז
און מיין דערלייזער. דער, וואָס פירט־איין שלום
אין הויכקייטן און טיפענישן אַלע,
זאָל ברענגען פרידן איבער אונדז און איבער
כּל ישראל. אָמן״.

**אַלע**

אָמן.

**דער רוח**

ווי מיר...

איך קאָן אַזויפיל חסד נישט פאַרטראָגן...
אַזויפיל ליכט — און אויפאַמאָל!... ר׳ משה,
איך בעט אייך: איצט פאַרהאַלט מיך נישט אַ רגע

און הייסט די שופרות בלאָזן... כ׳וועל אַרויס
און וועל נישט מזיק־זיין קיין ילוד אשה,
נישט ייִד, נישט גוי, נישט זכר, נישט נקבה...
כ׳וועל דורך אַוורעמלס פּוס־פינגער אַרויסגיין
און דורכהאַקן אין מזרח־וואַנט אַ שפּאַלט — —
מאַכט די השבעה — כ׳בעט אייך — — —

**ר׳ משה**

איך פאַרשטיי.
אַזוי גראָד וועט זיין לייכטער דער אַרויסגאַנג...
אַזוי וועט אייך זיין גרינגער... גוט, ר׳ שמואל...

**ר׳ הירש דיין**

נו, סוף־כל־סוף... מע וואָלט באַדאַרפט מיך פאָלגן
און באַלד פון אָנהויב אים נישט לאָזן ריידן...
אַצינד... אַצינדער איז שוין אפשר שפּעט...

**ר׳ משה**

פאַר וועמען?

**ר׳ הירש דיין**

ס׳הייסט — פאַר וועמען? איך פאַרשטיי נישט.

**ר׳ משה**

איר וואָלט פאַרשטאַנען, ווען איר וואָלט געוואוסט,
אַז איך פאַרשטיי...

**ר׳ הירש דיין**

אַז איר — — אַ שטייגער וואָס?

**ר׳ משה**

מ׳עט ריידן דערפון שפּעטער. נישט געזאָרגט.
נאָר נישט געזאָרגט, ר׳ הירש.

דער אַלטער דיין
האַקט אָפּ, פאַרקריכט אין שטילשווייגן דערשראָקן..
ער ווייס... ר׳ משה ווייס... און אין רמזים
האָט ער גערעדט, כדי נישט צו פאַרשעמען...

ז

און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די השבעה.
ביי זיבן ספרי תורות און ביים שאַלן
פון זיבן שופרות אויפאַמאָל, האָט עולם
געזאָגט די תפילות, וואָס ר׳ משה פרעגער
האָט זיי געהייסן זאָגן. ס׳האָט ר׳ משה
די ווערטער פון דעם אויסטערלישן נידוי
געזאָגט מיט אַזאַ וויינענדיקער שטים,
אַז יעדער איינער האָט געהאַט אַ הרהור־תשובה.
עס האָבן מיטגעוויינט די ווענט פון אַלט־שול.
און פלוצלינג...

דער רוח

אַ יישר־כּוח אייך, ר׳ משה פרעגער...
אַוורעמל, זיי געזונט און זיי מיר מוחל...
אַז דו וועסט נעמען זיך אַ ווייב, אַוורעמל,
און ס׳וועט דאָס ווייב געבוירן אַ בן־זכר,
טו מיר אַ טובה, גיב נאָך מיר אַ נאָמען...
איך גיי צום דין זיך שטעלן... כ׳וועל נאָך אפשר,
נאָך לאַנגע, לאַנגע לייטערונגען, האָבן
די זכיה זיך צו טרעפן מיט מיין חנה׳ן
און איר מחילה בעטן... חנה... חנה...
איך גיי צום דין... איך גיי צו גאָט... איך גיי...

דערהערט האָט זיך אין שטילקייט פון דער אַלט־שול
אַ שטאַרקער פּאַך — ווי פון אַ ווינט... דערנאָך —

א האַסטיק דרילעווען אין וואַנט... מ׳האָט לאַנגע יאָרן
געוויזן אין דער מזרח־וואַנט אַ שפּאַלט
אַ קיילעכיקע, גרויס ווי אַ מטבע,
דורך וואַנען ס׳איז אַרויס ט׳ שבט תנ״ו
דער קראַנקער גייסט פון שמואל ראש־מדינה.

***

אָוורעמל

הייסט אויפבינדן מיך, רבי. טאַנצן וויל איך.
כ׳וויל טאַנצן, ייִדן. ס׳איז מיר גרינג. כ׳בין איך,
בלויז איך אַליין. איך בין צוריק בר־מצווה.
צו דרייצן יאָר איז ער אין מיר אַריין,
פאַראומריינט מיין געביין, פאַרשוואַרצט די טעג מיר,
אין מיר זעקס יאָר געגיהנמ׳ט... טאַנצן וויל איך...
און וויינען וויל איך... רבי...

ר׳ משה

וואָס, מיין קינד?

אָוורעמל

איך האָב פאַרגעסן עברי...

ר׳ משה

כ׳וועל דיך לערנען...
און גאָט וועט געבן, וועסט נאָך זיין אַ למדן
און לערנען אַנדערע, מיין זון...

און ס׳איז אָוורעמל
אין ניקלסבורג געבליבן. ער האָט דאָרטן
חתונה געהאַט. פאַרשטייט זיך, אַז ר׳ משה
האָט געהאַלטן ערלעך אַלע זאַכן,
וואָס ער האָט דעם רוח צוגעזאָגט. מע דאַרף נאָך
דערציילן, אַז עס האָט ר׳ משה פרעגער

שטיל, בסוד, כדי שלא לבייש,
געגעבן אַ תּקנה אויך דעם דיין
אויף זיינע חטאות נעורים — אין דער אַלט־שול,
אויף יענעם אָרט טאַקע, וואוהין ר׳ הירש
פלעגט אין די יונגע יאָרן זיינע שלעפן
דעם דמיון זיינעם, צווינגען אים צו תּורה,
נאָר ס׳פלעגט נישט אַלעמאָל דער דמיון ווערן
באַצוואונגען... ניין, נישט אַלעמאָל... אַ סברא,
אַז יענער טעם־כּמוס פון ר׳ משהן,
בעת ער האָט די ניי־שול אויף דער אַלט־שול
פאַרביטן, איז אויך ערגעצוואו געווען
פאַרבונדן מיט דער מעשה־אין־אַ־מעשה:
די מעשה מיט ר׳ הירש דעם אַלטן דיין,
ר׳ צבי־הירש סגל, וואָס צוליב דעם רוח
זיינען אים געקומען אין זכּרון
דער טירוף און די נאַכטיקייט די גאַרע
פון אַ חטאות־נעורימדיקן דמיון,
כּדי צו קריגן פון ר׳ משה פרעגער
אַ שטילן דרך־אגב׳דיקן תּיקון,
אַ תּיקון אַ פאַרבאָרגענעם, פאַרבונדן
מיט דעם אָפענעם. אַזוי איז תּמיד:
איין קלקול שלעפּט אַ צווייטן, בראָך שלעפּט בראָך,
און איין תּיקון איז מתקן עפּעס נאָך.

# די פאַרבאָרגענע אַסיפה

## (אַ פּאָעמע אין דיאַלאָג)

די ראַם פֿאַר דער דאָזיקער פּאָעמע האָב איך גענומען פֿון מײַן פֿאָטערס „כינוסם של נסתרים" (געדרוקט געווען אין „בדרך", אַ וואַר־שעווער העברעאיש וואָכנבלאַט). — די פֿיגור פֿון דעם פּשטן איז טײלווײַז מאָדעלירט אויף דעם וואַרשעווער אַלעקסאַנדער פּאַליטור, אַ העכסט־מערק־ווירדיקן מענטש מיט שטאַרקע העל־זעערישע נטיות, אַ פֿריער פּאַרפֿוילישטן, דערנאָך צוריקגעקערטן ייִד. (פּרטים וועגן אים — אין מײַן ברודער אלחננ׳ס בוך: אין אַ ליטעראַרישער שטוב).

**נאַראַטאָר**

קהילות פֿלעגן אויסשטאַרבן אין דער פּראָווינץ פֿון פּויזן.
יונגע — אויסגעוואַנדערט אָדער אויסגעשמדט; די זקנים —
אַוועק אויפֿן בית־עולם הויזן.
איבערלעבן פֿלעגט אַמאָל זײַן קהילה
אַן אַלטער שמש און די שליסלען היטן
צו דער שול, וואָס לײדיקט אַן אַ תּפֿילה.

שטייט אַ שול אַזאַ פֿאַרשלאָסן און פֿאַרחתמעט
אין אַ שפּעטער, שניי־פֿאַרווייטער, ווײַס פֿאַרשפּינטער
נאַכט פֿון ווינטער.
ווי אַ נאַכטיק־שפּעטער מתמיד
איבער אַ גמרא,
שאָקלט זיך איבער דער שול אַ צאַנקענדיקער שניי.
אַ וואָרע און נישט־וואָרע
דעמערט זי אין שנייאיקן געוויי.

שניי און שול און שטילקייט. פּלוצלינג — הער!
מע שליסט זי אויף, די שול. וואָס האָט דער אַלטער שמש
צו טאָן דאָרט אַזוי שפּעט? עס איז נישט ער...
געקומען זײַנען עס נסתּרים.

אַ רוף האָט דערהערט יעדער איינער פון זיי:
נעם גיי
אַהין, אין דער שול אין דער לײדיקער, וואָרום
ס׳וועט זיין דאָרט אַ כּינוס.

און נון, אַהין איז
געקומען גאַנץ וואָך
די צעשפּרייטע —
פון דאָרף און פון שטאָט, פון וואַלד און פון שליאַך.
שטיל וויטען זיי איינע די צווייטע.
איינער דעם צווייטן
איז באַקאַנט פון עפּעס אַ פּאַסירונג
אַ שותּפ׳ישער, אַן ערגעצוואו־געהאַטער.

די אסיפה הויבט זיך אָן. די פירונג
נעמט איבער ס׳קול
פון אל־מסתתר.

**ס׳קול**

אויף אַ דין וחשבון
האָב איך אייך גערופן, קינדער!
קיין עין־הרע אַ געזעמל...
פון שטאָט און שטעטל,
פון האָמליע,
פון גריצע, פון זשעטל,
פון גראָדנע...
אַפילו מיין טייער הייליק קוני־לעמל
פון וואַרשע, פון גאַס כלאָדנע...
פּשטן, קום נענטער אַהער!
רייד מיר דיין לשון דאָס מאָדנע —
איך הער.

**נאראטאר**

דער פּשטן פון ווארשע זעט אוים ווי אַ קינד מיט אַ באָרד.
אומגעלומפּערט און מלא־חן איז
אויף זיין קאָפּ דער קאַפּעליוש דער הארטער
ווי חנעוודיק און אומגעלומפּערט ער אליין איז.
פון יידן פאַרפוילישטע שטאַמט ער.
געווען אַמאָל, אַ סברא, אַ פאַרשייטער.
רעדט ער — אַזוי פלאַמט ער
ווי אַ פרייליך קנאַקעדיקער שייטער.
באַקן האָט ער — אויסגעבעטע קישעלעך.
קרישעלעך
כאַפּט ער פון גאָטס הויכן טיש,
קוויקט זיך מיט איעדן קריש
ווי מיט אַ קוילעטש.
זיין לשון איז געדיכט פאַרבראָקט מיט פויליש,
מיט פאַנבוג און מיט פראַשעפּאַנאַ.
נאָר ערגעצוואו געכאַפּט האָט ער אויך ווערטלעך חסידישע
און — גוט־יידישע,
ווער וויים ווי אַרומער.

איז גרייט צו זינגען און צו טאַנצן
מיט קינדערלעך, וואָס שפּילן אין אַ ראָד־און־ראַנע.
און אין די אויגן — תמיד זומער.

**דער פּשטן**

אַ כעשבן, פּראָשע פּאַנאַבאָגאַ?
וואָס בראָך מען עם?
דער עיקר איז דאָך כעיסעד...
מע'זעמאָ'דאָך קינדאָ'...
די ניצויצעס,
פּראָשע פּאַנאַבאָגאַ, די ניצויצעס

זיינען דאָך דאָ אין די קליפּעס יאַק זאַווּשע,
ווי אַלעמאַל... די בּרוכעס דיינע זיינען דאָ,
נאָר אין וואַרשע
פעלן אוים די מויצעס
צו מאַכן די בּרוכעס...
און בּיי די פּאַליאַקן
ברענען די יוכעס...
אַ ראַכעַנונג? וואָס איז מען מתקן
מיט ראַכעַנונגען? ס'טרעפט — אַ ייִד האָט זיך ספּאַטיקעט...
לאָמיר ליבערש' כאַפּן
אַ פּאַזשאַנדנעם ריקוד...
וואָס טאָיגן מיר די אַלע זאַכן?
נעמטס ענק, חברה, בּיי די הענט
און טאַנצט — און זאָל דער פּאַנבוג לאַכן!

**ס'קול**

גלות-אַפּריכטער, דו קרימסט זיך...
דיר געפעלט נישט... רעד זשע ד ו!
קום נענטער צו —
און רעד!

**נאַראַטאָר**

אַט איז דער, וואָס ריכט-אָפּ גלות.
אַפילו אַז ער שטייט
דאַכט זיך, אַז ער שפּאַנט.
עס הויבן זיך, ווי אין ווינט, די פּאָלעס
פון זיין קאַפּאָטע. אין דער האַנט —
אַ דאָרפישער סענקעוואַטער שטעקן.
ער פּאַכעט מיט אים בשעת ער רעדט
ווי קליפּה-הינט צו שרעקן.
ער שפּאַנט, ער שפּאַנט —

און אַריינשפּאַנען װער װײס װאוהין.
אַט װעט ער דורכבּרעכן אַ װאַנט —
ער שטייט — און שפּאַנט.

**דער גלות־אַפּריכטער**

שטויב פון אַזויפיל מדינות
אויף מיינע פּיס...
מיט מיר גייט דיין שכינה אין גלות...
און דער חשבון —
דער חשבון איז:
פון גלות װעט זי נישט אַרויס
װילאַנג עס װערט נישט דאָ אונטן
אַ װעלט אַן אַנדערע, אַ צװייטע...
די איצטיקע מוז פּליטה גיין...
ערב פּליטה
צי אַרויס דאָס ביסל גאָלד —
ס׳ביסל יידישע נשמות...
אויפ׳ם כּוח צי אַרויס!
װייל יידן זינגען: לא אָמות...
על שחל ופתן תדרוך...

צי די נשמות צוריק,
אויף צו שאַפן אַנדערע גופים,
לויטערע גופים...
װאָרן אַלץ איז קאַפּידרעך!
טו אַ רוף אים,
דעם משחית... גיב רשות אים...
חסד, זאָגט דער פּשטן... שטותים!
אין דיר זיינען פּייער מיט װאַסער באַהאַלטן —
זאָל די באַהעפטונג אַ רגע צעפאַלן!
זאָל איצט ס׳פּייער אין דיר זיין
אויף באַזונדערקייט אַ בעלן...
פּייער, נישט חסד! חסד איז װאַסער —

**נאַראַטאָר**

דער גלות־אַפריכטער שפּאַנט אַוועק
צו זיין אָרט ביי דער טיר.
דאָרט שטייט ער — און שטייט נישט:
איז אינגאַנצן גאַנג און ריר —
טוט זיך באַוועגן
צו עפּעס אַן אַנטקעגן,
וואָס האָט נישט קיין גבול.
עס שוויַיגן די נסתּרים.
ס׳גייט אַ שוידער דורך דער שול.
עס הערן זיך בלויז ווידערקולות וויַיטע
פון טיפע נישט־הי׳ען,
און ווידערקול צו ווידערקול גיט איבער
מיט אַ וויַיט,
לאַנג־לאַנג
צעציען:
פּייער — נישט חסד — חסד איז וואַסער — — — —

**ס׳קול**

מיַין זון... מיַין זון...
הימלען וויינען
איבער דיַינע רייד.
תּהומות —
תּהומות זיַינען גרייט...
דו וואָס זאָגסט, ש פ אַ ס ע ר?...

**נאַראַטאָר**

דאָ גיט זיך אַ שאַרל
פון דער זייט, פון שאָטן אַרויס,
אַ קוילעכיק בייכל — אַ סאַמאָוואַרל.

אַ יאַרמלקעלע, שוואַרץ, פּירקאַנטיק,
גלאַנצט פּראַנטיק.
אַ בערדל אַ פּריילעכס מיט אַ זשאַר פון רויטע קוילן.
אַ ליטוואַק אַ בדחן!
פאַרבראַקט מיט ליטוואַקישן רוסיש זיין יידיש,
כאַטש שוין יאָרן ווי זיין שטאָט געהערט צו פּוילן.
די ליפּן — פּעט און נאַסלעך —
שפּריצן קליינע שפּאַסלעך
און ברייטלעך־מגידיש
טוט ער זיי צעמאָלן און צעמוילן.
פונקען פליען פון די אויגן אים די שמאָלע
און איטלעך שפּאַסל איז אַן עולם מלא.

## דער בדחן

ליבער גאָט!
דו ביסט דאָך באַלעבאָס,
קומט דיר ניעפּרעמענע אַן אַטשאָט.
אַזויפיל צדיקים האָסטו, גאָט,
זאַמעטשאַטעלנע צדיקים...
אַ הייליקער נאַראָד:
רבנים, דיינים, פּרושים
אין קלויז ביי דער גמרא,
און אַלע קוילענען דעם יצר הרע —
הכל שוחטין —
און ס'הייבט זיך נישט אָנעט.
ס'איז אַזוי געקניפּט און אַזוי געפלאָכטן,
אַז וואָס מער מען קוילעט אים
איז מע מער בסכנה'ט.
דער יצר הרע איז אַ גרויסער פאַבריקאַנט
און עס דינען ביי אים אַלע
און ער גיט די סלוזשאַשצעס
זשאַלאָוואַניע מיט דער פולער האַנט.

שטעלט זיך דאָך אַוועק אַ וואָפּראָס:
ס׳טייטש, קאָקים אַבראַזאָם, פּאַרוואָס?
מע האַלט דיך אין איין קוילענען —
און דו ביסט גאָר דער גרויסער יאַ־טעביע־דאָם.
וואָס פאַר אַ חשבון איז ד אָ ס?
ס׳האָט דאָך עפּעס גאָרניט קיין טעם.
נאָר וואָס דען? ס׳איז דאָ אַ תּירוץ.
די וועלט איז טאַקע פול
מיט תורה און דרך־ארץ,
מיט מוסר און מיט קדושה
און מיט יראה פאַר גאָט —
עפּעס אַ קלייניקייט דער טשעלאָוועטשעסקי ראָד,
דער מין האנושי?
מער ניט — איטלעכע קדושה
האָט זיך אַ פּיצעמאָנצינקן יצר־הרע׳לע,
טאַקע נאָר אַ האָרעלע,
אַ פרעג־מיך־בחרמ׳ל, אַ דוך, אַן אָטעם אויף אַ שפּיגעלע.
ווי פלעגט זאָגן מיין באָבעלע,
די קאָסאָקע דאָבעלע?
אַ קדחת׳ל אין אַ פּיצעלע קריגעלע.
איז פּאַ־מאַיעמו
ווערט פון די אַלע יצר־הרע׳לעך,
די פּיצעמאָנציקע כּפּרה׳לעך,
די ברעק־ברעקעלעך, די האָר־האָרעלעך —
דער אמת׳ער זאַמעטשאַטעלנער יצר־הרע׳ץ!
וואָרום אַ ביסעלע מיט נאָך אַ ביסעלע
ווערט אַ פולע שיסעלע.
אָט דאָס איז דער תּירוץ, ווי איך בין אַ ליץ.
קומט דאָך שוין אויסעט,
אַז דער שטשאָט איז טאַקע אַ ריכטיקער שטשאָט.
איז וואָס זשע וויל איך?
וויל איך, זאָלסט אַ שמייכל טאָן, גאָט.

דו ווייסט דאָך, אַז כ׳בין נישט קיין קטלא־קניא.
אין בדחנישע גראַמען
האָב איך גרויס אָבראַזאָוואַניע.
היינט מיין יחוס? ביסט דאָך עפּעס גאָט,
איז דאָך פֿאַר דיר נישט קיין סוד,
אַז מיין זיידע איז געווען דער פּרי־מגדים —
וואָס רייד איך? דער פּרא־אָדם,
דער באַרימטער שומר־הבגדים
פֿון איישישאָקער באָד!
אַליין זרח דער בעדער האָט אים געגעבן סמיכות!
נאָר וואָס קומט מיר אַרויס פֿון מיינע גראַמען
און פֿון מיין יחוס?
איך סטאַרע זיך און סטאַרע,
חכמע זיך, אַזש עס גייט אַ פּאַרע,
און אין דיין קול, מיין ליבער גאָט,
זאָל דאָס אַ ציטער־טאָן אַ שמייכל...
גיכער נאַאָבאָראָט!
ווי איינער זאָגט: מ ע י ח ל...
ס׳געפֿעלט דיר ניט אַפֿילו מיין ר ו ש ע ס...
נאָר אויב דו ווילסט אָפּטאָן פֿון זיך די כמאַרע,
גיב אויך דו זיך אַ סטאַרע —
און צי אַרויס די יצר־הרע׳לעך פֿון אַלע קדושהס...
אלא וואָס, דו ווילסט נישט? האָב־זשע נישט קיין טענות!
אַזוי זאָגט פּיוול פּייגע־טריינעס.

**ס׳קול**

איצט קומט, נאָך מיין זון דעם בדחן,
וואָס רעדט און גראַמט אַזוי גערן,
דער מוזיקאַנט —
מיין זון, וואָס לאָזט זיך נישט הערן...
זיין מוזיק איז דער וועלט נישט באַקאַנט...
קום, שפּיל דיין חשבון מיר אויס!

## נאַראַטאָר

שטייט אַ ייִד און שווייגט. וואָס מער סע ברענט
אין האַרצן — שטאַרקער פילט זיך אים די קעלט
פון אָט דער וועלט.
אָ, אַ קעלט צום שטאַרבן,
צום פאַרשטאַרן...
די הענט זיינע, פאַרשטעקטע אין די אַרבל —
צוויי פידלען אין פוטליאַרן...
וואָלט ער געקאָנט, וואָלט ער פאַרבאָרגן אויך די נאָז
די פילעוודיקע, דינע
ווי אַ סמיטשיקל... וואָס וויים דען אין נגינה
אָט די וועלט? זי אַפּלאָדירט זיין זון, דעם ווירטואָז,
וואָס איז מיט געלט און כבוד בהמה׳ש זאַט...
גלות השכינה, אוי, גלות השכינה!
גאָט׳ס טענער אין טומאה — געפאַנגען — געשמדט...

איצט גיט ער פון אָרט זיך אַ לאָז,
שמייכלט האַלב ווילד, האַלב מילד,
נעמט די הענט, די צוויי פידלען, אַרויס,
און רעדט ווי געשפּילט.

## דער מנגן

ווילסט חשבון? איך וויים
אין ציפער בלויז: אַכט...
בחודש השמיני...
גערעכנט פון אונטן אַרויפצו,
איז בינה
די ספירה די אַכטע...
מ׳דאַרף על השמינית...
נישט די מוזיק פון דער מינות,
פון תאווה, פון קעצישע קינות — —
אויך מיר נגינה!

**מע דאַרף**

די נגינה פון בינה...

אַ ן דער מוזיק פון אַ ז־י ש י ר

ווי קאָן דער בן־אָדם זיין כשר?

און אַ ז איז דאָך אכט...

ניי וועלן ווערן אָדם און חוה,

ניי זייער אהבה,

געבענטשט חוהס טראַכט,

ווען אַלץ וועט ווערן נייע אָקטאַווע...

אַכט

שלאָגט אין בראשית צוריק!

היים צעררייסן די איצטיקע נאָטן,

וועט אויפהערן פראַווען שטיק

דער שלעכטער קלעזמער — דער שטן.

אַלע אומגליקן קומען פון פאַלשער מוזיק!

**ס'קול**

נאָך דעם באַריכט פון די קלאַנגען

לאָמיך הערן אַ חשבון

פון די גערוכן...

וואַלד־ייִד, ביסט מוכן?

**נאַראַטאָר**

דער וואַלד־ייִד שמעקט מיט ווינט און בוים. זיין פנים

זילבערט ווי די כלה־ווייסע קאָרע

פון אַ בערעזע. אין זיין פנים קוואַלן

צוויי אויגן ווי די קרעניצעס די קלאָרע.

אַ וואַלד־שרייבער כל־ימיו, קאָן ער ווערדליק

די ריחות, וואָס די ווינטן טראָגן, וויסן

די לעצטע נייס פון אומעטום. אַ כּרוב אַ זיסן

צי גאָר, להבדיל, אַ שוואַרץ־ווײַדלדיקן שד'ליק

דערשפּירט ער לויטן ריח — און דערנאָך דערזעט ער.

יעדן פויגל, יעדן בוים איז ער אַ פּעטער.
בטבע אַ פֿאַרגינער און אַ מקיל,
האָט ער פֿון דופּטיקע ת י ק ו נ י ם אַן אַפּטייקל,
און דאַרף מען העלפֿן — טוט ער, לייגט נישט אָפּ אויף שפּעטער.

### דער וואַלד־שרייבער

אַ וואוילגערוך איז אַ נשמה אַ זיסע.
אַ בייזגערוך איז אַ נשמה,
וואָס איז טמא
און מטמא.
אַ שטאָט איז — ריחות פֿון בית־הכּסא:
טומאָה סאַמע,
נשמות פֿון אומצוכט... פֿון דאָרט אַלע פּעסטן,
וואָס סמ׳ען
דעם קלענסטן ווי דעם גרעסטן.
סם איז געוואָרן דעם מענטשנס אָטעם.
עס הרגעט די שטאָט אים.
וואָס איז ער שולדיק?
שטאָט איז זיין אומגליק.
זאָלן אַריין אין דעם מענטשן, — אַנשטאָט
די אומצוכט־נשמות פֿון שטאָט, —
נשמות פֿון גוטע ריחות!
וועט אויפֿגיין זיין הילף,
וועט קומען זיין גנאָד...
וואָרום ריחות זיינען איכות...
צעשטערן מוז מען די שטאָט!

### ס׳קול

און איצט זאָל חשבון מיר געבן אַ שטאָט־ייִד.
ייִד מיט דער ערלעכער וואָג!
וואָס איז די וואָג פֿון דעם מענטש איצט?
זון מיינער, זאָג!

**נאַראַטאָר**

אַ קרומס איז ס׳ק ר ע מ ע ר ל, אַ לאַמס.
איין פלייצע אַראָפּ, די צווייטע אַרויף,
איין אויג גרעסער, ס׳צווייטע קלענער.
איז דען אַ חידוש
וואָס עס האָט אַזאַ פּנים דער קרעמער
מיט דער ערלעכער וואָג ?

קלאָר ווי דער טאָג :
אויף אונדזער ערד
איז דאָס גלייכע קרום — און ס׳אייגענע פאַרקערט.

**ס׳קרעמערל**

די וואָג פון דעם מענטש ?
געוואויגן, רבונו־של־עולם, געוואויגן,
געוואויגן אַהין, געוואויגן אַהער...
פינצטער איז געוואָרן פאַר די אויגן :
זיך געכאַפּט, אַז נישטאָ וואָס צו וועגן...
אַ סחורה נישט צום פאַרקויפן...
בזה האופן,
אַז ס׳איז זיך נישטאָ וואָס צו בייזערן...
דער גלות־אַפּריכטער —
ער פאָדערט דין : נעם דעם מענטש, גיב אַ טראַסק אים,
צעברעך — און אַ וועלט שאַף אַ נייע...
אַ וועלט — אַ דערלייזטע דערלייזערין...
און געהערט האָבן מיר, אַז די תהומות
זיינען גרייט... זיינען מסכים...
גערעכט איז אָבער דער וואַלד־ייִד :
דער מענטש איז נישט שולדיק.
די שולד איז אויך נישט אין די שטעט —
ווייס־איך־וואָס... עט...

דער מענטש איז נישט שולדיק דערפֿאַר,
וואָס ער האָט קיין וואָג נישט לחלוטין...
גאָרנישט איז אומשולדיק, גאָט!
מוזסט משפּטן גאָרנישט צום גוטן...
און ישׂראל, ישׂראל דיין פֿאָלק?
כ'האָב דעם אמת צו זאָגן קיין מורא נישט.
ס'מעג דיר אָנשטיין: ישׂראל דיין פֿאָלק
איז אויך שוין קיין סחורה נישט...
ובכן —
צאָרן נישט, רבונו־של־עולם! נישט שיין
חרוב צו מאַכן אַ וועלט איבער גאָרנישט...
ביסט, אדרבא, נישט קליין
רחמנות צו האָבן אויף גאָרנישט!
זאָג אליין:
וואָס ווילסטו פֿון גאָרנישט מיט גאָרנישט?

## דער פּשטן

דאָס זאָג איך דאָך: כעיסעד!
נאָר כ'בין נישט מסכּים, אַ ניע,
אַז דער מענטש איז גאָרנישט.
כ'האָב'ן ניש' געוואויגן, —
וואָס קאָן עס מיר טויגן?
נאָר איך פֿרעג: אַ קינד איז גאָרנישט?
אַ קינד איז דער מענטש,
אַ קינד וועגט נישט קיין סך,
אָבער גאָרנישט?
האָסט נישט גוט דערזען, פּאַניע קרעמער שאַנאָווני.
די אויגן זיינען דיר שוואַך.
אַ קינד, פּראָשע פּאַנאַ באָגאַ,
אַז ער טוט עפּעס, זאַ פּשעפּראָשעניעם,
קומט די מאַמע און וואַשט'ן —

### ס'קול

ווער רעדט נאָך אַזוי האַרציק
ווי מיין זון דער פּשטן?
הלוואַי זאָל איך קאָנען
טאָן אים צוליב...
— — — — — — — — — —
וואָס ברענט אויף דיין ליפּ,
בראַסלאַווער חסיד?

### נאַראַמאַר

אַ יונגערמאַן אין די דרייסיקער —
אויגן פאַקלדיקע, תּנועות רייסיקע —
לעבט מע ווייס נישט פון וואָס —
זיין היים — דאָס בראַסלעווער שטיבל!
באַרוועס טאַנצט די אמונה אין שטיבל —
וואָס חקירה, ווען געגריבל?
אמונה! און די אחוה, די אחוה!
מע טאַנצט — ערשט ס'גיט אַ ברען אונטער דער פּאַכווע
און פליגל נעמען שניידן זיך ווי ציינער ביי אַ קינד...
אָפּט טרעפט: עס נעמט דער יונגערמאַן די פּיס
אויף די הויכע פּלייצעס — און פאַרשווינדט.
קיינער ווייס נישט וואו ער איז.
ער קומט צוריק — און קיינער פרעגט נישט. טאַנצט
ווי ער וואָלט די סטעליע מיטן קאָפּ צעטראָגן,
ווי מיטן דאַך — מיט אַלע דעכער פון דער וועלט —
וואָלט ער געוואָלט אַרויפפליען צום רבין, זכותו יגן.

### דער בראַסלאַווער יונגערמאַן

ס'וואָלט אַזוי שמאָל נישט געהאַלטן
מיט אַט דעם אונטערשטן עולם,
ווען נישט די מפורסמים-של-שקר,

די געמאַכטע גדולים.
קלינגען דאַרף מען אין אַלע גלעקער
און וואָרענען קעגן איינס:
די מפורסמים־של־שקר.
דאָס בלאָזט זיך גרויס — און איז פּוסט!
געקענט האָט זיי דער צדיק האמת...
אוי, האָט דער רבי געוואוסט!
מנהיגים? ליגנערס סאַמע!
רבי — האָט ר׳ נחמן געזאָגט —
איז: ראש בית ישראל, און אויך:
רשעים בחושך ידמו...
משפּטן דאַרף מען די גרויסע, נאָר זיי,
די, וואָס פאַרפירן דעם עולם!
זיינען דען שולדיק די אַלע, וואָס וויסן נישט
בין ימינם לשמאלם?
אַלע צרות, רבונו של עולם,
אַלע פורעניותן זיינען נאָר פון זיי,
פון די פאַלשע פּני.
ווען זיי זאָלען די וועלט נישט פאַרטומאַה׳ן,
וואָלט ס׳פייער פון רבין, דעם אמתן צדיק,
נישט געטליעט פאַרשטעלט־מן־הצד׳יק,
און דער בעטלער דער זיבעטער וואָלט געווען געקומען,
און דער בעל־תפילה וואָלט געהאַט אַ פּעולה
נישט נאָר אין רבינ׳ס מעשה.

אָט דאָס איז מיין דין־וחשבון...
נעם־צו, רבונא דעלמא כולא,
די מפורסמים די פּוסטע,
וועט נישט זיין קיין שפחה־תירש־גבירתה...
די פאַרפירער נעם צו —
וועלן נישט זיין קיין פאַרפירטע!

דער עיקר איז צו וויסן,
אַז קיין בעסערע תּרופה איז גאָרנישט פֿאַראַן
ווי אַ תּורה אין ליקוטי־מוהר״ן.
די עצות זיינע, די עצות!
מע זאָל פֿאָלגן זיינע עצות,
איז דאָך אַלץ פֿאַרענטפֿערט מיניה־וביה...
דער חב״דניק, זע איך, שמייכלט.
אַדוני חב״דניק, טרינק טיי!
וואָס ווייסטו, וואָס פֿאַרשטייסטו?

**ס׳קול**

וואָס וועסטו זאָגן, חב״דניק?

**נאַראַטאָר**

דער חב״דניק, —
אַ ייִד אַ קאָמערסאַנט
אין אַ שוואַרצן סיורטוק,
מיט גלאַנציקע מאַנזשעטן,
מיט אַ וואַזשנעם קוק, —
זיצט פֿוס פֿאַרלייגט אויף פֿוס;
טוט די באָרד די פֿיין־פֿאַרקעמטע גלעטן
און האָט אַן אָנבליק פֿון אַ גביר אַ משׂכּיל,
און אַ משׂכּיל איז ער טאַקע —
אין אלוקות.

ער שטעלט זיך אויף און רעדט פּאַוואָליע,
אָן אַ זכר פֿון דעם בראַסלאַווערס התעוררות.
רעדט מיושבֿדיק, ווי ביי אַ בּוררות.
נאָר אין זיין שטים דער רואיקער טוט ערגעץ אַ וויבריר
עפּעס פֿון דעם ניגון פֿון דעם אַלטן ראַוו,*)

*) הרב מליאַדי, דער בעל ה„תניא״.

עפּעס פון דעם ניגון פון באַשאַף,
דעם ניגון, וואָס קענען די וועלטן די פיר...

**דער חבד'ניק**

איך בין זיך מודה ומתוודה.
איך ווייס נישט וואָס מע רעדט דאָ.
ס'איז דאָך דער זעלבער אין-עוד-מלבדו.
אני השם לא שניתי.
אוודאי, אוודאי,
די קליפות זיינען גאָרניט קיין זיסע,
זיי ווערן אַלץ ביטערער,
כּדאיתא —
ווי עס שטייט טאַקע אין „תניא",
אַז אויף אונדזער עולם זיינען קליפות גובר,
נאָר מה־בּכך?
ס'פּאַסט ניט פאַר אַ ייִד צו זיין אַ ציטערער.
דער אין עוד מלבדו איז דאָך פאָרט דער עיקר.
זיינען דען די קליפות קלאָר פאַראַנען?
מיר ווייסן דאָך: חוץ דיר
איז גאָרנישט קלאָר פאַראַנען.
די רעדסט דאָך איצט בלשון בני־אָדם,
איז בלשון בני־אָדם שייך
צו ריידן וועגן חשבּון וכעדיימע.
אָבער אין תּוך איז דאָך אַלץ נאָר דו.
מכּלומרשט וויין איך, מכּלומרשט שריי איך,
נאָר אין עצם איז דאָך נישט שייך
קיין פּחד און קיין אימה.
היינט מה־רעש? וואָס קאָנען קליפות אויפטאָן?
זייער גאַנצער פאַרנעם
איז דאָך נאָר אין חיצוניות...
פאַר וואָס פאַר אַ זאַך זאָל איך מורא האָבן?
פאַר קידוש־השם?

אדרבא! מע ווייס דאָך
וואָס עס האָט געזאָגט רב עקיבא...
פון מיינטוועגן מעגן די קליפּות
זיין פאַרשיידן שבפאַרשיידן —
אויף דעם זיינען זיי דאָך קליפּות.
און איך — איך טאָר נישט ווערן נתפּעל!
אויף דעם בין איך דאָך עפּעס אַ ייִד,
אַ בן־ישראל...

**דער גלות־אַפּריכטער**

אַי, חבד'ניק, חבד'ניק!
ביסט זיך, במחילה, אַ קאַפּעטשקע טועה.
ביי דיר איז אַלץ „ליקוטי אמרים".
און וואָס איז דער טייטש: ק ל נ י מ ר א ש י,
ק ל נ י מ ז ר ו ע י?
און די טרערן אין מ ס ת ר י ם?

**דער פּשטן**

טרערן־שמערן. בענדזשיע דאַבושע.
איך ווייס ניש' וואָס דער פאַן חבדניק רעדט,
נאָר אויב ער זאָגט, אַז ס'איז' גיט,
איז ער פון מיינע לייט.

**דער שפּאַסער**

פּשטן, דו ביסט אַ זייד!
דיינע פּעילישע ר אַ י ד
קאָן נישט פאַרטראָגן
מיין ליטווישער מאָגן,
נאָר דו ביסט אַ טייערער מענצל...
נותן בסמיציק והולך בטענצל!

### דער וואַלד־ייִד

און איך זאָג נאָכאַמאָל: בייטן די ריחות!
ריחות, האָב איך געזאָגט, זיינען איכות.

### דער מנגן

בייטן די נגינות —
אַ סוף צו דער מוזיק פון מינות!
די פאַלשע מוזיק — זי פייניקט אַלץ מער — —

### ס׳קרעמערל

דעם מענטשנס אומוואַג — דער גרעסטער שטער.

### דער בראַסלאַווער יונגערמאַן

די קשיות, וואָס קומען פון חלל־הפנוי,
זיינען זייער שווער — —
האָט דער רבי געזאָגט: איך פאַרווער
חקירה — אַלץ איינס פון וואָס פאַרא סאָרט!

### ס׳קול

זאָל דער גמרא־ייִד זאָגן זיין וואָרט —

### נאַראַטאָר

אַ ייִד אַ ראָש־ישיבה
פון אַרום לאָמזשע: ברילן —
אַ תּלמיד־חכמ׳דיקע באָרד אַ שיווע —
אַרום די הויכע שטערן־ווינקלען שפּילן
שטראַלן פון מחשבה —
אָמר אביי, אָמר רבא —

אויף אַלץ איז ביי אים דאָ
אַן ענטפּער פּשוט און שאַרף,
קלאָרער באַשייד —
(אין יעדן מעת-לעת איז פאַראַן אַזאַ שעה,
ווען ער גנבעט זיך אַרויס און טוט וואָס מע דאַרף
פאַרבאָרגענערהייט).

**דער ראש־ישיבה**

דער חשבון איז,
אַז כּל-זמן אַ ש״ס'ל איז פאַראַן,
כּל-זמן כאָטש איין-איינציקער ייִד
זיצט אויף אַ נדרים מיטן ר״ן,
זיינען אַלע מעשׂיות גאָרנישט ווערט.
די זאַך איז דאָך אַ קלאָרע:
אַלץ פאַרגייט אַחוץ אַ בלאַט גמרא.
זינט דער בית-המקדש איז צעשטערט
רוסטו, גאָט, אין די פיר איילן פון הלכה.
פרעג איך: וואָס איז דאָ די סומאַטאָכע?
נאָר איך פרעג דאָס על-פּי פשט,
נישט על-פּי חב״ד.
וואָרים על-פּי שכל איז דאָך קשה:
וואָס האָסטו עפּעס, כּביכול,
אונדז געגומען אויספרעגן? ס'איז עפּעס דאָ נישט גלאַט.
בפרט,
אַז דער גלות-גייער מיט זיין הייסער דרשה
האָט אַרויסגערופן מער ווי סתּם אַ קאָכל —
ווידערקלאַנג נאָך ווידערקלאַנג... ס'איז עפּעס דאָ פאַרדרייט...
און — האָסטו אַ זאָג געטאָן — די תּהומות זיינען גרייט...
איז דאָך — היכי-תּמצי?
זאָל איך זאָגן, אַז  ק ל נ י   מ ר א ש י,
ק ל נ י   מ ז ר ו ע י   איז מער ווי אַ משל
לשבּר את האוזן?

אַז יסורים קאָנען טאַקע זיין אין דיר בנמצא
על־פּי פּשט ? אַז נישט בדרך־משל
קאָנען טרערן אין דיר ברויזן ?

### דער גלות־אָפּריכטער

ווען דו זאָלסט וויסן, אַז אַ בלאַט גמרא
איז נישט אַלע חסרונות ממלא —
וואָלסטו פרעגן פאַרשפּאָרט.

### נאַראַטאָר

איידער ס׳רופט דער אל־מסתתר אויף צום וואָרט
דעם נסתר דעם פאַרבאָרגנסטן פון אַלע,
רופט ער אויף נסתרים אַלערליי,
נאָר איצט גייט עס שוין איינס־צוויי...
ווייל דער עיקר איז אָט דער, וואָס צו זיין שטופּע
קומט נישט קיינער. פאַרבאַהאַלטן
איז ער אויך פון די נסתרים גופא:
צווישן זייערע געשטאַלטן
איז ער אָן געשטאַלט.
זיין דיבור
גייט אויף פון עפּעס אַ באַהאַלט,
אַ נאָענט־ווייטן ק ע ג נ א י ב ע ר.

### ס׳קול פון פאַרבאָרגנסטן נסתר

עס זאָל דיין ידיעה
דעם מענטשנס בחירה נישט שטערן,
ביסטו אין צמצום אַריין
גערן —
אַזוי איז דיין רצון געווען !
פון וועגן
דעם מענטשנס בחירה האָסטו געוואָלט

נישט וויסן אַלץ וואָס דו ווייסט —
און דערפאַר טוסטו פרעגן...
איז אָבער צו־קליין
דעם מענטשנס בחירה פון וועגן
זיין ידיעה דער צו־קליינער.
דאַרפסטו שאַפן אַן אַנדער מין מענטש
מיט מער ידיעה ווי ער האָט,
גרעסער, ריינער,
שענער!
אויך דיר אַליין
מער ידיעה נעם, גאָט:
דעם חלל־הפנוי פאַרקלענער!
זאָל ווערן לויזער!
זאָל י ע נ ע ר —
אָדם דער צווייטער —
געשאַפן ווערן ליכטיקער, ידיעה׳דיקער, ברייטער!
הויב אָן איבער אַ נייס... ווייל טעות — איז לעולם חוזר!
ווייסט דאָך, אַז איך וויים... בין איך אין נאָמען
פון דער אייגענער ידיעה דיינער — גוזר!

### דער פשטן

יענער...
וואָס טויג מיר י ע נ ע ר?
ניע וויעס... כ׳בין ניש׳ אַזאַ קענער...
דער איצטיקער איז גו׳ ניש׳ אַזאַי שלאַכט...
צ׳וועט נאָך אָנמאַכן אַן אומגליק, פראַשע פאַנאַ...
ניש פאַר קיין שום יי׳ד געדאַכט...

### ס׳קול פון פאַרבאָרגנסטן נסתר

איצטיקער אָדם מוז פאַלן אין שלאַכט!

**דער גלות־אַפּריכטער**

דאָס זאָג איך דאָך. תיו!
אָמן, הלוואי!

**דער פּשטן**

וואָס עץ באַידע רעדטס!
אַי־וואַי, אַי־וואַי — — —

**דער פֿאַרבאָרגנסטער נסתּר**

קץ —
און בּראשית פֿונדאַסניי!

**נאַראַטאָר**

געמורמל צווישן די נסתּרים. מאַט און מאַטער
פֿאַלט אויף זיי אַ שטילקייט און זיי שווייגן. נאָך אַ ווײַלע
הערט זיך ס׳קול פֿון אל־מסתּתּר.

**ס׳קול פֿון אל מסתּתּר**

פּשטן, גאָלדן קינד מײַנס, ס׳אַ רחמנות אויף אונז בײַידן...
דײַן פֿרעגן טו איך, ראש־ישיבה, דיר באַשיידן:
ס׳איז טאַקע ל א ש נ י ת י, ווי דער חבד׳ניק זאָגט,
מײַן אין־סוף איז רו, נאָר אַז איך גיב אַ שווים צום
ברעג פֿון צמצום —
הייבן זיך יסורים אין מיר אָן.
ווען דער גלות־גייער האָט געבעטן אַ באַשאַף אַ נײַעם,
האָבן הימלען זיך צעוויינט אין מיר, און תּהומות — טיפֿע
ברוויזער —
זיך צעוויגט אין מיר... איך האָב זיי אײַנגעשטילט בּהרף־עין...
אָבער ער, דער נסתּר דער פֿאַרהוילנסטער, איז — ג ו ז ר...
און איך... איך בין... מקיים...
— — — — — — — — —

נאָראַטאָר

נאַכט פאַרבאָרגענע ווי קברים.
שול פאַרשלאָסענע — און שניי.
איבער וועגן כלערליי
זיך צעגאַנגען די נסתּרים.

און געקומען קורץ דערנאָך
איז די וועלט־מלחמה צוויי:
אַ מלחמה — אַ הקדמה
צו אָדם־דעם־איצטיקנ׳ס פאַרגיי —
אין גאַנג צו אָדם מספּר צוויי.

1954.

## ס׳פּראַנצויזל

(אויף אַ מאָטיוו פון דער מעשׂה מיטן בעל־תּפילה)

אַ קליינינקייט — דיבור!
דיבור איז מלכות...
תּורה שבעל פּה...
דאָס, וואָס אַנטפּלעקט....
איצט קום און זע:
אין די קליפּות
ווערט דיבור אַ זאַך, וואָס פאַרדעקט...
רייד כלומרשט שיינע,
רייד אָן באַשייד,
רייד און רייד איבער רייד —
השם יצילנו!

איז געווען אַ מדינה פון רייד!
אַ מדינה פון דיבור סתּם־אַזוי,
אַ מדינה פון צינגער אויף שרויפן.

די ווערטער
האָבן נישט אויפגעהערט לויפן,
און מחמת דעם רעש פון רייד
איז דאָרט מכלומרשט פריילעך געווען
(אַך־און־ווײ צו אַ שמחה־של־פלוידער!) —
און ווער איז דאָרט מלך געווען?
אַ פּראַנצויז, — ס׳כאַפּט אָן אַ שווינדער, —
וואָס צו זיין פלוידער איז קיין עק נישט געווען.

און די מעשה מיטן פּראַנצויז איז אַזוי געווען:
די וואָס האָבן געוואָלט אַ מדינה פון רייד,
זיינען אַרום אַ רייד־מייסטער זוכן,
ער זאָל ווערן דער מדינה׳ס יסוד —
און איר גאָט.
האָבן זיי געזוכט אין טאָלן און אויף בערג,
אויף גאַסן און אויף מערק,
ביז זיי זיינען געקומען אויף אַן אָרט,
וואָס נישט דאָ און נישט דאָרט.
זעען זיי: ס׳גייט זיך אַ גענגל
אַ פּאַרשווינדל, אַ פּראַנצויז פון די פּראַנצויזן.
אַ קאָמעדיאַנטסקע בערדל,
רויטע ליאַמפּאַסן אויף גרינע הויזן,
אַ מיצל מיט אַ שפּיצל און מיט גלעקלעך,
היינט אַ שטעקל — מעשה פּראַנט־שבפּראַנט,
ממש — למהדרין,
אַ כּפּרה אַלע שטעקלעך.
און ווי ער גענגלט אַזוי — רעדט ער צו דער וואַנט,
איך מיין — צום שטעקל אין זיין האַנט.
שייך ריידן? אַ וואָלקנבראַך פון דיבורים!
רעדט מיט אַלץ גרעסערן חשק —
שורים־בורים, שורים־בורים —
גיך־גיך־גיך,
מי־יודע וויפיל ווערטער אַ מינוט.

און אַלץ אויף ריין פראַנצויז.
קאַם־סי, קאַם־סאַ, טראַ־לאַ־לאַ,
אַ־לאַ־לאַ,
פּאַרלעי פראַנסע,
בע־מע, קעסקעסע,
לאַקשן, בוידעם,
שאַלאַמויז.

אַז די לייט דערהערן דאָס,
פּאַלן זיי כּורעים, משתּחווים ומודים,
פאַר דעם פראַנצויז פון די פראַנצויזן,
וואָס דבר׳ט לאַקשן, בוידעם,
שאַלאַמויזן,
און זאָגן כּהאי לישנא: זיי אַ מלך איבער אונדז,
מחמת מיר ווילן אַ מלכות פון רייד,
און ווער עס דבר׳ט מער פון אַלעמען —
אים וועלן מיר אַכפּערן,
קעכלען און באַלעווען,
קיין כּבוד נישט זשאַלעווען.

האָט געענטפערט דאָס פראַנצויזל: טראַ־לאַ־לאַ,
קאַם־סי, קאַם־סאַ,
קעסקעסע, קעסקעסאַ.
פּיף — פּאַף,
האַלדער־ באַלדער,
עמפּעדאַקל...
און מיט די אייגעלעך אַ בליצל,
אַ קלונג מיטן מיצל,
מיטן בערדל אַ שאָקל.

האָבן די לייט אים ס׳מיצל
אַרונטערגעוואָרפן פון קעפּל,
אויפן קעפּל אַרויפגעזעצט אַ קרוינדל,

וואָס זיי האָבן געהאַט מיט זיך גרייט,
און אַוועק מיטן פּאַרשווינדל
און געמאַכט אַ מלכות פון גאָלע רייד.

און ס׳איז דאָרט אַוועק אַן עבודה —
אַן עבודת־הפלוידער:
רויש־פּלויש, הוידע־בוידע,
גאַגל־מאַגל, גאַנער־גוידער,
בים־בום, ברום...
ווער ס׳האָט מער געפּלוידערט איז געווען מער גדול,
נאָר אַלע צוזאַמען
זיינען געווען בקליפּת־השום
אַקעגן דעם ירום־הודו, דעם פּראַנצויז.
יענער איז געזעסן מיטן קרוינדל אויפן קעפּל
און ס׳איז קיין סוף נישט געווען צום געפּרעפּל.
נישט געטרונקען, נישט געגעסן, ביינאַכט נישט געשלאָפן,
נייערט ס׳מויל געהאַלטן אָפן
און רק געצינגלט: קאָם־סי,
קאָם־סאַ,
מערסי
באָקו,
טראַלאַ־לאַ, אַ־לאַ־לאַ,
קוקורעקו,
און ווער ווייס וואָס נאָך.

אַזוי אַ וואָך נאָך אַ וואָך,
אַ חודש נאָך אַ חודש, אַ יאָר נאָך אַ יאָר — —
אַז מען שמועסט — אַ בריה אַ פּאַרשווינדל!
די גלעקלעך, פריער אויף זיין מיצל,
האָבן איצט געקלימפּערט אויף זיין קרוינדל,
און ס׳בערדל איז באַפּוצט געווען מיט סטענגעלעך,
און מיט פינגערלעך ווי צווענגעלעך
האָט ער געהאַלטן זיין שרביט — דאָס לצישע שטעקל,

און אַ שר, אַ ממונה אויפֿן פּודערן,
האָט אים געפּודערט ס׳בעקל,
און אַ צווייטער האָט אים צוגעהאַלטן די פּליודערן,
און אַ דריטער, אַ ממונה אויפֿן קיצל,
איז געשטאַנען און אים געקיצלט די פּיאַטע,
נאָר ער האָט קיין צייט נישט געהאַט צו לאַכן,
ווייל טאָמער וואָלט ער מפסיק געווען אַ מינוט —
איז קאַפּוט,
אוים מלך!

און די שענסטע פּלוידערזעק פֿון דער מדינה,
וואָס פֿון ווערטער מאַכן זיי
אַ וואַזשנע מישעניניע,
זיינען דריי מאָל אַ טאָג
געפֿאַלן פּאַר אים פּורעים
און געפּלוידערט זיינע שבחים,
דהיינו, אַז ער איז דער גרעסטער חכם,
אַ גאָט איבער גאָטן,
מורא׳דיק געראָטן,
און אַז זיי זיינען קעגן אים חמורים,
מחמת ער רעדט מער און רעדט גיכער
ווי זיי אַלע צוזאַמענגענומען.

און דריי מאָל אַ וואָך
איז אויך דאָס פּראָסטע פֿאָלק —
די פּלוידערזעק אָן אַ טיטל —
זיך צוזאַמענגעקומען,
צו הערן דאָס געקלינגל,
וואָס גייט פֿון מלכ׳ס צינגל
גיך-גיך-גיך, לאָקשן-בוידעם-שאַלאַמויז.
און אַלץ אויף פּראַנצויז.

אין לאַנד פון געפּלויש,
וואו ס'האָט געקיניגט דאָס פּראָנצויזל,
וואָלטן זיי אַלע געפּלוידערט ביז איצט, —
האָלדער־באָלדער, אַ־וואָרט־אַ־מגילה, —
ווען נישט דער בעל־תּפילה, דער האַר פון תּיקונים,
וואָס ער האָט איר געגעבן תּיקון,
יענער מלכות־הגאָוואָרילע.

אין דער מעשה איז שוין געווען אַזוי,
אויף דער וועלט דאַרף ערשט זיין אַזוי.
גאָט זאָל אונדז נאָר שיקן
במהרה דעם אמת'ן בעל־תּפילה!

## ח ד ג ד י א

### א

זאָגט דער רבי: איינס ווייס איך.
חד גדיא, חד גדיא — דאָס ציגעלע דאָס ווייסע!

און ער דערציילט לכבוד פּסח
די חסידים אַ מעשה.

### ב

האָט אַ פּאָסטעך אַ ציגעלע.
שוין איינמאָל אַ ציגעלע!
ווייס ווי אַ פליגעלע
פון אַ כּרוב'ל.
פּאָרט פּאַרביי אַ פּריץ,
אַ שטיק מנוול,
געשטופּלט ווי אַ זיפּ,
מיט אַ גראָבער ליפּ
פון אַ זולל־וסובא,

מיט אַ הויכן כּובע,
מיט דראַטענע וואָנצעס.
ער שפּרינגט אַראָפּ פון קאַטש,
נעמט אַרויס אַ פּאָר קאַרבאַנצעס
און ברומט: אַהער דעם הונט!
כ׳האָב געוואָרפן אויף אים אַן אויג.
ער טויג
צו גיין מיט מיר אויף פּאָלעוואַניע.

מאַכט דער פּאַסטעך: „יאַשניע פּאַניע,
פון ווען אַן איז אַ ציגעלע אַ כּלב?
דאָס ערשטנס. והשנית —
שיין איז
מיין ציגעלע-קרוין!
זאָלסט באַדאַי געבן אלף
אלפי אלפים גילדוין,
קריגסטו עס נישט בשום אופן.
ס׳איז נישט צו פאַרקויפן.
אַ הירט דאַרף אַ ציגעלע — און ס׳אייגענע צוריק;
מיר זיינען ווי אַ שטייגער אַ פידל מיט אַ סמיק.

ווערט דער פּריץ רויט ווי אַ צוויק,
נעמט שרייען אומגעהאַריש
און גיט פון כּעס אַ פליק
די אייגענע וואָנצעס:
דערצייל נישט קיין שמאָנצעס
און מאַך דיך נישט נאַריש!
איז מיין נאָמען נישט פּריץ, באַם איך קריג נישט
אַט דעם הונט, וואָס איז קיין ציג נישט.
וועלכער כּלב וועט קומען צו זיינע קנעכל?
פּאַכאָלעק איינער, איך באַשיץ אים
און איך היט אים און איך קעכל,
ווי ס׳איז דער פיר ביי פּריצים.

אין די טעג,
ווען ער באגלייט מיך נישט אויף געיעג,
זיצט ער ביי מיר אויבנאָן
גאָרנישט ווי קיין הונט,
נאָר מעשה גאַלאַנטער האָן,
און מע דערלאַנגט אים גאָלע מאַרצעפּאַנעס,
און טאָמער ניסט ער
מוזן ביי מיר שרייען אַלע פּאַנעס:
צום געזונט, יאַשניע פּאַניע מיניסטער,
צום געזונט!
ער דאַרף נאָר ביי זיך פּועל'ן,
אַז ער איז דעם פּריצ'ס הונט,
נישט אַ פּאַסטעכ'ס ציגל-מיגל-מע.

מאַכט דער פּאַסטעך: און אַז נישט?

שרייט דער פּריץ: טאָמער נ י ע —
איז נישטאָ קיין נסים!
נעם איך און איך שיס אים!
ער ווערט ביי מיר אַ מת,
אָט דער פּאַסקודנער שוואַרצער פּיעס,
וואָס דו זאָגסט, ער איז אַ ציגעלע אַ ווייס.

מאַכט דער פּאַסטעך: כ'זאָג איבעראַניים,
אַז ווייס איז נישט שוואַרץ און שוואַרץ איז נישט ווייס.
דאָס ציגעלע איז נישט קיין כלב בשום אופן,
און כ'קאָן עס נישט פאַרקויפן,
ווייל ס'האָט נישט קיין פּרייז.

זאָגט דער פּריץ: ווייסטו וואָס?
זאָל עס, פּאַסטעך, זיין אַ גאַנדז.
וויפיל ווילסטו פאַר דער גאַנז?

לאַכט דער פּאַסטעך: טאַנץ,
פריץ־לעב, פון היינט ביז מאָרגן —
איז אַ ציגעלע נישט קיין גאַנדז.
וואָס טויגן מיר די מאַניפאָרגן?

שפּרינגט אַזש דער פריץ פון גרוים חרון־אַף:
וואו איז מיין ביקס? אַט מאַך איך פּיף־פּאַף!
אַז איך, דער פּריץ, זאָג
אויף שוואַרץ ווייס, אויף נאַכט טאָג,
ועט אַ קנעכט זיך דערוועגן
צו ריידן אַקעגן?
וויפיל ווילסטו פאַרן פּיפּערנאָטער, כאַם?

זאָגט דער פּאַסטעך: נאַר אָן טאַראַראַם!
יאַשניע פּאַניע, ס׳איז נישט קיין נאָטער.
גוואַלדעוועט דער פּריץ: וויפיל ווילסטו פאַרן קאָטער?
כ׳דאַרף אים אַ מתנה פאַר מיין שיקסל.
כ׳וואָלט שוין לאַנג געוואָרן דיינער פּטור,
האָב איך גראָד נישט ס׳ביקסל.

אמר הרועה — האָט געזאָגט
דער פּאַסטעך: פּאַניע, ווייס בלייבט ווייס,
ס׳ווייסע ציגעלע האָט נישט קיין פּרייז,
און פון היינט ביז מאָרגן טאַנץ —
איז עס פּאָרט נישט קיין נאַרישע גאַנדז,
נישט קיין בייזער הונט, קיין גיפּטיקער נאָטער
און נישט קיין גע׳פּגר׳טער קאָטער.
דיין יעדער זאָג
איז קרום ווי אַ האָקן,
און טאָג איז נישט נאַכט, און נאַכט איז נישט טאָג,
און מע דאַרף דיך הענגען אויף אַ פּלאָקן.

ברילט דער פריץ: אַט גיי איך, אַט פאַר איך
נעמען די ביקס — און איך מאַך פון דיר פּאַרעך!
דיינס וועט זיין מיינס, פאַסקודנער פּאַכאַלעק!

שפרינגט ער אַריין אין זיין קאַטש, דער עמלק,
און דער פאַסטעך נעמט ס׳ציגעלע,
האַלט עס אין שויס
ווי אַ קינד אין אַ וויגעלע —
און פאַרציט אַ ניגעלע:
חד גדיא, חד גדיא!
ווי קאָן איך דיך פאַרקויפן,
אַז אונדזער בעל־הבית
האָט געטאָן דיך קויפן
בתרי זוזי, זוזי תרי —
מיט לוחות צוויי!

טרויערט ס׳ציגעלע: מיין אויג
טוט זיך אין טרערן באָדן.
וואָס דאַרף דער בייזער פריץ?
וואָס וויל פון מיר דער אָדון?
זאָגט דער פאַסטוך: סוף כּל סוף
וועט מען אים באַגראָבן,
נאָר בעוונותינו דאַרף אים
דער בעל־הבית נאָך האָבן.
מיט כּל הסאָרטן ליגן,
מיט פאַרטלען כּל המינים
וויל ער דיך קריגן,
נאָר ס׳איז אַלץ בחינם.

און ער קושט דאָס ציגעלע ווי אַ מזוזה
און זינגט באהבה רבה:
חד גדיא דזבין אַבּא
בתרי זוזי, בתרי זוזי!

ג

ווערט דער פריץ שלאָף מסוכּן.
מחמת וואָס?
מחמת רשעות און קאַפּויער.
מלא טרויער
ליגט ער אויפֿן רוקן
און וואָס ווייטער ווערט ער שוואַכער.
ס'העלפֿן נישט קיין טאַטער און קיין זנאַכער.

פֿלוצלינג הייסט ער שיקן נאָכן הירט פֿון הערט.
איר הערט?
ס'איז חוץ דעם פּאַסטעך קיינער נישט פֿאַראַן,
וואָס קאָן ראַטעווען דעם יאַשניע פּאַן.
קומט דער פּאַסטעך. זאָגט דער פּריץ:
הירט פֿון ציגעלע דעם ווייסן,
כ'וויל, דו זאָלסט מיך שמייסן
און מיר געבן אַ פּאַרטייטש
מיט דיין בייטש,
אַז וואָס ווייס איז טאַקע ווייס,
און אַז דאָס ציגעלע האָט נישט קיין פּרייז;
און אַז נאַכט איז נישט טאָג און אום איז נישט גראָד,
און אַז אַלץ וואָס איך זאָג איז קרום ווי אַ האָקן,
און אַז ברעכן דאַרף מען מיך אויף אַ ראָד.
זאָלסט מיך האַקן, זאָלסט מיך בראָקן,
ווייל ד אָ ס איז מיין מחלה, הירט פֿון דעם הערט,
וואָס ביי מיר איז אַלץ פֿאַרקערט.
איז אַז דו וועסט מיט שמיץ מיך נויטן
צו זאָגן פֿאַרקערט פֿון דעם פֿאַרקערט,
וועלן מיך, חלילה, די שמיץ נישט טויטן,
נאָר אדרבא, פּונקט פֿאַרקערט:
ס'וועט אין זכות פֿונעם ביסל אמת

אָפּטאָן זיך פון מיר די מחלה
און ווידער וועל איך זיין
אַ פּריץ אויף מיין נחלה,
און, ווי מיין טבע, איבעראַניים
אויף טאָג זאָגן נאַכט
און אויף שוואַרץ זאָגן ווייס.

— אהאַ,— רופט אוים דער פּאַסטעך,— איך פאַרשטיי דעם פּלאַן!
כ׳באַנעם עס!
ביסט אַ כיטרער יאַשניע־פּאַן.
ווי נאָר אַ קרענק — איז אַביסל אמת!
דו טראַכסט זיך: כ׳נעם עס,
דאָס ביסעלע אמת, און איך מיש עס
אַריין אין מיין קרענק יעדעס מאָל פונסניי —
און ווידער שקר, ווידער רשעות.
טאַקע אמת, נאָר מיט אַ תנאי!
אחטא ואָשוב!
ביסטו לעת־עתה טאַקע חשוב,
ווייל בעוונותינו הרבים
דאַרף מען דיך נאָך האָבן,
נאָר גלויב מיר: וועדסט סוף־כל־סוף באַגראָבן
טיף, גאָר טיף אין די מעמקים.
טאָ וועד געשונדן
(ער איז מיט דער בייטש מקיים פסק אים)
און זאָג טאַקע אין געהאַקטע וואונדן:
ווייס איז ווייס,
און ציגעלע־מיגעלע האָט נישט קיין פּרייז,
און נאַכט איז נישט טאָג און אום איז נישט גראָד,
און ברעכן דאַרף מען מיך אויף אַ ראָד,
און ווען נישט ס׳ביסל אמת פון צייט צו צייט
וואָלט שקר שוין לאַנג די ערד געקייט,
און דער סוף וועט זיין, אַז שקר קראַפּירט —
און איך מיט אים, און ס׳וועט לאַכן דער הירט

און טאַנצן וועט ס׳ציגעלע דאָס העלע,
אָמן סלה.

ד

פון די געבראָטענע שמיץ די געברענטע
איז דער פאַרריסענער גויעץ
פאַרגאַנגען אין יאָמער ווי אַ יענטע
(צי ווי, להבדיל, אַ סטאַדע קעץ)
און קוויטשיק־דין
אויסגעיאָמערט זיין הודאת בעל דין —
און געבליבן לעבן.

גייט די מעשה אַרוים, גייט די מעשה אַריין,
טוט זי זיך מעשה׳נען אָבער און ווידער;
אַ פאַרצע אמת־קלעפּ נעמען איין
דעם פריץ׳ס שקר׳דיקע גלידער —
און אַזוי טוט דער פריץ לעבן און לייבן.
נאָר וואָס דען? נאָכן לעצטן יום־הדין
וועט שוין קיין דעך פון אים נישט בלייבן,
נישט פון אים און נישט פון זיין מין.

און יענער פריץ איז סמאל,
דער בייזער ביטערער עמלק,
דער פאַסטוך איז דער צדיק, דער הירט פון ישראל,
און ס׳ציגעלע (כּמובן מאליו) ישראליק,
אַ גדיא׳לע אַ קליינס,
איינס שבאיינס,
חד גדיא, חד גדיא,
גאָט׳ס נחלה און אחוזה,
געקויפט בתרי זוזי,
בזוזי תרי —
מיט לוחות צוויי!

# זיבן היכלות פון אָטעם
# און אַנדערע לידער

# זיבן היכלות פון אָטעם
# אָדער: דאָס ליד פון די בעלי־קבין

(אויף אַ מאָטיוו פון תיקוני־זוהר)

רייטן אויף שטילע אייזעלעך ישישים צוויי,
באַהאַוונטע אין רזין־דאורייתא.

קומט צו הינקען אַ באַשעפעניש אויף קוליעס צוויי
און גיט זיך אַ פאַרנויג פאַר די זקנים די ווייסע:
רבנן, וואוהין רייט איר?

זאָגן זיי וואוהין. דער מהלך איז אַ ווייטער.

מאַכט ער: וואָס טויגן אייך די קריכערייען?
לאָזט דאָ, רבנן, די אייזעלעך איבער.
מ׳קאָן עס אַלץ מאַכן תּוך־כּדי־דיבור,
ווייל דער גאַנצער באַשאַף איז אַ הרף־עין.

דאַ גיבן זיך די קוליעס אַ קוליע־איבער
און זע: זיי פליען. דער קוליע־מאַן פליט.
(פאַרשטעלט איז די וועלט: אירע פליער זינקען
און פלינקע פליער זיינען די, וואָס הינקען).
דער בעל־קבין פליט —
און טראָגט אויף זיך די זקנים:
מע פליט זאַלבעדריט.

מע פליט, מע פליט, ביז מע קומט אינאיינעם
אין ערגעץ אַ הייל,
וואָס אין איר איז פאַראַנען אַ קלענערע הייל,
און ס׳איז אין יענער, דער קלענערער הייל,
אַ הייל נאָך אַ מינדערע פאַראַנען,

א הייל־שבהייל,
און היילן גייען אזוי בתוך היילן,
קלענערן זיך נאכאנאנד, ו[illegible]אנד —
ווער קאן זיי ציילן?
ביז וואנען
מע קומט אין א הייל אזא מין קליינער
ווי א נקודה נישט צום טיילן.

דא דערזעען די זקנים: א פרדס
איבער פרדסים
בליט אין זוניקייט בונטער.
זיין גוף — צוזאמען מיט די קוליעס — ווארפט ארונטער
דער פליענדיקער הינקער,
דער פלאטערדיקער קוליע־מאן דער פלינקער,
און ציט אויף זיך ארויף, ווי דעם העלסטן פון טליתים,
א גוף א שפאגל־נייעם.
איבער א גרויסער כוסע זון
מאכט דער פרדס א לחיים.

שטייט אין פרדס א טראן,
זעצט זיך דער בעל־קבין אויבנאן,
עפנט א ספר קהלת
און זיינע לעפצן הויבן אן:
הבל הבלים אמר קהלת,
הבל הבלים, הכל הבל.

און מחנות׳ווייז קומען בעלי־קבין אן...
פון אלדי פארשטעלטקייטן
קומען זיי אן,
ווארפן די קוליעס און טוען זיך איבער
אלע אין העלקייטן,
זעצן זיך אוים צופוסנס דעם טראן,

בויגן זיך, וויגן זיך, חזרן איבער
דעמזועלביקן פסוק אָן־אַ־שיעור מאָל:
הבל הבלים אמר קהלת,
הבל הבלים, הכּל הבל.

און אויף די פינגער ציילן זיי... זיבן איז די צאָל!
הבל — איינס,
הבלים — צוויי,
צוזאַמען — דריי.
אַ צווייטמאָל הבל — פיר.
הבלים אויפסניי —
פינף מיט זעקס.
הכּל הבל — זיבן.

און אַלטע פייגל קומען און פלאַטערן אַרום
ווי גאָלדיקע בלעטער, פון ווינטן געטריבן.
מיט די פליגלען פּאַטשן זיי
אָן־אַ־שיעור מאָל
און מיט די שנאָבלען קלאַפּן זיי:
זיבן איז די צאָל.
הבל — איינס,
הבלים — צוויי,
צוזאַמען — דריי.
אַ צווייטמאָל הבל — פיר.
הבלים אויפסניי —
פינף מיט זעקס.
הכּל הבל — זיבן.

און דער עלטסטער בעל־קבין, דער האַר אויפן טראָן,
הויבט תּמיד אָן,
און אַלע — נאָך אים, און איטלעך מאָל
ציילן זיי זיבן — זיבן איז די צאָל:
הבל הבלים — דריי;

און פון דאָסניי
הבל הבלים — זעקס;
הכּל הבל — זיבן.

פרעגן די ישישים: אויסער אַט דעם פּסוק
שטייט דען אין קהלת מער גאָרנישט געשריבן?
וואָס איז די שמחה ביי אייך אַזאַ גרויסע?
זיבן מאָל הבל! איז וואָס, אַז יאָ?
לשמחה מה זו עושה?

שטיל ווערט אין פּרדס.
ס׳הויבן זיך אַלעמענס בליקן צו זיי,
ווי איינער זאָגט: אייך קומט מכּות-מרדות.

און ס׳גיט זיך דער עלטסטער בעל-קבּין אַ שטעל
און זאָגט: איר קלוגע אין אורייתא!
איר מיינט, אַפּנים, אַז איר ווייסט שוין אַלץ...
איז אָבער נ י ש ט אַזוי די מעשה.

מיט אַ שמייכל
נעמט ער זיי אָן ביי די הענט,
פירט זיי צו צו׳ן אַ היכל.
שטייט אויפן היכל מיט לופט געשריבן:
ערשטער הבל פון די זיבן.

פאַרכאַפּט זיי דער אָטעם:
דער היכל איז הבל,
איז לויטער אָטעם.
און אינעווייניק איז פּראַכט שבפּראַכט,
נישט שייך אויסצוזערציילן די פּרטים.
ס׳איז אַלץ דאָרט געמאַכט
פון הבל — פון אָטעם.*)

*) הבל האָט צוויי טייטשן: אָטעם — און גאָרנישט. עס איז צוגלייך אַנאַגראַם פון: הלב — דאָס האַרץ, און פון: להב — פייער.

און אַט — אַ היכל אַ צווייטער.
אויף אים שטייט געשריבן:
צווייטער הבל פון די זיבן.
און אינעווייניק — נאָך גרעסער די פּראַכט,
און ער איז פון אַטעם נאָך דינערן.

אַ היכל אַ דריטער, אַ היכל אַ פערטער,
אַ פינפטער, אַ זעקסטער...
פון היכל צו היכל
טוט דער אַטעם כסדר זיך מינערן.

אין היכל דעם זיבעטן
(אויף אים שטייט געשריבן:
הכּל הבל — זיבן)
איז די פּראַכט
אַזוי גרויס, אַז לאַ־די
וואָס זי קאָן נישט ווערן געשפּראַכט,
נאָר זי ווערט אויך אַנדערש געבליקט,
און דער אַטעם איז אָן אַטעם.
דער גאָרנישט פונעם הבל
איז דאָרט אין־לשער, אַזוי אין־לשער,
אַז ס'איז שוין נישט גאָרנישט;
ס'איז שוין: הלב — דאָס הארץ,
ס'איז שוין: להב — ס'פאַרבאָרגענע פייער.

אין אַט דעם הכּל־הבלדיקן היכל
וויזט דער בעל־קבין זיי אַן אָדלער
וואָס האלט אַ קרוין,
און אין דער קרוין — אַ טויב־געשטאַלט אַ קלאָרע,
און מיט איר און דער עטרה
איז דער אָדלער זיך מתעטר.
און שוואַרץ איז די עטרה פון גרויס העלקייט,

און עס שטייט די יונה פון גרויס פליעוודיקער שנעלקייט,
און עס שטאַרט דער נשר פון גרויס פלאַטער.

פאַלן אויפן אָנגעזיכט די זקנים,
און דער האַר פון בעלי־קבין הייסט זיי אויפשטיין,
דער האַר פון בעלי־קבין זאָגט אַזוי:

„מיטן ערשטן פסוק פון קהלת
בויען מיר, בויען מיר
אייביקן בוי.
מיטן ערשטן פסוק פון קהלת
מאַכן מיר, מאַכן מיר
לויטערן אָטעם.
מיט אָט דעם אָטעם
שטעלן מיר צונויף,
מיט אָט דעם אָטעם
האַלטן מיר אויף
די היכלות פון אָטעם,
וואָס אין דעם זיבעטן פון זיי, דעם לעצטן,
ווערט שוין דער אָטעם —
פון פייערן ס׳פייער, פון הערצער דאָס האַרץ.
ס׳האַלט זיך גאָר דער באַשאַף אויף די זיבן בנינים!
פאַראַן אויך צווישן די ערדישע שבטים
אַזוינע, וואָס העלפן אונדז מאַכן דעם אָטעם,
וואָס נישטאָ קיין יצירה אָן־אים:
יש הבל אשר נעשה על הארץ —
פאַראַן אָטעם, געמאַכט אויף דער ערד,
אָטעם פון תפילות, אָטעם פון צדיקים.
דער הבל, ווידער, פון רשעים בויט נישט — ער צעשטערט.
אָטעמס פון שקר שטאַרקן די מזיקים.
פון יענע אָטעמס מאַכן מלאכי־חבלה
הימלען פון נאַכטיקייט, ערדן פון קללה,

לענדער פון עינוּיים,
וועלטן אָן טרייסטער.
אויף אַזעלכע אַטעמס ווערט געזאָגט:
הבל המה מעשי־תּעתּועים.
און איצט, ישישים, ווייסט איר:
אויף דינקייטן, דינער פון דעם דינסטן חלום,
זיינען געגרונדפעסטיקט אַלע געביַיען,
האַלטן זיך אַלע משקלים.
אַז וואויל צו יענעם, וואָס זיין וואָרט איז לויטער
און מיט זיין אָטעם בויט ער".

זאָגט אַזוי דער האַר פון בעלי־קבין
און ס'פּנים לייכט ספּיר'דיק־העל אים.
דער היכל דער זיבעטער גיט זיך אַ הויב,
אַ כאַפּ גיט דער אָדלער די קרוין מיט דער טויב,
און אַלץ ווערט נעלם.

זעען די זקנים: די אייזעלעך וואַרטן,
זיינען זיי ממשיך דעם וועג בשלום.
און קיינער ווייס נישט, אַז מיט זיי
רייט דער סוד פון די זיבן הבלים.

## אָדם, דוד, משיח

### אָדער: דער סוד פון אוּריה החתּי און בת־שבע

(אויף אַ מאָטיוו פון ספר־הגלגולים)

און מלך דוד איז געווען אַן אַלטער מאַן,
און מלך דוד האָט געטראַכט פון זיינע יאָרן,
פון זיין פאַרברעך אַקעגן אוּריהן, פון בת־שבען,
פון נתנס שרעקלעכן און קלוגן משל
און פון אבשלומס בונט און טויט.

און ס׳איז געווען פאַרנאַכט. און פון פאַרנאַכט
איז שטיל צו דודן אַרויס דער שטן
און האָט געלאַכט: וואָס ווייסטו? גאָרנישט ווייסטו!
דו טרויערסט, נאָר דו וואָלטסט נאָך מער געטרויערט,
אַ מלך, ווען דו וואָלטסט געוואוסט...

און מלך דוד האָט געזאָגט: איך הער.
און ס׳האָט נצחונדיק גערעדט דער שטן:
דו וואָלטסט געקאָנט דערלייזער ווערן, אָבער
כ׳האָב נישט דערלאָזט דערצו — און ס׳איז געקומען
נישט צו גאולה, נאָר צו מאָרד.

און דוד האָט געשווידערט — און גערעדט
האָט דער בעל־דבר ווייטער: מלך דוד,
ביסט אָדמס גלגול. איז פאַר דיר בת־שבע,
דער גלגול פון דער אַלטער מוטער חוה,
געווען באַשטימט פון אייביק אָן.

און ווייסטו ווער עס איז געווען איר מאַן?
איר מאַן, דער חתי, איז געווען דער נחש,
אַ גלגול פון מיין קנעכט, וואָס האָט די חוה
פאַראומרייניקט נאָך איידער ס׳האָט זי אָדם
באַשלאָפן. האָסט באַדאַרפט צו געבן תיקון
סיי איר, סיי אים, סיי זיך...

דער נחש... וויים: אַמאָל האָב איך אויף אים
געריטן דאָרט אין גאָרטן, — איך, דער שטן...
דער נחש איז דער דמיון. אויפן דמיון,
דעם שלאַנגענעם, אויף אים האָב איך געריטן
ווי ס׳רייט אַ הערשער — און עס האָט דער דמיון
פאַרכישופט חוהס בלוט.

די פּ נ י מ י ו ת פון דעם נחש איז געווען
מגולגל אין בת־שבעס מאַן, דעם חתי...
ער האָט צום ווייב נישט צוגערירט זיך קיינמאָל,
בעוויל ער איז געווען שוין ערב תיקון,
בעוויל ער איז געווען אין יענעם גלגול,
וואָס האָט געדאַרפט דער לעצטער זיין...

און ווייסן זאָלסטו — אָדם איז טייטש דריי:
דער אלף — אדם, און דער דלת — דוד,
דער מם — משיח. אדם און משיח —
זיי זיינען אין דיר נכלל, מלך דוד!
וואָלטסטו אליין, — זיי ווייסן, מלך דוד, —
אליין געקאָנט משיח זיין.

נאָר דו האָסט וואַרטן נישט געטאָן...
— אויף וואָס?
האָט אומעטיק געפרעגט דער מלך דוד.
דו מיינסט: אויף ז ו ע מ ע ן, — האָט געזאָגט דער שטן. —
אויף גאָט! אַנשטאָט דעם חיתי געבן תיקון,
האָסטו צום טויט אַוועקגעשיקט אים איליק...
בלויז גאָט מעג געבן טויט!

ווי נאָר דו האָסט געטאָן צו איר אַ צאַפּל,
האָב איך, דער שטן, דיך גענומען פירן,
כדי צום תיקון נישט דערלאָזן. תאווה
האָסטו געגעבן חוהן, טויט — דעם חיתי,
פאַרברעך און אומגליק — זיך אליין.

האָסט וואַרטן נישט געקאָנט! וואָלטסטו געוואַרט —
וואָלטסטו געווען דער גואל, מלך דוד,
און אָך־און־בראָך וואָלט מ י ר געווען! אַצינדער
איז אָך און בראָך צו ד י ר, און איך, דער שטן,

איך זאָג דיר אויס דעם סוד — און טו דיין ווייטיק מערן.
איך לאַך פון מענטש, איך לאַך פון דיר!

ס׳האָט ווייסע ציין געשטשירעט אין פאַרנאַכט
דער שטן. מלך דוד האָט געשוויגן.
און פּלוצלינג האָט זיין אויג גענומען לייכטן...
„די זינד פון אדם איז אַ זינד געבליבן;
נאָר מם — משיח — איז דאָך אויך געבליבן.
דער מם פון אָדם דאַרף ערשט זיין!״

דער שטן האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ
ביי אָט די ווערטער דודס, און אַ ציטער
איז דורכגעלאָפן דורך זיין חוט־השדרה,
אַריינגעשטעקט אַ שפּיז אין אים אַ קאַלטן.
ער איז געשטאַנען און מיט פאַרכט געמורמלט:
דער מם פון אָדם דאַרף ערשט זיין...

## דאָס ליד פון די חשמלים

### א

הויך, הויך איבער אַלעם
פלאַקערן אַן־אויפהערדיק
חשמלים.
לויפן ריידנדיק און ריידן לויפעדיק
אַרום כסא־הכבוד — אָט פון־אים,
אָט צון־אים.
איינער פון אַנדערן העכער,
און אַלע צוזאַמען — אַ מבול
פון פייערן כל־הקאַליריקע.
יעדער איינער פון זיי איז מקבל,
לויט זיין השגה נאָך,

סודות פון כסא־הכבוד
און ענטפערט זיי איבער
מיט האַסטיקן דיבור
צום זעער: יענער נידערט און נביא'ט
אויף דעם עולם־התחתון
דאָס, וואָס דער חשמל
האָט פון כסא־הכבוד
געבראַכט אים.

קומט אַ זעער אַרויף —
גיט אים דער חשמל אין מיטן געלויף
און געקאָך
אַ פרעג אַ האַסטיקן, וואָס זיין באַגער איז.
דער פרעג קומט פון פייערן ווייסע און שוואַרצע און רויזע
און ווער ווייס ס'אַרא נאָך —
און מיט האַסטיקייט מוז ענטפערן דער חוזה.
און אויך דעם חשמל'ס תשובה ווערט געגעבן אַזוי שנעל,
אַז זי צו כאַפּן אויף דער שטעל
קען נאָר אַ גאַנצער און אַ וואָרער.

טרעפט, אַז מעשה חוצפּהדיקער שנאָרער
קומט איינער, וואָס אים פעלט דער עיקר,
אַ קונצנמאַכער, וואָס דערגנבעט זיך ביז די חשמלים,
אָן איינגערעדטער שליח אָן אַ שיקער.
סודות וויל ער אויסנאַרן, רעדט עזותן, רייסט שטיקער.
פאַרברענט אים מיט איין קוק אַ צאָרנדיקער חשמל!
פאַלט יענעמס טויטער גוף און ס'גיבן קליפּות אַ באַפאַל אים:
אַ נאַכטמאָל איז ער זיי, אַ נאַש־מאָל.

ב

לויפן אַזוי אייביק, אייביק די חשמלים...
פון וואַנען זייער לויפן, זייער ברענען?

מחמת חשק, גאָט אַלץ מערער צו דערקענען,
לויפֿן זיי און ברענען זיי.
דערקענען אָבער קענען זיי
יעדערער לויט זיין מדרגה, העכער נישט אַ האָר:
די גרענעץ פֿון זיין אויפֿהויב קאָן אַ חשמל נישט אַריבער!
בלויז פֿאַר יענעם נביא, וואָס זיין בחינה
איז צו זיינער נאָענט, זאָגט ער איבער
וואָס ער איז משיג אין דער שכינה,
און שוין — עד כּאן... ביז דאַנען — און נישט ווייטער...
מיט די פֿייערן פֿון זיין פֿאַרלאַנג באַגערט ער
אַריבערשפּרינגען זיין השגה, נאָר ער קען נישט... ליידט ער...
רייד פֿון בענקשאַפֿט רעדט ער, ברוינזדיקע ווערטער,
און ס׳ווערט זיין לויף נאָך האַסטיקער. די תּשוקה טרייבט —
די גרענעץ אָבער בלייבט.

פֿאַראַן חשמלים גוואַלדיק גרויסע אין דערקענונג,
וואָס גיבן העכסטע תּשובֿות צו די פֿרעגער.
בלויז די הייליקסטע באַנעמען אַזאַ חשמלס רייד.
אַזאַ מין חשמלס ברויזנדיקע ברענונג
ווערט פֿון בענקשאַפֿט צום נאָך־העכערן אַזוי באַוועגיק,
אַז עס קאָן זיך אויסדאַכטן: דער חשמל שטייט.

אייביק בענקען די חשמלים... רוען
אין גאָט איז קיין־שום חשמל נישט ביכולת...
וואויל איז
די פּנימיותדיקע חיות־קודש, — יענע חיות,
וואָס זייער פֿאַרהויל איז
טיף אין הוויה׳ס
לפֿני־ולפֿנים.
יענע דאַרפֿן נישט טראָגן זיך רצוא־ושוב,
אינגאַנצן תּשוקה, אינגאַנצן געלויף,
אייביק געטריבן צון אים, צון א י ם...
יענע דאַרפֿן נאָך העכערס, אַלץ העכערס, נישט בענקען...

זיי גיבן קיין תשובות נישט קיינעם,
דאַרפֿן נישט נעמען און דאַרפֿן נישט שענקען.
אין רואיקסטער גלאַנציקייט,
אין פֿולסטער גאַנציקייט
פֿון דער איינציקייט,
איז זייער געלעגער.

אַנדערש די חשמלים,
די הין־און־צוריקיקע טרעגער
פֿון ענטפֿערס און פֿון פֿרעגונגען...

אָ, בענקשאַפֿט אייביקע פֿון די חשמלים!
אָ, ווירבל־לויף פֿון אייביקע באַוועגונגען!

## דער מצרי

(אויף אַ מאָטיוו פֿון ספר הגלגולים)

און ווען עס האָט משהן דערזען דער מצרי,
וואָס האָט געשלאָגן דעם ייד,
האָט ער מיט פֿייערדיקע בליקן
געבעטן ביי משהן תיקון.

און ווען עס האָט משה דערזען דעם מצרי,
וואָס האָט געשלאָגן דעם ייד,
האָט ער געוווּסט: ס'איז דער גלגול פֿון קין,
וואָס וויל מע זאָל אים באַפֿרייען.

האָט משה שלאָגן גענומען דעם מצרי
מיט דעם צוויי־און־פֿערציקער שם,
האָבן יענעמס אויגן געטאָן אים דאַנקען
און האָבן גענומען צאַנקען.

און ס'איז אַ טויטער געפֿאַלן דער מצרי
און איז אַרויס פֿון זיין קלעם.
ווייל ס'האָט אים משה געשיקט אַרויפֿצו,
געשיקט פֿון זיין רע צו זיין טוב צו.

אָט דאָס איז געווען דער סוד פֿון דעם מצרי
וואָס האָט געשלאָגן דעם ייד.

## נעשה אָדם

גאָט רעדט צו אַ יונג פֿאַרפֿאָלק.
נעשה אדם,— זאָגט גאָט,— לאָמיר גיין און געבוירן אַ מענטש.
דו, מאַן, גיב אים הימל-מיט-וואַסער צושטייער —
דו, ווייב, גיב אים ערד —
און מיט גייסט פֿון מיין גייסט, מיט אַ פֿונק פֿון מיין פֿייער,
וועט באַשענקען מיין גנאָד אים.

כ'שאַף אַלץ נאָך דאָסזעלבע — דעם מענטש.
איך נעם אייך פֿאַר שותפֿים און לערן אייך שאַפֿן.
זיין נשמה דאַרף בגדים.

לאָמיר בויען דעם מענטש!
נעשה אָדם!

## דער מקובל רעדט צו די תלמידים

אין וויפֿלטן גלגול עס איז יעדער איינער פֿון אייך —
זע איך קלאָר, זע איך וואָר,
זע איך אָפֿן.
און איך ווייס, וויפֿל דור, וויפֿל יאָר,
ס'איז געגאַנגען צו מיר יעדער איינער פֿון אייך,
דער גרויסער פֿון אייך ווי דער קליינער פֿון אייך.
איצט האָ'מיר זיך אַלע געטראָפֿן.

נשמות אלערליי,
איך דאַרף אייך דאָ מחמת אַן ענין אַ דק־מן־הדק׳ן:
געבן אייך תיקון, כדי
צו זיין זיך גופא מתקן —
ווייל אוי, דאַרף איך תיקון! כאַטש לויפן אויף גאַסן און שרייען!
מער תיקון ווי ס׳דאַרף יעדער איינער פון אייך,
דער גרויסער פון אייך ווי דער קליינער פון אייך:
וואָרום מיַין בחינה איז — קין.

## ב ל ע ם

אין טעג פון זומער, ווען עס זינגט די לופט,
ליגט שטום אַ שטיין. עס קומט דיר פאָר: ער פרוווט
מיטצוזינגען, נאָר אומזיסט. ס׳האָט אים געפאַנגען
אַ שטומעניש.

אין יאָרן לאַנג־פאַרגאַנגען
איז ער געווען אַ מענטש פון שטאָלצע ווערטער.
דאָס איז די שטראָף פון דעם, וואָס ווערטער מערט ער:
אויף דורי־דורות גיט מען אַ פאַרשטיל אים.
ווער שטיין — און שווייג!

אַ שטיין איז צווישן שטיינער
געוואָרן אויך דער צויבערער פון רייד, דער האַר פון שיינער
ווערטעריי, דער שאַלקהאַפטיקער בלעם.

## די טיר צום גאָרטן אין עדן

וואָלטן מיר אין זיך געַנידערט טיף, גאָר טיף,
וואָלט זיך אונדז געעפנט די מערת־המכפלה.
פון זיך אַליין וואָלט זי געעפנט זיך, ממילא —
ווען מיר זאָלן נידערן אין זיך גאָר טיף.

ס׳וואָלט יענע הייל אין אונדז געפירט אונדז אַלעמען העט ווייט,
געפירט צוריקצואוועג, צום אַנהויב, צום גן־עדן.
מיר דאַרפן זיך נאָר איין־פאַר־אַלעמאָל אַנטשיידן
צו נידערן גאָר טיף... וואָלט עס געפירט העט ווייט...

ווייל דורך אונדזער מערת־המכפלה (דאָרטן,
וואו אַלע אָבות רוען) גייט אַ וועג העט־העט,
אַ וועג צו זיי, צו אָדם־חוה פאַרן חטא.
דאָרט וואַרט דער אויסוועג צו דער העלקייט. דאָרט איז די טיר צום גאָרטן.

## תּא חזי, אַדער: פון די האַלמאַי׳ען און די דערפאַר׳ן

היות
ווי יעדער הלמאי האָט זיין דערפאַר,
איז אין ערגעץ נישטאָ (זאָגט די נאַרן נישט אוים!)
קיין איינציקער נאַר.

אַפילו משוגעת
איז לאָגיק בלויז, וואָס ארבעט אַזוי האַסטיק,
מיט אַזאַ מין אַקראָבאַטישער גימנאַסטיק,
אַז זי ווערט — אַ דזשאָנגל פון דערפאַר׳ן.

נישטאָ קיין משוגעים ווי קיין נאַרן,
נישטאָ קיין אומפאַרענטפערטע למאַי׳ען:
פאַראַנען בלויז פאַרפלאָנטערטע דערפאַר׳ן,
וואָס אין זיי איז אַזוי טיף מעיין
ער, דער אין,
ביז ער טוט זיי פון דער פלאָנטערונג באַפרייען.

שקר וואָס איז?
אַ שאָטן, וואָס דער אמת וואַרפט צו זיינע פיס,
איז דער שקר.

הינטערן ליגן איז אַ דערפֿאַר פֿאַראַן,
הינטער אים איז אַ צער פֿאַראַן —
ער איז בלויז אַ פֿאַרשטעלער, ער איז בלויז אַ פֿאַרדעקער.

און טויט?
אַ דין שפּאַניש װענטל
צװישן די װעלטן,
צװישן אַ דאָ און אַ דאָרט,
װאָס זײַנען נישט דאָ און נישט דאָרט,
נײַערט אין דער אײנציקייט איז זײער אָרט,
אין דער אײנציקייט, װאו ס'קומען זיך צוזאַמען
פֿון אַלע צער'ן און פֿון אַלע גזר'ן —
װי קינדער פֿון אײן מאַמען —
אַלע דערפֿאַר'ן.

און דערפֿאַר —
גם כּי אלך — אַפֿילו אַז איך גײ
בגיא,
אין טאָל,
צלמוות — פֿון צלמוות, —
איז אַפֿילו דער צלמוות אַ קאַטאַװעס.
ס'איז פֿאַראַן אין אים אַ פֿרײד,
װאָס מאַכט צו־נישט געפֿאַרן:
איך גײ — און מיך באַגלײט
ד ע ר ד ע ר פֿ אַ ר א י ב ע ר ד ע ר פֿ אַ ר ' ן.

## ד ע ר א י י ז ל ־ ט ר י י ב ע ר

דער אײזל־טרײַבער האָט געװאָוסט אַזױפֿיל זאַכן,
אַז רב אלעזר און רב אבא האָבן אים פֿאַרגאַפּט
געפֿרעגט: װער ביסטו און פֿון װאַנען קומסטו?

— איך בין, — האָט ער געזאָגט, — אַן אייזל-טרייבער,
ווייל ס׳האָט אַזוי געוואָלט מיין האַר דער קיניג.
באַלוינען וועט ער מיך מיט אותיות צוויי:
מיט יוד און שין; צוזאַמען מאַכט עס: יש —
דאָס אמתע פאַראַן-זיין.

און פון וואַנען
איך שטאַם — וועל איך אייך אויך זאָגן, רבותי.
אַ פליענדיקער טורעם איז פאַראַן —
פון דאָרטן שטאַם איך. ס׳וואוינט אין יענעם טורעם
אַן אָרעמאַן.
— ווער איז דער אָרעמאַן?
— דער עני-ורוכב-על-חמור. מיין טאַטע —
אַ פיש איז ער געווען אין ים-הגדול.

— אַ פיש אין ים-הגדול?
— יאָ, אַן אַלטער,
אַלט ביז גאָר און גרויס ביז גאָר. פאַרשלונגען
האָט דער טאַטע מיינער אַלע פיש
און זיי צוריק אַרויסגעלאָזן גאַנץ און פריש,
ריין געבאָדן און געווייקט אין גנאָדן.

דאָ האָבן רב אלעזר און רב אבא,
נאָך מער געפּלעפטע און נאָך מער פאַרבליפטע,
געוואָלט אים פרעגן ווייטער, ערשט אַ קול
האָט זיך דערהערט: פון אונטן קערט זיך אום,
איר ליכטער פון דער אויבערשטער מתיבתא.
צוריק, איר האַמערס מאַכטפּולע! עס וואַרט
ביים היכן שטול פון כּבוד דער געוועב-מייסטער,
דער האַר פון די קאַלירן. קומט צוריק
פון אומעטום, וואו איר געפינט זיך אויף דער וועלט,
פון אומעטום, וואו איר גייט אום פאַרשטעלט — — —
און דער אייזל-טרייבער איז פאַרשוואונדן.

# דעם מלכ׳ס פורעם

ווייסט, וואָס דיין בלוט-און-פלייש איז?
געאָרדנט זיינען די גלידער
לויט די סדרי־בראשית...
אַז דו קרוינסט איבער זיי דעם הימל —
ביסטו מתקן די נידער.
און ס׳ווערן דיינע גלידער
ווי פון פערל אַ געשלידער,
און אַז דו דאַווענסט — זיינען זיי דיין סידור...

פון וועגן
דיין קרוינען דעם הימל איבער די גלידער,
ווערסטו באַלוינט:
דיין נידער ווערט נאָכן שטאַרבן געקרוינט.
ווי ברידער
איילן דיר כּרובים אַנטקעגן,
צע׳אש-להבה׳ט
מאַכן שרפים אַ וואַרע און גיבן־אָפּ כּבוד
דעם מלכם פורעם, אין גאַנצקייט פּאַרהיט!

נאָר ווי, אויב אַפילו אַן איינציק גליד
האָט שלעכט געדינט!
מע וועט דיך, פון וועגן זיין זינד,
אויף דר׳ערד אַראָפּשיקן צוריק, ביז דו גיסט
יענעם אבר אַ תּיקון.
מע וועט דיך צוריק׳ן.

ביז וואַנען דו ביסט
איבער דעם גליד יענעם ממליך גאָטס רום...
מע לאָזט נישט צו קיין בעל־מום —
צוגעלאָזט ווערן נאָר גאַנצע!

# דער אַר״י

האַרט ביז צו ירושלים
פֿלעגט צוצוקומען דער אַר״י,
און זען פֿלעגט ער א י ן ז י ך ירושלים.
מיט ציטערדיקע קני
האָט ער געמורמלט ווי אין חלום:
הר הזיתים... נחל קדרון... אָט איז יד אַבשלום...

ער איז געשטאַנען פֿאַר ירושלימס טיר,
נאָר נישט אַריבער איז זיין פֿוס
איר שוועל. אַריינצוגיין אין איר
האָט ער נישט געקראָגן קיין רשות.

ווייל פֿון דעם שורש פֿון בן־יוסף —
בן־יוסף וואָס פֿאַלט אין די שלאַכטן פֿון קץ —
איז געווען דער אַר״י:
פֿון די,
וואָס הויבן אָן און זיינען נישט מסיים.

און פֿון דער וועלט איז דער אַר״י געגאַנגען פֿרי,
געגאַנגען פֿרי,
און נישט באַטראָטן האָט ער — זינט זיין קומען פֿון מצרים —
זיין געבויר־שטאָט, זיין באַגער־שטאָט, זיין ירושלים.

# די דריטע מדרגה

זאָגט דער רבי רב בונם: אַ הויז —
די קלענסטע מדרגה איז הויז.
זונדערסט זיך אָפּ: עס איז בלויז
דו און ס׳בני־בית.
געטריי איז
די שטוב און דיין היטערין איז־זי,
באַוואָנט און באַפּענצטערט, באַטירט און באַשוועלט.
נאָר וואָס קומט אַרויס? זי נעמט צו די אחיזה
אין וועלט.

אַ מדרגה אַ העכערע — פעלד.
מיט זאַנגען צעוועלט,
מיט קרייטער באַגראָזט,
אַ ווינט אַ געווירציקער בלאָזט,
גייסט — און פריי איז דיין שפּאַן.
נאָר אַ צוים
שטעלט זיך און פּסקנט: עד כּאן.

די דריטע מדרגה — באַרג.
צום הימל גייט ער, צום אונטן רעדט ער:
נאַ דיר אַ האַנט — קום קלעטער.
כ׳באַגער זיך צו הייבן אַן אויפהער.
קום אַרויף —
וועט מען גיין אַלץ אַרויפער.

און איך בין אַ באַרג, — זאָגט דער רבי רב בונם, —
און כ׳פיר
צו תּיקונים.

# דאָס ליד פון דעם ברונעם

עס וואָרט דער ברונעם אין הייליקן פעלד,
אין חקל תפוחין קדישין.
וואָס באַגערט ער? דער ברונעם באַגערט
די סטאַדעס שאָף צו דערפרישן.
די סטאַדעס קרעכצן,
די סטאַדעס לעכצן
צום גוטן געטראַנק.

נאָר דעם ברונעמס מויל האָט פאַר׳חתמ׳עט אַ שטיין
אַ שוואַרצער, אַ שווערער, אַ פוילער.
קומט זשע, איר הירטן העלע, צוגיין,
דעם שוואַרצן שטיין גיט אַ קוילער,
דעם ברונעם — אַן עפן:
זיין שפע וויל שפע׳ן
מיט גוטן געטראַנק.

דער ברונעם, דער ברונעם איז איבערפול.
טרינקט איר די סטאַדעס אַן פון־אים —
פאַרגעסט נישט, הירטן, צוריק מיטן שטיין
אים צו פאַר׳חתמ׳ען, דעם ברונעם!
ס׳איז צייט לאָזן פליסן
און צייט צו פאַרשליסן
ס׳גוטע געטראַנק.

מע דאַרף דעם ברונעם, מע דאַרף דעם שטיין,
מע דאַרף זיי האָבן ביידע.
דער ברונעם גיט; דער שטיין אויף אים — היט:
מען דאַרף זיי האָבן ביידע.
פון אויבן — דינים!
אין ברונעם דאָך — א י ן ־ אים —
ס׳גוטע געטראַנק.

## ר׳ אהרן סטאַראָשעליער

**בו, יתברך, השתיקה,**
**ומי ששותק,**
**ובפני מי שותק, —**
**הכל ה ו א!**

(ר׳ אהרן סטאַראָשעליער אין
זיין „עבודת הלוי״).

דער, וואָס שווייגט, די שתיקה וואָס ער שווייגט,
און דער, אין וועמעס בייזיין ס׳ווערט געשוויגן —
באַזונדערע דריי זאַכן זיינען עס אין שווייגן
דעם אונטערשטן, דעם היגן.

נאָר ס׳ווערן איינס די אַלע בחינות אין גאָט׳ס שתיקה.
וואָס זי קאָן אַ האָר נישט ווערן דרויסיק:
זי איז סיי די שתיקה,
סיי דער, וואָס אין זיין בייזיין ווערט געשוויגן,
סיי דער שותק.

לויבט פון שרפים און אופנים די קאַפּעליע,
לויבט אויך אהרן פון סטאַראָשעליע,
לויבן אונטערשטע און הויכע,
לויבט דער שטורעם, לויבט די רו:
מי כמוך
באלמים — ווער איז שווייגעדיק ווי דו?...

# פון דער פרייד, וואָס ווערט איינס מיטן וויסן און וואָס אַנטפּלעקט זיך אַמאָל אין וואָלקנס

דורך פּיין פון געבורט
ווייס די מוטער איר קינד.
דורך פּיין פון חרטה
ווייס מען די זינד.
ווען ווייסטו דיין האַנט?
ווען זי טוט דיר וויי.
וויפיל וויסן איז דאָ
אין איין געשריי!
ווען ווייסטו דיין גייסט?
ווען ער ווערט צעריסן
פון פּיין, פון פּיין...
די פּיין איז דאָס וויסן.

נאָר ס׳טרעפט — אַמאָל טרעפט:
דו בלייבסט שטיין געפּלעפט
פאַר דער פּראַכט פון פאַרנאַכט.
זעסט וואָלקנס ברענען
פון עפּעס אַ שמחה׳דיק,
לעצט דערקענען.
דער הימל יום-טוב׳ט
קאָליריק-הויים:
פרייד איז דאָס וויסן,
וואָס ער ווייס
וועגן טאָג און באַשאַף,
וועגן אָנהייב און ענד —
דאָס וויסן זיינס לאַכט
און זיין לאַכן דערקענט.

דורך הימל פאַרנאַכטיקן
לאָזט דיך גריסן
אַ וועלט, וואו די פרייד
ווערט איינס מיטן וויסן.

## און ווען ס'איז פון דער וועלט אַוועק רב שמעון

און ווען ס'איז פון דער וועלט אַוועק רב שמעון,
איז צוגעפאַלן צו דער ערד רב חייא
און זי געקושט און זי צוגלייך געשאָלטן:

„דו וויסטע ערד, דו חוצפּהדיקע בריאה,
דו טוסט זיך מיט דער רשעות דיינער רימען.
עס ווערן וועלט־זיילן אין דיר צעשפּאָלטן...

ווי זאָל איך דיך נישט קושן, אַז אין דיר איז
דאָס ליכט דער וועלטס און גאָר דער וועלטס עשירות?
און ווי זאָל איך נישט שעלטן דיך? ווי מעגן

די זאַמדן דיינע רויבן בר־יוחאי'ן?
ווי קאָנסטו אין דיין גאוה זיך דערוועגן
אַוועקצונעמען ס'טייערסטע פאַרמעגן,

דעם האַר, וואָס אין די זכותים זיינע נייערט*)
זיינען פאַראַן די יאָרן און די שעה'ן?
גיב אָפּ צוריק דאָס ליכט, דו גרויע בליי־ערד!"

אַ רגע בלייבט רב חייא שטיל. און ראַפּטום
שטעלט ער זיך אויף, אַ כוואַליע פרייד פאַרכאַפּט אים
און ער רופט אויס: „נישט זיי ביי זיך פאַרריסן,

*) נייערט (אין דעם פאַל) = בלויז.

דו שקר׳דיקע ערד! ס׳איז ליגן, ליגן!
עס קאָנען וועלט־זיילן אין דיר נישט ליגן.
עס קאָן נישט זאָמד רב שמעונען פאַרשליסן״.

## אַ טרער און נישט מער

אַ טרער און נישט מער,
אַן איינציקע טרער,
וואָס איז פּשוט און וואָר —
און איז גאָר־שבגאָר.

כ׳בין שטויב שבשטויב,
נאָר כ׳טו מיך אַ הויב
מיטן כּח פון דער
ריינער איינציקער טרער:
זי קאָן אויפהויבן תּפילות
אַזוי וויט, אַזוי הויך
ווי ביז אַצילות.

## פאַרקערטער גילוי אליהו

אין קאָך פון יאַריד זאָגט צום תּלמיד דער בעש״ט:
דו זעסט דאָרט דעם זקן, וואָס וואַרט אויף אַ רעשט?
ער וואַרט נישט אויף רעשט און עס האָט אים דעם מוכר
קיין זאַך נישט פאַרקויפט. יענער זקן דער הויכער
מיט לאַקן מיט גראָע — דאָס איז אליהו,
אליהו הגלעדי, אליהו התשבי.
און דער־דאָרט, פאַרלוירן ווי אַ תּינוק־שנישבה,
דער איבערגעשראָקענער, קליינטשיקער, דאַרער,
וואָס איז ביי דעם ליידיקן וואָגן מהרהר
און קוקט צו דעם זקן, וואָס הויבט זיך אַריבער

זיין קליינקייט, הכנעה'דיק שטיל און אָן דיבור, —
וואָס טראַכסטו פון אים?
מאַכט דער תלמיד בדחילו:
דער ייִד האָט אַ גילוי אליהו... אַ גילוי
אינמיטן דעם מאַרק...
גאָרנישט ענטפערט דער בעש"ט.
נאָך טאָג און יאַריד, ווען דער הימל פאַרלעשט
די לעצטע שטורקאַצן אין מערב־אַש גראָען,
דערלאַנגט ער אַ זאָג, ווי דערמאָנט זיך: פ אַ ר ק ע ר ט!
דאָס קליינטשיקע נסתר'ל, שוואַרץ ווי די ערד,
האָט אים זיך מתגלה געווען... אים — אליהו'ן...

## נשמות לינקס, נשמות רעכטס

נשמות הויבן זיך אין פינצטערע קאַנוואַיען
און וואַיען.
נשמות הויבן זיך אין פינצטערע קאַנוואַיען —
לינקס.

נשמות הויבן זיך און בלויען
ווי טויען.
נשמות בלויען —
רעכטס.

אַלע ציִען צום האַר —
און ער הויבט זיך איבער זיי ווי אַן אוראַלטער כּוהן,
און ס'בענטשט זיין האַנט די רעכטע
די גערעכטע,
וואָס בלויען,
און ס'בענטשט זיין האַנט די לינקע
די שלעכטע,
וואָס וואַיען.

# רב נחמנס חלום

זאָגט רב נחמן: הערט אַ חלום.
איך זיץ און לערן,
ערשט די שטוב ווערט פול מיט רעדלעך ייִדן.
ס׳לאָזן זיך הערן
טענות־מענות: סטייטש!
אָט דער נחמנ׳קע נעמט
און טוט אַפּ אַזאַ מין מעשה,
וואָס דער געמיינסטער אַפּיקורס־יונג, דער ערגסטער דייטש,
וועט נישט אָפּטאָן בשום אופן.
און דאָס זיצט מ׳שטיינס געזאָגט און לערנט,
גלייך ס׳וואָלט דעם בורא נישט דערצערנט —
עולם־הבא וויל דאָס קויפן!

מע מאָלט מיט די צינגער,
מע טייטלט מיט די פינגער:
אַזאַ מעשה, אַזאַ מעשה!
טאָקע ער, אָט דער מורנו,
האָט עס אָפּגעטאָן די שיינע
מעשה...

כ׳ווייס נישט וואָס און ווים נישט ווען,
נאָר אין שטוב צו זיצן איז נישט שייך — כ׳ברען!
לויף איך אויף דער גאַס אַרוים ווי פון אַ שׂרפה.
ערשט די גאַס איז פול מיט רעדלעך ייִדן
און מע טייטלט: דאָס האָט ער דאָך אָפּגעטאָן די טרייפע
מעשה די געמיינע,
אָט דער נחמן דער מורנו,
טאָקע ער בעצמו ובכבודו...
און ער איז זיך גאַרנישט מודה —
הפקר!

נעם איך לויפן ווייטער.
לויפט מיר נאָך ס׳געריידעריי:
וואָס זאָגט איר נישט צו זיין בהלה?
פים אויף שרויפן!
אָפגעטאָן אַזאַ נבלה —
און ער מיינט, מע קאָן אַנטלויפן!
לויפן קאָן מען, נאָר אַנטלויפן? לאָ!

לויפנדיק אַזוי,
פאַל איך אַריין אין וואַלד.
שטייען רעדלעך חיות,
און זיי ברומען מיט אַ קפידה*):
קוקט אים אָן, אָט דעם מורנו —
דער בעל־שם איז דאָך זיין מאַמעס זיידע,
נעמט ער, טוט אַזאַ מין מעשה,
און ער מיינט: דער וואַלד באַהאַלט!
גוואַלד,
אַזאַ רשע, וואָס די וועלט האָט נישט געהאַט,
און דערצו אַ שוטה גמור!
פאַר השם יתברך וועט ער זיך באַהאַלטן?
אַז סך־הכל איז דער לויפער גאָר אַ לאָמער.

און אַ גרויסע חיה, ווי אַ בייזע ייִדענע, להבדיל,
האַלט זיך ביי די באַקעס: אַזאַ מעשה!
ווי געפעלט אייך, חיות?
ער איז דאָך נישט קיין בור דאוריתא,
דאַרף דאָך אים נישט זיין קיין נייעס,
וואָס סע שטייט: אם אסק — אַז איך טו מיך הויבן,
שמים — צו די הימלען, ביסטו אויבן,
ואציעה שאול —

*) לייען: קפּידע. אַזוי אַרויסגערעדט צווישן חסידים.

און אַז איך ליג שוין אין אַ קנויל
סאַמע אויפֿן דנאָ,
הנך — ביסטו דאָרטן אויכעט דאָ.
היינט ווי שייך זיך באַהאַלטן, האָ?
אַן עכבּרוש אַזאַ!

לויף איך פֿון די חיות
און פֿאַל אַריין, ווי אַ פֿאַר׳סמ׳טע מויז,
אין אַ פּוסטער קלויז.
נעם איך פֿון אַ פּאָליצע אַ ספֿר,
ערשט די אותיות קוקן פֿרעמד און בייז.
כ׳האָב פֿאַרגעסן וואָס איז אַלף, וואָס איז בית.
בלעטער שאָרכן: האָט געהאַט אַזאַ נשמה,
נעמט ער און פֿאַרטאַכלעוועט אַזאַ נשמה,
און ער מיינט נאָך, אַז די אותיות וועלן דינען
אים, אַזאַ מין טמא...

דורכן פֿענצטער פֿאָרט
אַ ווינט אַריין, אַ ווילדער רוח,
און ס׳רייסט דער ווינט מיך ביי דער באָרד:
שוטה, רשע וגם רוח!
אַפֿילו אַן אָפּטייקער אַ גלוח
וואָלט אַזוינס נישט אָפּגעטאָן
פֿאַר קיין שום הון דעלמא.
וועלכער מענטש, בצלמו
ובדמותו,
וואָלט ביי זיך גע׳פּועל׳ט אַזאַ זאַך?
און די רבותא —
ס׳האָט דער מענטש געהאַט
אַזאַ נשמה! ובפֿרט:
אַזעלכע אָבות!
עפּעס אַ קאַטאַוועס?

דאַ שפּאַנט אַריין אַ הויכער זקן:
ווייס די לאָקן, ווייס די זאָקן,
אויגן — שבת׳דיקע ליכט.
ער שאָקלט מיטן קאָפּ:
וואָלט זיך עמיצער געריכט
אויף אַזאַ־מין מעשׂה?

רבי, — שריי איך, — ס׳אַראַ מעשׂה?
זאָגט מיר: ס׳אַראַ מעשׂה?

לאָקן ווייסע, זאָקן ווייסע,
אויגן — שבת׳דיקע ליכט...

ער טענה׳ט אַלץ: אַזאַ מין מעשׂה!
ווער וואָלט זיך עס געריכט?

אָפּגעזאָגט, און אויס — איננו.

וויל איך וויינען,
מחמת וואָס איז, אַחוץ וויינען, מיר געבליבן?
פאַריאָגט, פאַרטריבן,
אַלע זיינען מיך מבזה,
אַפילו אַלף־בית פאַרגעסן —
נישט עולם־הבא און נישט עולם־הזה!

דאַ דערזע איך: מיינע טרערן
הענגען קעגנאיבער ווי די צעפּלעך אייז.
פאַרלאָזט האָבן די טרערן מיינע אויגן.
אַ טרער איינע, משונה קאַלט און ווייס,
מאַכט בזה הלשון: אַ פאַרשווין ווי דו
ווילן מיר נישט דינען;
אונדז שטייט נישט אָן צו רינען
פון דיינע אויגן... נו,
טו אונדז עפּעס... אדרבא, טו!

בלייב איך זיצן אַן אַ טרער און זאָג אַזוי:
אַלץ איז מיך מבזה.
פאַרשפּילט דעם עולם־הבא מיטן עולם־הזה.
אַפילו טרערן ווילן מיך נישט קענען,
אותיות זיינען מיט מיר ברוגז.
די סיבה ווייס איך נישט, נאָר גאָרנישט:
מסתמא דאַרף מען עס, מסתמא טויג עס.
און אַז מען זאָל מיך לייגן איצט, ווי יצחקן, אויפן מזבח —
נו, איז וואָס? עס וואָלט געפּאַסט ווי אַלץ פאַרשטיי איך,
בלויז דאָס פאַרשטיי איך נישט...
פון ווען איז עס אַ וואָרעם אַזאַ חכם,
ער זאָל זיין אַ מבין אויף דעם הימלס דרכים?
אַבי דער בורא מיינער ווייס —
בין איך שוין געטרייסט:
מען דאַרף נאָר וויסן, אַז ס'איז דאָ אַ ווייסער.

ביי די ווערטער עפנט זיך אין מיר אַ קוואַל פון שמחה.
היימ און הייסער
קוואַלט ער.

קומט צוריק דער אַלטער,
מיט אים קומען אַנדערע זקנים,
און אַלע אינאיינעם,
ליכטיקע פאַרשוינען,
טייטלען אויף מיר, שאָקלען מיט די קעפּ
ווי מיט קרוינען:
ער איז שוין צוריק אויף די אויבערשטע טרעפּ...
אַז וואויל אים!

דער זקן, — העכער, ווייסער ווי דער גאַנצער עולם, —
נעמט פון פּאָליצע דאָס ספר
און מאַכט בנעימות: קוק אַריין.

קוק איך — ערשט די אותיות
גיסן זיך אין מיר ווי וויין.
עס דינען מיר די אותיות; גערן
דינען מיר די טרערן,
און סודות אַנטפּלעקן זיך,
ווי פייגל, וואָס וועקן זיך
פאַרטאָג אויפן בוים.

וואָס אַ רגע ווערט מיר העלער,
ווי עס שטייט געשריבן:
הולך ואור עד נכון היום.

לסוף ווערט טאָג אין מיר.
שטיי איך אויף — ערשט דער חלום
גייט מיר אַקעגן און זאָגט: „נישט פאַרשעם!
למען השם —
נעם און דערצייל מיך.
אַ חלום איז אַ בריוו,
דאַרף מען אים עפענען,
און זאָלן ייִדן וויסן, אַז ס'איז טיף".

.1948

## ר' נחמן אין קאַמעניעץ

און ס'איז קיין קאַמעניעץ בסוד
געקומען דער זון פון פייגע-בת-האָדל,
און שפּעט ביינאַכט איז ער אַריין
אַהין, וואו ס'פלעגן פראַנקיסטן
צונויפקומען זיך בסוד גדול.

ער שטייט אויף דער שוועל און ער ווערט נישט געזען.
נקבות נאַקעטע, נאַקעטע זכרים

טאַנצן ווילד ביי דעם שיין פון ליכט
אַרום אַ בילד פון אוואַטשאַ'ן,
אַרעם פאַרוואָרפן אויף אָרעם.

און ס'רופט זייער עלטסטער (ר' נחמן זעט —
עס זיצט אויפן אַקסל אַ שד אים):
„אדום איז אָדם און אָדם איז דם!
צעבראָכן ליגן די לאו'ן...
אָדם איז דם און איז אדום!"

עס טשאַדעט מיט ניאוף. עס ברענען די ליכט.
מיט שדים אומגעזעגנע איז פול די הוליאַנקע.
טייל שדים טאַנצן מיט, טייל זיצן ביים טיש,
לאָכן און גיסן זיך וויין אָן,
פילן די כוסות די בלאַנקע.

נאָר גיין לאָזט ר' נחמן פון דאָרט, פון דער שוועל,
איבערן הויז אויפפּאַמאַל אַזאַ שטילקייט,
און אין דער שטילקייט שפּרייט זיך אַ קרעכץ —
אַ קרעכץ איבער יעקבֿ'ס זוימען,
וואָס פוילט אין אדומ'שער ווילדקייט.

לייִמט זיי דער קרעכץ! זיי דערזעען דעם ייִד...
זוכן די קליידער... דער וויין אין די כוסות
גליט אַ פאַרשעמטער... עס פליען אין שרעק
די שדים אַרוים דורכן קוימען...
די קליפּה — פראַנק'ס קליפּה — איז גוסס...
די קליפּה איז גוסס
צוליב דעם קרעכץ איבער יעקבֿ'ס זוימען.

# רב נחמן צווישן קרייטער

און אַז זיי זיינען אויפן פעלד געגאַנגען
און אויף קרייטער האָט געטאַנצט דער טוי,
האָט צו זיינע באַגלייטער
רבֿ נחמן געזאָגט אַזוי:
„פאַרוואָס רופט מען אים משיח?
משיח איז מלשון שיח,
שיח השדה... אין דער צייט פון רצון
וועט ער אין סוד פון קרייטער,
אין סוד פון פעלד, אין סוד פון שפּראָצן,
אונדז אויסלייזן, לעשן דעם שייטער
פון די זיבעציק שטערן,
בויגן דער סיטרא אחרא׳ס קופּערנעם שטערן,
און בליצן וועלן דער שכינה׳ס, דער כּלה׳ס
קישוטים, אָט פּונקט ווי אַצינדער דער טוי,
און ס׳וועט זיין ווי סע שטייט: אַז יעלוז
שדי וכל אשר בו״.

און קרייטעכץ נאָך קרייטעכץ, געוויגט אין ווינט,
האָט איבערגעחזרט די תּורה
מיט חשק און התמדה,
און ס׳האָט זיך די תּורה צעכוואַליעט, צעלויכטן, צעגרינט:
„פאַרוואָס רופט מען אים משיח?
זאָגט רבֿ נחמן: ס׳איז מלשון שיח,
שיח השדה״.

און מיט אַ גלוסט,
וואָס איז געטלעך,
האָבן בלימל און קוסט,
גרעזלעך און בלעטלעך,
גענומען זיך בעטן: ביני לביני,
ביז סע וועט קומען משיח צדקנו,

נעם אונדז אריין אין דיין תפילה,
אונדז די נידעריקע, אונדז די קליינע,
אונדז דעם שיח השדה.
נעם אונדז אריין אין דיין תפילה,
זון פון פייגע בת האָדע!

און רבֿ נחמן האָט זיך געשטעלט
ביי אַ בוים אין פעלד
און האָט תפילה געטאָן. און ווי מע פאַרקאָוועט אַ קאַסטן,
האָט ער די תפילה מיט שטאַרקע יחודים פאַרקאָוועט —
און געשיקט זי מיט אירע פאַרבאָרגענע לאַסטן
צום כּסא־הכּבוד.
און אַז מ'האָט אויבן די תפילה געעפנט,
האָט דאָרט פאַרשמעקט
מיטן גרינוואַרג, וואָס ס'פעלד האָט געכאָוועט.

## נ ע נ ט ע ר

שלאָגט אויס דער וואַנט־זייגער זיין צוועלף.
דער טונקל אַכצט, דער טונקל אוי'ט:
נענטער מיט נאָך אַ טאָג צום טויט,
נענטער צום טויט.

שטייט אויף דער זיידע צו תּיקון חצות.
טוט ס'ליכטל אין זיין האַנט אַ זאָג:
נענטער מיט אַ טאָג צו משיח'ס קומען,
נענטער מיט אַ טאָג.

# קדיש

געגרויסט און געהייליקט זאָל ווערן זיין נאָמען
אויף דער וועלט, וואָס ער האָט לויט זיין רצון געשאַפן,
און איינפירן זאָל ער זיין מלכות דאָ אונטן
ביי אייער לעבן, אין אייערע טעג.
אין אַ נאָענטער צייט
זאָל ער זיין אויסלייזונג שיקן, אַ תיקון
צו געבן דעם לעבן דאָ אויף דער ערד,
און גאַנץ זאָלן ווערן זיין טראָן און זיין נאָמען.
זאָגט אָמן.

געבענעדייט און געלויבט און געפּרעכטיקט,
געהויבן, דערהויבן און איבער־פאַרהערלעכט,
געהויכט און געאָכפּערט זאָל ווערן דער נאָמען
פון קודשא־בריך־הוא דאָ אויף דער וועלט:
דערהויבן אַריבער איטלעכער בענטשונג,
דערהויבן אַריבער יעדן געזאַנג
און יעטוועדער לויבונג און יעדער נחמה,
וואָס מיר בענטשן און זינגען און לויבן און טרייסטן
אויף דער אונטערשטער וועלט.
וואָס איז די טרייסט וואָס מע טרייסט דאָ אָן אָבל?
איינציק איז נאָר די טרייסט פון זיין נאָמען.
זאָגט אָמן.

גרויס פרידן זאָל קומען פון הימל אַראָפּ,
פרידן און לעבן אויף גאַנץ ישראל,
אַז זיין זאָל אַ ווייטער־גאַנג דאָ אויף דער ערד
צום לעבן פון די, וואָס זיינען נישט־הי,
וואָס זיינען אַוועק צו דעם ליכט פון זיין נאָמען.
זאָגט אָמן.

דער, וואָס שאַפֿט פֿרידן אין זיינע הויכן,
ווערט ברענגען שלום דאָ אין דער אונטנקייט,
און זאָלן די אותיות פֿון זיין נאָמען
האַלטן אונדז, אונטערשטע, אין פֿאַרבונדנקייט
מיט דעם ישראל, וואָס בליט אויף־יענער־זייט,
שפּראָצט ווי אַ בוים איבער אייביקע שטראָמען.
און ענטפֿערט אָמן.

# צוויי געבעט־לידער

## ג ע ב ע ט צ ו ד י מ ל א כ י ם

מלאך פון ריינקייט, טהריאל,
ווען אין ברודיקן מלבוש פון ערדישן טרויערן
וועל איך צוקומען צו דיינע טויערן —
שטוים מיך נישט אָפּ!
פאַרוואָרלאָזט האָב איך גאָטס גאָב,
אין זיין ליכט נישט גערוט,
געהאַט צו ווייניק אמונה,
אָבער נישט ענטפער מיך איבער
אין די הענט פון דעם בייזן ממונה,
וואָס איז מיט זיין פייער
נישט מטהר,
ווייל זיין פייער איז נאַכט.

סהדיאל, פון תפילות דער זאַמלער!
אויב צווישן געבעטן נישט גענוג קלאָרע,
נישט גענוג וואָרע,
וואָס מיין גייסט, דער שטאַמלער,
האָט אין זיי קליינמוט פאַרמישט
און רעשטלעך יצר־הרע,
איז געווען כאָטש איינע אַ תפילה אָן צומיש,
אַ תפילה אַזוי פשוט און שטאַרק
ווי אַ פסוק אין חומש, —
טאָ שטוים מיך נישט אָפּ, סהדיאל,
אין יענער תפילה׳ס זכות.
נישט ענטפער מיך איבער צום בייזן ממונה,
וואָס שטראָפט פאַר טרייבן זנות
מיט ווערטער, פאַר פאַרטיקייטן, פאַר רגילות,
פאַר הייזעריקע תפילות.

מלאך דערבאַרעמדיקער פון די שערי־דמעה,
רחמיאל!

אויב איטליכע פון מיינע טרערן האָט אַ פּגימה,
נאָר כאָטש איינע פון זיי האָט געבלוטיקט —
נישט ענטפער מיך איבער צום בייזן ממונה,
דעם שטראָפער פאַר טרערן, וואָס בלוטיקן נישט,
וואָס ווערן געוואָרפן ווי נדבות,
און אַ ליאַדע ווינט
קאָן מיט זיי טרייבן קאַטאָוועס — — —

צדקיאל,
דו, וואָס איטליכן ליכטיקן טו
באַהאַלטסטו און מאַכסט
צו׳ן אַ לבוש אים!
ווען ס׳וועט מיין נשמה
נאַקעט אַרוים פון די חושים
און פירן וועט מען זי צום טייך די־נור
און דאָרט, אין פייער־טייך, וועט זי אַרונטער
(אָדער אויף אַרויסצוגיין ריין,
אָדער צום פאַרגיין) —
בעט איך דיך, צדקיאל!
אויב פון מיינער אַן איינציקער טואונג באַדאַי
האָסטו דעם אָרעמסטן מלבוש געמאַכט —
טאָ קום מיט׳ן מלבוש צום ברעג און מיין פירזאָגער זיי:
„טייך די־נור,
די נשמה די דאָזיקע טאָר נישט
פאַרגיין אָן אַ שפור.
אין איר אייגן קלייד,
אייגן, כאָטש נישט רייך,
טו איך זי אָן און איך שטעל זי פאַר גאָט —
פאַרברען זי נישט, פאַרכטיקער טייך!"

בזק,
סנדלפון׳ס באַדינער!
ממונה אויף געבעטן,

וואָס ווערן געבעטן
אין שפעטן
גאַנג פון דער נאַכט!
אויב פון מיין נאַכט איז געשטיגן צו דיר אַ געבעט —
צי האָסטו עס, דו היטער פון פאַרבאָרגנס,
אַרויפגעלייגט שטיל
אויף דעם דיל
פון יענעם הימל, וואָס צומאָרגנס
נעמט סנדלפון פון דאָרטן די תּפילות
צו קרוינען זיין האַר,
דעם אל גואל חזק?
אויב יאָ — לאָז דעם בייזן ממונה
נאָך מיין נשמה נישט לויפן,
דו לויטערער אופן,
העלסטער פון אופנים,
בזק!

יופיאל, האַלטער
פון די שליסלען פון אויבערשטער חכמה!
פרעגער צעשטראַלטער,
וואָס דו פרעגסט ביי נשמות די פראַגן פון חכמה,
אויב דו וועסט זען מיין נישט־ווּיסן
און וועסט ווּיסן, אַז ווּיסן האָב איך געקאָנט,
נאָר כ׳האָב מיך געפוילט עפּעס רעכטס צו דערקענען, —
זאָלסטו די שׂרפים, וואָס אונטער דיר, נישט לאָזן
מיך שלאָגן מיט די פליגלען און פאַרברענען.
כ׳בין קראַנק געווען, יופיאל —
פאַרוואָס זאָל מען שלאָגן אַ חולה?
און מעג מען פאַרברענען איינעם,
וואָס איז וואונדן הוילע?
לאָז מיך נישט שטראָפן, יופיאל!

שר פון היכל-הרצון, גבריאל!
זאָל אויפגיין ווי אַ בשורה
דיין גבורה!
שלאָג
מיין נאַכט מיט דיין טאָג,
און ענטפער מיך איבער,
גבור,
אין די הענט פון דעם היילער רפאל!

סנגוריה!
שיצער דו פון ישראל
קעגן עשו׳ס קיטרוגים, קעגן אַלע סטרא-אַחראַס!
קומט דער טאָג פון מיין משפט — זיי מכריז,
אַז אהרן-אליעזר, זון פון הלל און אסתּר,
כאָטש ווייט, אַזוי ווייט
פון צו זיין דער בעסטער,
כאָטש אַ גאָרנישט-ווערטער
מאַכער פון ווערטער,
האָט פאָרט
פון צייט צו צייט געלאָזט פאַלן אַ וואָרט,
וואָס זיין נשמה האָט ביי סיני געהערט,
און אַז חסד בעט ער,
כאָטש ער ווייס, דער בן-זקונים דער שפּעטער,
אַז ער איז קיין חסד נישט ווערט.

# געשריבן אין יאַנואַר 1932

גאָט, אין זכות פון מיין ווילן
צו נייע טלית-און-תפילין,
די פיינען מיינע צו שטילן,
די נאַקעט מיינע צו הילן;
אין זכות פון מיין בלאָנדזשען צו דיר
אליין צווישן קליפות וואָס בילן;
אין זכות פון מיין זיידנס א טרער
אויף א דף א פארהוילן-שטילן
פון אַן אַלטן ספר, וואָס וועלקט
צווישן הייליק פארשטויבטע גווילין;
און אין זכות פון דער אייביקער רות,
וואָס טוט וואונדן בראַנדיקע קילן, —
זיי מוחל, ווען איך טו אָן
די אינטעליגענטישע ברילן.

און נעם פארליב און פארגיב
בשעת דו זעסט מיך שפּילן
אין פראַזן צוזאַמען מיט זיי,
מיט די ליטעראַרישע לייט
פון אַ דור אַ פארשאלטאַנטן,
די פוסטע מגידים אָן בערד,
וואָס צווישן הימל און ערד
הענגען זיי און מעסטן
איינער דעם צווייטנס טאַלאַנטן.

אָטוואָצק.

# ווייטערדיקע חורבן־לידער
# און די פּאָעמע אַני מאמין

## אַ נאָכגלאַנץ

די זון איז נישט געווען מער. טיף אין ים איז זי פאַרגאַנגען.
בלויז נאָכגלאַנצן פאַרשמאַכטע זיינען נאָך געהאַנגען
צעקרומט און נישט-פונדאַניק.

איך האָב געוואוסט, ווען כ'האָב געקוקט אויף יענע גלאַנצן,
וואָס האָבן טויטערהייט געפּראַוועט אַפילו טאַנצן:
אויך איך בין אַזאַ נאָכגלאַנץ, אויפן תהום פאַרהאַנגען,
אַ נאָכגלאַנץ פון מיין אומה'ס זון, וואָס איז פאַרגאַנגען
אין בלוט-ים פון מאַידאַנעק.

## שטיגן

פון פינצטער צו פינצטער בין איך געגאַנגען...
האָב איך דערהערט אויף שוואַרצע שטיגן
דיין קול — אַזוי קלאָר ווי אַמאָל אין וואַרשע,
אַ וואַרעם-נאָענטן, אַ היגן — —
אויף שוואַרצע שטיגן.

כ'האָב דיך געזוכט און דיך געטראָפן!
אַרויפגיין וויל איך, נאָר די שטיגן —
וואו זיינען זיי? אַנטלאָפן. אַנטלאָפן.
און די נאַכט כאַפּט זיך אויף און לאַכט: ס'אַ ליגן.

ניין, איך ווייס: כ'וועל נאָך זען די שטיגן
און דענצטמאָל וועלן זיי נישט אַנטלויפן
ווי זיי זיינען אין חלום פון מיר אַנטלאָפן.
אַרויפטראָגן וועלן זיי מיך אויפן
רוקן צו דיר — צו דיין טיר, וואָס וועט שטיין
אין דער שטערן-נאַכט אָפן.

# אַ תּפֿילה קאָן איך

אַ תּפֿילה קאָן איך.
ס'האָט זי געמורמלט טאָליע בת צבֿי־דובֿ
איבער הערשעלעס בעטל:
זאָל וואַקסן מײַן זון
ווי אַ בוים אין דער זון,
און שטאַרק זאָל מײַן זון זײַן,
שטאַרק.

מײַן דור איז אַוועק אין פֿלאַמען
און צו נישט איז געוואָרן
די תּפֿילה פֿון אַ מאַמען.
נאָר אפֿשר איז פֿאַרט
יענע תּפֿילה געוואָרן מקוים
אין ערגעץ אַן אָרט,
איבער ערד און עינויים,
בלוט און געוויינען.
אפֿשר איז הערשעלע געוואַקסן
און געוואָרן אַ מאַן,
אַ בוים אויף אַנדערע פּליינען,
און גליקלעך קוקט אַרויף
צו זײַן שלאַנקער הויך
טאָליע בת צבֿי־דובֿ.

אפֿשר איז פֿאַרט דאָ אַן אָרט,
וואו די תּפֿילה איז געוואָרן וואָר —
אַ תּפֿילה אין וואַרשע אַמאָל,
צוריק מיט אַזויפֿיל יאָר,
ווען איבערן קינד וואָס שלאָפֿט,
פֿאַרן גיין צו איר אַרבעט אין דער וואַרשעווער גמינע,
האָט זיך מײַן טאָליע געבויגן,
ווי ס'בייגט זיך אין ציטער די שכינה
איבער דער נשמה פֿון אַ מענטש.

# גיב מיך פון ערגעץ ביים נאָמען אַ רוף...

דעם הייליקן אָנדענק פון
טאַליאַ (טויבע־לאה) פערלמוטער־צייטלין, הי״ד.

גיב מיך פון ערגעץ ביים נאָמען אַ רוף,
ווען ס׳וועט־מיך דער מלאך פון שטאַרבן אַנטגופן.
רוף מיך ביים נאָמען אַזוי ווי אַמאָל,
רוף ווי דו האָסט מיך דאָ אונטן גערופן:
אַרליק.

קליפות וועלן בילן פון געעפנטער טיף,
אין געעפנטער הויך וועלן זינגען די שטערן.
רוף מיך ביים נאָמען פון דאָרט, וואו דו ביסט,
און איך וועל דערקענען און איך וועל דערהערן:
אַרליק...

רוף מיך ביים נאָמען! מעגסט רופן ווי שטיל,
וועלן דיין רוף מיר צו הערן ניט שטערן
נישט פון די תהומישע הינט דאָס געביל,
נישט דאָס הללויה־געזאַנג פון די שטערן.
רוף מיך!

דעם היים־נאָמען מיינעם האָט קיינער אַזוי
ווי דו נישט אַרויסגערעדט. רוף מיך ביים נאָמען!
דיין קול וועט מיך ברענגען אַהין וואו דו ביסט,
דיין קול וועט מיך פירן דורך הימלען און תהומען.
רוף מיך — — —

פון זינט ס׳ווערט דיין קול אויף דער ערד נישט געהערט—
ווי פינצטער איז זי, אָט די ערד, און ווי אָרעם!
שיק מיר דיין קול — און איך טראָג זיך צו דיר
ווי פייגל, וואָס טראָגן זיך האַרבסט־צייט קיין דרום.
רוף מיך!

יולי, 1947.

# אָפּדוכט פון וואַרשעווער ווינטער
# אין מאָנטרעאָל

טראַמוואַיען לויפן — ס׳איז קאַלט — ס׳איז זיי קאַלט.
דעכער פאַרשנייטע. וואַרשעווער ווינטער.
ס׳פאַרנאַכטיקט. ס׳קרישטאָלט.
דער לאָמפּנצינדער — באַלד קומט ער, באַלד צינדט ער
ס׳גאָלד
פון לאַמטערנעס אין שניי.

באַלד,
פון ראָג וויזאַווי,
וועט אָנקומען — זי,
אַ רויז
פון דער ווייסקייט אַרויס.

ניין,
זי וועט נישט קומען צוגיין.
זיי וועלן שוין קיינער נישט קומען צוגיין.
ניין.
ס׳האָט זיך מיר וואַרשעווער ווינטער —
מיט זיין עלעגאַנטן קרישטאָל,
מיט די יונגע שנייענע בלומען —
געחלומט אין מאָנטרעאָל.

זיי וועלן קיינער נישט קומען.
זיי זיינען געווען — אַמאָל.

# עלעגיע געשריבן אין די בערג פון אַדיראָנדאַק

ווי אַ פיל־באַאויגטע חיה
הויערט דער שוואַרצער באַפינקלטער באַרג
אויף יענער זייט ברעג פון לעיק סקרון.
שטערן טאַנצן איבער בערג פון אַדיראָנדאַק,
וואָס זוכן אין שלאָף אַ פאַרזונקענע זון.

היפנאָטיזירטע בוימער
פינצטערן פאַנטאַסטיש, בוימערן
מחוץ זייער חומר.
די ערד די טרוימערין
ווייס נישט וועה ס'האָט זי פאַרשלייערט אין רו.
ווייס נישט וואָס די אויבנס גרייטן צו,
טאַנצנדיקע אויבנס.

אויבערשטע הענט
נישטערן אין גרונטן,
גרייכן ביז דנאָען,
ווילן עפענען שפונטן.
פייערדיקע וועלטן
וואַרפן אַ שלאָף
אויף פינצטערע פעלקער־פירער אונטן.

נאָך יידן־סעלעקציעס — און צוליב זיי —
וויל קומען סעלעקציע גלאָבאַלע.
אָט די שטערן אַלע —
צי טאַנצן זיי נישט אוים באַצייטנס דעם פאַרגיי?

ס'וויל מאַכן זיין סעלעקציע דער אַטאָם:
אַ טייל זאָל גיין צום לעבן אויף רואינען,
די רעשט זאָל אַנטרינען
אין תהום.

סעלעקציע! דערמאָן זיך, מענטש אויף דער ערד:
ווען האָסטו דאָס וואָרט צוערשט געהערט?
נאַטירלעכע סעלעקציע! יענע כפירה׳דיקע סברא,
דאַרווינס קאַלט-בריטישער טייטש
אויף דעם ייִדנס בראשית ברא...
און דערנאָך איז געקומען דער דייטש.
די נאַטור האָט נאָך איר אַרבעט נישט געמאַכט פולשטענדיק —
איך, דייטש, פאַרענדיק!
איך אַליין וועל אַ סעלעקציע מאַכן,
פאַרגאַזן דעם שוואַכן
און לאַכן.
יודאַ, פעררעקע!

און ער האָט פאַרגאַזט, דער שטאָל-געפאַנצערטער פאָן-יעקע,
און זייער נעט
האָט צוגעשפּילט קלאַסישע מוזיק,
און ס׳וועלט-געוויסן האָט זיך צוגעקוקט דורך אַ לאָרנעט.
און מיר אַליין, שארית ישראל? וואָס מער מיר פראַוועט די אזכּרות,
מער פאַרגעסן מיר די אויסשוויצעס, טרעבלינקעס, וואַרשעס.
פון זעקס מיליאָן אַנטלויפן מיר צום זעקס-מיליאָן-וואָרט,
ווי יונה איז געלאָפן פון זיין גאָט קיין תּרשיש.

דערפאַר און דעריבער
ווינקען שטערן די-לחכימא׳דיק זיך איבער
אין אָט די צייטן די אַטאָמישע,
אין נעכט פאַנטאָמישע,
און ס׳בינדט זיך זומער-נאַכט אין בערג פון אַדיראָנדאַק
מיט דעם, וואָס האָט געטראָפן זעקס-מיליאָנדיק
דאָרט, אין דיין פינסטער-פאַרבלוטיקטער שאָפע,
אייראָפּע!

דעריבער
קרימט אין מיר עמיצער איבער
אין אָט דער זומער-נאַכט אַן אַלטן זיסן פּסוק.

אַנשטאָט מעז יצא מתוך
וועט — זאָגט ער — זיין ממתוך יצא עז:
פון יומטובדיקע הימלען וועט עקספּלאָדירן שטראָף
פאַר ייִדישער בראָך, פאַר גערמאַנישן גאַז.

היים און הייסער רעדט אין מיר אין אַט דער נאַכט פון זומער
אַ הייליק-נקמה׳דיקער
האַסער פון אַ וועלט אַ טמא׳דיקער,
און פון דער זייט גראַמט שטיל אַן אַנדערער, אַ פרומער,
אַ קול-דממה׳דיקער:
שטורעמס פון בירורים,
שטורעם איבער שטורעם,
און נאָכדעם וועט דער מענטשן-איבערבלייב דערבליקן
ייִדן פון ניי-בראשית, אין ליכטיקייט געקאָוועט,
פון תוהו שפּאַנענדיק צו תיקון,
געפּירט פון בן־דוד.

1950.

## טרעבלינקער פּסח

די דייטשן מאַכן אַ קאָמעדיע: זיי גיבן אונדז
מעל אויף מצות. מיר׳ן געקראָגן וויין. ס׳וועט
אָפּגעריכט אַ סדר. ס. ס.-מענער קומען אַריין
אויף עטלעכע מינוט אין באַראַק, קוקן זיך
צו, לאַכן הויך.

דרויסן בלאָזט אַ ווינטל. די אויוונס פלאַקערן.
עס ברענען אין דער נאַכט צען טויזנט ייִדן.
און מיר — ריכטן אָפּ דעם סדר לויטן דין.
(פון אַ באַריכט)

מה נשתנה הלילה הזה? — — —
היינט איז די נאַכט פון ערשטן סדר.

אָנגעטאָן האָט זי זיך, די נאַכט,
אין אירע פרילינג־בלויסטע קליידער.

שטורמיסטן קומען צו אונדז אין באַראַק.
זיי האָבן געגעבן אונדז מעל אויף מצות.
מיר פּראַווען דעם סדר. עס פינקלט וויין.
זיי קומען, זיי לאַכן הויך, די נאַצים.

מה נשתנה הלילה הזה?
פרעג ביים דייטש — ער איז דער באַשיידער.
ער הייצט מיט אונדז זיינע אויוונס איין
לכבוד דער נאַכט פון ערשטן סדר.

מיר ווייסן: אויך מיר וועלן ווערן אַש.
מיר וועלן פאַרשווינדן מיט די מיליאָנען.
נאָר דיינע זיינען מיר ביז צום סוף
און פּראַווען דיין סדר ווילאַנג מיר קאָנען.

## אַ השבעה

(געשריבן בעתן צווייטן וועלט־קריג)

איבער תהומות און קברים
הויב איך דעם אָרעם,
און ביי זעקס־הונדערט־צוואַנציק
ליכטן פון די כּתרים
באַשווער איך דיך אָבער,
אָבער און ווידער:
קום אין דער נידער.

ביי די צוויי און דרייסיק
וועגן פון דער חכמה,
ביי בינה׳ס פופציק טויערן,

ביי בריקן צוויי און זיבעציק
איבער חסד'ס וואַסערן,
ביי גבורה'ס צוויי און פערציק
זידנדיקע פייערן,
און ביי אַלעם דעם,
וואָס ליגט פאַרהוילן
אין אונדזערע גרוילן,
אין אונדזער אַלגעהיימסטן קידוש-השם, —
באַשווער איך דיך אָבער,
אָבער און ווידער:
קום אין דער נידער,
דו מאַן בן-דוד!

דו, וואָס פון דיר
האָבן ערב פאַרגאַזט ווערן
יידן געזונגען,
יידן גע'נביא'ט — — — —*)

## קדיש נאָך מיר

נשמות פון קדושים, זאָגט קדיש נאָך מיר,
דעם מת, וואָס גייט-אום אויף דער ערד.
איך בין אייער קדיש נישט ווערט,
נאָר אויב צווישן טרערן, וואָס נישט מיין אויג,
נאָר מיין בלוט האָט נאָך אייך געטרערט,
איז כאָטש איינע געווען, וואָס איר האָט דערזען,
וואָס איז ליב אייך געווען ווי אַ גרוש:
טאָ זאָגט קדיש נאָך מיר אין איר זכות.

*) דאָס „אני מאמין"-געזאַנג.

## ליד פון נאָך־מיידאַנעקשן פּחד

עס ווערט געזאָגט ביי סוועדענבאָרגן ערגעץ, אַז טייוולאָנים
דערשיינען איינער פאַרן צווייטן אין אַ מענטשנס פורעם:
ס׳איז שד פאַר שד — אַ מענטש מיט מענטשישע דיבורים;
איין טייוול נאַרט דעם צווייטן מיט אַן אָדמס פּנים.

די גרויליקסטע פון קליפּות, גיהנמדיק פאַנטאַסטיש,
וואָס האָבן ערשט געהיטלערט אין דעם דייטשס מדינה,
זיינען אין מענטשפורעם געזעסן אַרום שווארצן האַס־טיש
און בלוט געזויפט ווי ביר — מיט אַ בן־אָדמדיקער מינע.

ווער קאָן די צאָל פון מענטש־פאַרשטעלטע רוחות, וואָס עקסטאַזיק
פּראַווען זיי שוואַרץ־חתונות אין שוים פון תהומא־רבא,
און זיינען דאָ בר־נש, און דאָרטן — אָפּגרונטיקע זשאַבע?

ווער ווייס ווער אַלץ סע רופט זיך מענטש! אַ פּחדימדיקער מזיק,
אַן ערב־רב־פאַרשלעפּעניש, אַ שרצדיקע פּגע,
קאָן זיצן ביי דיין טיש און הייסן דיין קאָלעגע.

## סאָנעט וועגן השארת־הנפש דורך שרעק

שרעק לייזט מיך אויס! ביי נאַכט, ווען ס׳צאַפּט דאָס בלוט מיר אַ קאָשמאַר
און ס׳גיט אַ מאָנסטער זיך אַ הייב, דעם קאָפּ מיר גרייט צו שמעטערן,
אין יענער רגע וועקט די שרעק מיך אויף, די רעטערין.
זי כאַפּט מיך צו און מאַכט די נאַכט־קליפּה צו נאַר.

קאָן זיין, אַז פּונקט אַזוי וועט שרעק מיך ראַטעווען פון גזר
אין עקסיסטענצן שפּעטערדיקע, בעת אַ מאָנסטערשער געפאַר,
ווען ס׳וועט אַ לעבן אַנהייבן סאַדיסטיש מיר צו דראָען.

איידער ס׳וועט מיך דורס׳ן צעיושעטער שגעון,
אין לעצטער רגע — וועט זי מיך אַ כאַפּ־טאָן און מיט מיר
אַריין אין נייער עקסיסטענץ ווי אין אַן אויפגעפּראַלטער טיר.

אַזוי וועט זי מיר טירן תמיד עפענען און טויערן
(אַ, די נאַטור — ווי טייוולדיק־סאַדיסטיש זי נאַטורט!),
און כ׳וועל דורך איר, דער שרעק, כּסדר ווּיסן פון געבורט,
און כ׳וועל דורך איר, דער שרעק, אין אייביקייט געדויערן.

## איך האָב אויך פאַר דיר
## נישט קיין נאָמען

פאַראַן ביי וואַרשאַווסקין אַ ליד,
אַלטמאָדיש און סענטימענטאַל.
אַן איינצעלנע שורה אין ליד
גייט אויף מיט דעם קלאַנג פון מעטאַל:
די וועלט האָט פאַרלוירן דעם נאָמען.

פון זינט אונדזער בראַך גייט מיר נאָך
די איינצלנע שורה אַט־די.
גייט נאָך, כאַפּט מיך אָן און דערלאַנגט
ווי גליענדיק אייזן אַ ברי:
די וועלט האָט פאַרלוירן דעם נאָמען.

ווי הייסט נאָך מאַידאַנעק די וועלט?
איך ווייס נישט, איך קאָן נישט דערגיין.
ווי הייסט נאָך מאַידאַנעק דער מענטש?
דאָס ווייס אויך דער טייוול נישט, ניין.
די פאַר האָט פאַרלוירן דעם נאָמען.

פון וואַנען וועט קומען באַשייד?
אַ נאָמען אַ נייעם ווער גיט?

ווער דו נייע וועלט, נייער מענטש,
דו ייד, נאָך־מאַידאַנעקשער ייד,
דו ייד אין אַ וועלט אָן אַ נאָמען!

ווער דו נייע וועלט, נייער מענטש...
נאָר קאַנסטו? אַז ווײ און אַז אָך!
דו האַנדלסט מיט אַש פון דיין פאָלק,
פאַרוואַנדלסט אין גראַשנס די בראָך.
איך האָב אויך פאַר דיר נישט קיין נאָמען!

## הינערפלעט

(דעם אָנדענק פון אַ וואַרשעווער שרייבער, אַ פּליט,
וואָס איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק)

אַ פּנים, צו ווײַס און צו גרויס,
פאַרזינקט
כּסדר אין קישן,
אין הינערפלעט,
אין מטושטש׳ע געמישן.
שווימט אַרויס ווידער,
האָרכט ווי ס׳קלינגט
אַ זומער־פליג אַ שמאָלע
אַרום ליידיקע פלעשלעך קאָקאַ־קאָלאַ
אויפן שטויביקן טישל.
אַ קול
גיט זיך אַ קרישל
אָלט, הינערפלעטיש־פאַרשוואומען:

— ווער איז דאָס?
אַ... איר? געקומען?
וואו בין איך?

— אין ניו־יאָרק.

— כ׳האָב דען געקראָגן אַ וויזע?
געפאָרן, געפאָרן.
פאַרגעסן די וואַליזע.
פאַרגעסן. ווידוי.
גרינדן אַ קאָמיטעט
פאַר ווידוי. אַוודאי.
טוט עפּעס אין דעם.
ס׳ווערט שפּעט.
אַ קאָמיטעט.

דאָ איז ניו־יאָרק?
ווי הייסט איר? פאַרגעסן...
פאַראַן אַזאַ אויסדרוק...
דרוק... אויסדרוק...
גענוג געדרוקט.
וואָס איז דער אויסדרוק?
פאַרגעסן.

דאָ איז ניו־יאָרק?
נישט וואַרשע?
שאַ... שאַ... נאַלעווקעס... „מאָמענט״...
אָט איז עס...
דערקענט.
סיי־ווי־סיי, גרינדן
אַ קאָמיטעט — דאָס מוז מען.
דער קאָמיטעט זאָל צינדן
ליכט...
נאָך אַ נשמה... נאָך אַ ייִדן... ליכטיק...
ס׳איז וויכט —
וויכטיק...
ליכטיקן די נאַכט...
איר ווייסט וואו זי האַלט?
וואָס זי מאַכט?

— ווער?

— די נאַכט.

— איצט איז טאָג.
— טאָג? די נאַכט ברענט.
גאַלעווקעס. „מאָמענט”.
עס ברענט.
דייטשן... פּעסער סמאָלע...
היים.
נעמט עפּעס.
נעמט קאָקאַ-קאָלאַ.

איר הערט?
אַ לאַנגער אַפּ... אַפּלאָדיסמענט.
כ'בין געווען אַ הומאָריסט.
יידן... אַפּלאָדירט... געלאַכט...
אַפּלאָדיסמענט...
די נאַכט
ברענט.

קאַרלינסקין האָט איר געזען?
פּראָפּוס. לאַטיין.*)
אין באָברויסק
בין איך געווען קליין.
איצט וועל איך נאָך קלענער ווערן.
קלענער, קלענער — און גאָרנישט.
וואָס איז גאָרנישט?

(דאָס פּנים פֿאַרזינקט.
ווידער שווימט עס אַרויס —
צו-ווייס, צו-גרויס.

*) דער נאָמען פּראָפּוס — די ענדונג ־וס — דערוועקט די לאַטיין־אַסאָציאַציע.

די שיך ביים בעט
שטייען אויסגעשפּאַנט).

פֿאַראַן אַזאַ אויסדרוק...
דרוק... אויסדרוק...
פֿאַרגעסן...
פֿאַראַן אַזאַ וואָרט...
טור... ליטור... ליטעראַטור...
ייִדישע ליטעראַטור...
ווידוי...
ייִדיש הייסט איינזאַם.
איינזאַם הייסט תּפֿילה.
נאָר דאָ...
דאָ האָט מען אַפֿילו
די איינזאַמקייט פֿאַרמיאוסט.

טעלעפֿאָנירט... געבעטן:
נעמט אַריין אַן אַלטן הומאָריסט,
אַ פֿאַרגעסענעם וויץ,
אין מושב־זקנים.
קיינער... קיינעם...
אַ ייִדישער שרייבער
האָט נישט קיינעם.
נישטאָ פֿאַר אים אַפֿילו
קיין מושב־זקנים.
קיינעם.

גיט אַ קוק:
די שיך וואַרטן אויף פֿיס.
דער וויץ שטאַרבט.
וואָס איז מיטן קאָמיטעט?
ס'איז שפּעט.
צינדן ליכט...
נאָך אַ ייִדן... נאָך ווארשע...

ליכטיק...
ליכט...
ס'איז וויכט —
וויכטיק...

וואָס מאַכט טאָלסטאָי?
אַ גוי?
אַ גוי.
צינדן ליכט נאָך אַ ייִדן.

איך קען אייך. דערקענט.
איר הייסט דאָך אהרן.
נאָלעווקעס. „מאָמענט".
די נאַכט ברענט.
די פליג
איז שוין דאָ צוריק.
פאַראַן אַן אויסדרוק...
פאַרגעסן...
העלפט מיר אַרויס...
מיט אַ גימל...

— גאָט?

— אָט-אָט.
גאָט.
הימל.
וואָס מאַכט ער?
אַ מענטש לאַכט —
און גאָט טראַכט.
וואָס טראַכט ער?
אַז ס'איז געווען אומזיסט?
ער טראַכט.
ער לאַכט נישט.

גאָט איז נישט קיין הומאָריסט.

ער מישט זיך נישט?
ער וויל זיך נישט מישן?
פאַרוואָס?

שטיל.
דער קאָפּ ווערט ווידער פאַרזונקען אין קישן.

אויגוסט, 1951.

## צום מענטש פון מיין צייט

דו, וואָס כסדר ביסטו מטמא
די אייגענע מאַמע;
דו, וואָס דיין נשמה איז אַ גאַסנפּרוי אויף ראָגן;
דו, וואָס אַזוי לאַנג האָסטו געשלאָגן
דאָס קינד אין זיך און אַזוי לאַנג
געלאָזט טויטן קינדער אין טראַכט פון דיין ווייב,
ביזט דו האָסט קינדער גענומען וואַרפן אין אויוונס;
דו ליג אויף דעם קבר פון וועלטן און גלויבנס,
דו, וואָס דו מאַכסט די ווייטסטע שטערן קראַנק, —
גלויב מיר: ווערסט לאַנג שוין נישט טומאה׳ן.
ווערסט אויף אייביק פאַרשטומען,
ווען ס׳גיט דיך דיין אייגענער שד אַ פאַרטרייב
אַהין, אין תהום פון דעם ת נ י ן,
פונוואַנען
ס׳איז מער קיין צוריק נישט פאַראַנען.

1945.

## געשריבן אין 1946

זיי זיינען אוועק,
נאָר פון יענער זייט ברעג
שיקן זיי מיר
פון מאָל צו מאָל
ס'ליכט פון אמאָל:
אין מיין שפּיטאָל
נעמט בלאַנקען.

ס'ליכט פון אמאָל
גיט אַ בלענד ווי קרישטאָל
אין דעם שפּיטאָל
פון מיין צאַנקען.

אצינד בין איך קראַנק,
נאָר ס'דויערט נישט לאַנג
און כ'וועל קומען צו די,
וואָס שיקן ס'געשאַנק,
און זיי דאַנקען.

## צלם אלהים

ווען איך באַקלער, וואָס מענטשן, ברואים פון מיין מין,
האָבן געטאָן צו די מיליאָנען פון מיין אַלטן שטאַם,
ווי עפּעס אַ דייטש-קין מיט אַ פּרצוף פון אַ שפּין
האָט מיט איין שאָקל פון אַ פינגער דיך פאַרמשפּט אויפן פלאַם, —
עסט מיך די חרפה, וואָס כ'געהער צום נחש'ס זין,
חוה'ס ממזרים (ס'קאָכט אין זיי דער סם
פון טאַטן זייערן), און כ'שעלט דעם פּרו-ורבו.

נאָר ווען איך גיב אַ טראַכט, אַז דו, אויך דו,
פּרוי-געוואָרענע תּפארת פון אַ כּרוב,
ביסט מענטש געווען, געהאַט אַ מענטשנס גוף, —

גיט פון דיין אַנדענק אַזאַ ליכט צו מיר אַ שווים,
אַז כ'הויב ווי קינדער טיף פאַרוואונדערט אָן צו גאַפן,
און ווידער זע איך אויפן מענטש דעם צלם-אלהים,
און כ'מורמל שטיל צו זיך: ויברא אלהים
את האדם — אין זיין פורעם האָט ער אים באַשאַפן.

1948.

## אַ חלום

איך שפּאַן אויף אַ מין ברעטער-גאַנג אַ לאַנגן. נאַכט איז,
און ס'וויַיט מיט ים, און מענטשן שפּאַנען, און איך שפּאַן.
און איינעם טונקל רייד איך צו אַ מיטגייער צו איינעם
און וויַיז אים אויף, אַז אַ געהיימניש איז פאַראַן
אינעם ענין פון די זעקס מיליאָן. מע זעט דעם פּשט בלויז,
נאָר זיכער שטעקט אַ סוד דאָ — און גאָטס גאַנצער פּלאַן
מוז שטעקן אין דעם סוד... און פריידיק מוז דער סוד זיין!
און אויפן וועג פאַרליר איך יענעם מאַן,
וואָס באַנומען האָט ער סיי-ווי-סיי נישט
די ווערטער מיינע. און איך שפּאַן און שפּאַן.
און איך באַשליס צו גיין ביז צו דעם סוף איין-איינער,
און זיכער בין איך: קום איך צו צום סוף — אָ, דאַן
וועט אויפגיין מיר דער סוד אַזוי, אַז איך וועל קאָנען
אין ווערטער פּשוט'ע אים זאָגן יעדן מאַן.
און כ'גיי פאָראויס און כ'הער שוין מיינע טריט בלויז.
מער שפּאַנט נישט קיינער. איך נאָר שפּאַן און שפּאַן
אין טונקלעניש. ערשט כ'פיל: פון הינטערוויילעכץ כאַפּט מיך
איינער אָן. כ'דריי אום דעם קאָפּ. ס'איז קיינער נישט פאַראַן.
ניין, פאַראַן — נאָר כ'זע נישט. כ'פיל די הענט בלויז — אייזן!
ווער קאָן דאָס פאַרט זיין? כ'פּרואוו אומזיסט זיך געבן אַ דערמאָן.
און ס'גיבן מיך אַ שלעפּ די הענט די אייזערנע צוריק-צו.
ווי איינער זאָגט: צו וויַיט נישט גיי, דו מענטש! עד כאן!

## קול און קעגן־קול

### קול

אין וועלטן, איצט נישט היגע, האָט מיין איך אַמאָל געאיכט —
ווי זיי פאַרברענט איז יענער איך, נישטאָ זיין שפור.
ווארשע איז אַ וואָרט אין אַ געדיכט,
דאָס לעבן פון מיליאָנען — בלויז ליטעראַטור.
נישט געבליבן אַפילו קיין קברים...
בלויז דער נאָך־איך מיינער קריכט
איבערן אַש פון וועלטן ווי אַ וואָרעם.

### קעגן־קול

אַ בשורה צו באַוויינער:
נישטאָ קיין טויט און אַלע וועלטן זיינען הי.
ווייל דער הי דער וואָרער איז אין אים אַליין נאָר,
אין זיין הײנט דעם אייביקן... אויף זיינע קני
האַלט ער אַלע קינדערלעך — אויך דיין בן־יחיד...
פאַרברענט, אָבער נישט טויט! וואָס קאָנסטו ויסן,
ווי טיף ער האָט די בראָך
פאַר׳ברכה׳ט?

## די צוקונפטיקע מלכים פון ירושלים

מיר זיינען צו קבר ישראל נישט געקומען,
נישט געקומען.
ברענען מיר אין דער וועלטס פאַרבאָרגענע אַרומען,
אין דער וועלטס אַרומען.
זיי דו אונדזער קבר, אויב דאָ קאָנסט! נישט נאָר קבר —
אויך קברן און קדיש.
טו אונדז אוים דאָס פייער־קלייד, טו אָן תכריכים
און ווינטש אונדז תתחדש.

ניין, דו קאָנסט נישט... דאָס קען דאָך נישט קאָנען
א בשר-ודם!
וועלן מיר שוין ברענען אַזוי ווייטער, מיר מיליאָנען,
ביז דער פלאַם
וועט דעם חוב פון חורבן תחת חורבן
סילוק׳ן
און וועט עשו׳ס הויז פון רויב
פאַרטיליקן.

ערשט אַז דאָס הויז פון רויב וועט זיין צו אַש,
וועלן מיר זיך שטעלן בויען,
מיר מענער, קינדער, פרויען,
ס׳בית-המקדש פון פייער
מיט זיין נייעם, פייערדיקן קודש-הקדשים,
ס׳הויז פון דעם נייעם באַשאַף...
מיר, די זעקס-מיליאָניקייט, אנשים, נשים
וטף —
די קרבנות פון אַלטן באַשאַף
און די הארן פון נייעם!
מיר, די צוקונפטיקע מלכים פון ירושלים!

## די מושיעים

איך האָב געוואַנדערט איבער דעם בית-עולם פון אַ פאָלק,
אָן אַש-בית-עולם, אָן מצבות, אָן תנצב״ה׳ס,
און ס׳האָט מיך געטראָפן אחרית׳דיקע עצבות,
און מיך געפירט אַהין, וואו לעצטע נאַכט איז,
און כ׳בין געשלאָפן אין שאול-תחתית.
און ס׳איז אַרויס אַ קול און מיך געהייסן זוכן אויפן דנאָ
פאַרלוירענע עיקר שכחתי׳ם —
און צונויפשטעלן פון זיי אַ נייעם יאָ.

און ס׳האָט דאָס קול געררעדט: ושבו בנים לגבולם —
אין סוד פון גלגולים,
דורך הייליקע כראָמאָזאָמען,
וועלן די פאַרלוירענע מיליאָנען
זיך אומקערן, זיך אומוואַנדלען אין נייע ייִדן,
וואָס וועלן גאַנץ מאַכן גאָט׳ס כּיסא און זיין נאָמען.
ס׳וועלן קומען די מושיעים,
וואָס וועלן פּלעטן דעם קאָפּ פון נחש־עקלתון:
אויף אַ בראָך־און־וויי־סוף
וועלן זיי פאַרמשפּט׳ן דעם באַרג פון עשו —
און וועלן פאַרענטפערן אַלע פאַרוואָסן.

## אין טאָג פון זיין ווערן
## אַ בן־חמישים

מיט יאָרן צוריק אין וואַרשע, אויף שליסקע צי אויף שיעננע,
האָט ער וויסן נישט געקאָנט,
אַז אין יאָר דעם און דעם וועט ער זיצן אין צענטער
פון מאַנהעטן און דאָרט טראַכטן
פון זיין וועלט דער פאַרברענטער,
פון איר געקראַכטן,
אין אַש פאַרלוירענעם האָריזאָנט.

ווי ער האָט עס דענסטמאָל וויסן נישט געקאָנט,
אַזוי קאָן ער איצטער נישט וויסן,
אין וועלכער נישט־ערדישער שטאָט ער וועט זיצן,
פון וואָס ער וועט טראַכטן
און וואָס פאַר אַ ווערזנס ער וועט קענען,
ווען אויך זיין וועלט די איצטיקע, וואָס איז אַ נאָך־וועלט,
וועט מען פאַרברענען —
ווען דער טויט וועט זי פאַרברענען.

סיון, 1948.

# אַ ניגון, פון טאַטן געהערט

זינג איך אַ ניגון, פון טאַטן געהערט...
זינג איך חבדיש:
השם אלקיכם, השם אלקיכם
אמת...
איז עס אַ קדיש
נאָך אַ וועלט, וואָס וועט מער שוין נישט וועלטן?

נישט אמת!
אין אָט דעם געזאַנג דעם חבד'ער
קומט דער אמת אַרויס אַזאַ אדיר,
אַז אַן אמת אַזאַ מוז פאַרגעלטן
אַפילו פאַר מאַידאַנעקס, פאַר טרעבלינקעס...

פאַרגעלטן — ווי אַזוי?
איך ווייס נישט. דאָס ווייס נאָר דער אמת.

זינג איך ס'געזאַנג און פאַרזינק עס
טיף אין זיך — נעם עס
אין מיין תמצית אַריין און באַנעם עס:
השם איז —
אמת!
וויבאַלד, ווידער, אמת —
מוז ער דאָך, מוז ער
דעם חשבון באַצאָלן אינגאַנצן,
באַצאָלן באמת — — —
השם אלקיכם,
אוי, השם אלקיכם —
אמת!

## דיאַלאָג

**מיין עצבֿות זאָגט:**

אַמעריקע — אינגליש, ישׂראל — סאַברייִאיש.
סיי דיין יִידיש, סיי דיין העברעאיש
צאַנקען אַוועק דעם לעצטן צאַנק.
דיין דור שטאַרבט אָפּ — און ניי־ישׂראל
ווערט געבוירן אין דונער פֿון אַ טאַנק.
וואָס האָט דיין צאַנקען צו טאָן מיט טאַנקען?
דיך נאַרט אַ חלום אָן אומזיסטער:
באַגערסט אַ מדינה געגראַמט מיט שכינה.
ווער זאָל עס געבן דיר? אַ מיניסטער?

**איך ענטפֿער:**

כ׳בין כּופֿר אין טויט בכפירה גמורה.
טויט איז שקר און להד״ם.
זיינען דען טויט די זעקס מיליאָנען?
זיי זיינען אַ לעבעדיקער פֿלאַם.
עס שטאַרבט מיין דור? ס׳איז דער לעצטער צאַנק?
ניין, אין דעם איצט פֿון נצח־ישׂראל
טרעפֿן זיך אַלע: צו אים איז דער גאַנג.
זינגט נישט לוויים׳דיק אויף דער יאוש?
מ׳דאַרף קאָנען הערן זיין געזאַנג.
מיר גייען אַלע דעמזעלבן גאַנג.
און דער יִינגסטער סאַברא איז אַלט־נביאיש.

**מיין עצבֿות:**

פּוסט־פּאָעטישע פּאַוועטינע!
פֿון וואַנען ווייסטו? ס׳איז מיר דערעסן — — —

**איך:**

איך בין געשטאַנען אַמאָל ביים סיני.

**עצבות:**

איך האָב מאַידאַנעק נישט פאַרגעסן.

**איך:**

איך אויך נישט, נאַרישע חכמת!
איך זאָג נאָר: סיני און מאַידאַנעק
טרעפן זיך אין דעמזעלבן אמת.

**עצבות:**

אַז ווי צו אַן אמת, וואו ס'טרעפן זיך ביידע!
דו רעדסט ליטעראַטיק און טאַלאַנטיק.
דו באַנדאַזשירסט, זאָל נישט זיין צום גנאַי,
די קרעץ מיט ווערטער פון ראָמאַנטיק.
ס'האָט דיך דיין גאָט פון אַלע טרעפּ
געשליידערט; האָסטו זיך אַביסל
פאַרריכט, הויבסט הינקעדיק אַ פיסל
און קריכסט אויפסניי — נאָך נייע קלעפּ.

**איך:**

כ'בין נאָר אַ פאָדעם אין געוועב.
כ'האָב קבר'דיק גענומען פוילן,
ערשט כ'האָב דערהערט פון פאַרגאַזטן פוילן
דאָס קול פון קדושים. עס האָט באַפוילן:
לעב!

**עצבות:**

לעב? ביסט זיכער?
און — קריכסט צו אים אויפסניי, דו קריכער,
צום גוטן גאָט, וואָס ברענט און בראָט?

**איך:**

האָסט דען אַן אַנדער אַדרעס ווי גאָט?
צו וועמען, אַז נישט צו אים?

**עצבֿות:**

צום גאָרנישט.
קרעפּיר, דו נישט־דערקוילעט עוף!

**איך:**

ייִד און אויפֿהערן זײַנען קיין פּאָר נישט.
דער טײַטש פֿון ייִד איז: אַנטי־סוף.

**עצבֿות:**

מזל־טובֿ, האָסט געפּאַקט אַ שטרוי!
נאָר דערטרונקען ווערסטו, אַזוי צי אַזוי.

**איך:**

צום זעלבן שבת גייען די דורות,
עס זינגען מאמין און אַפּיקורס:
לכו נרננה לאדני.

**עצבֿות:**

אַ זינג־טאָן וועט די אַטאָמישע באָמבע!
דערנאָך —

**איך:**

וועט ווידער ווערן פֿרי.
ס׳וועט אַ לעצטער ייִד פֿון אַ קאַטאַקאָמבע
אַרויס און אויסרופֿן: י ה י!

.1950

# תפילה קודם התפילה

דו ביסט דער פּשוטער גאָט.
דו ביסט דער וועלטס באַשייד —
און אַ באַשייד איז פּשוט.
צו דיר — די דאָזיקע רייד.
אַלץ שנעלער לויפן יאָרן
און באַלד וועט ווערן שפּעט.
כ׳זאָל זוכה זיין צו תּפילה —
אָט דאָס איז מיין געבעט.
פאַרלירן זאָל איך ס׳וויסן,
וואָס ווייס נישט סיי־ווי־סיי,
און אויפהערן זאָל איך פאַרשן:
נאָכוואָס און הלמאי?
דער וויטיק מיינער זאָל שווייגן
ווי עס שווייגט אַ פאַרשולדיקט קינד.
כ׳זאָל דעם סוד פון מאַידאַנעק נישט זוכן —
אויך דאָס איז העזה און זינד.
אין מיין טרער זאָל אַריין הכנעה:
אויך אַ טרער קאָן ווערן פרעך.
די קראַפט נישט צו פרעגן שענק מיר,
די גאווה פון עצבות ברעך!
מיין מדבר — מיט תּפילה פיל אים.
כ׳זאָל זוכה זיין זאָגן תּהלים.
תּפילה איז פאַר אַ ייִד,
קונסט — פאַר עובדי־אלילים.

ערב סוכות, 1948.

# אני מאמין

זאָל איך גלייבן אין שפּינאָזעס געאָמעטערדיקן געץ,
אַ גאָט, וואָס קאָן נישט ענדערן זיין אייגענעם באַשאַף,
אַ גאָט, וואָס איז ביים אייגענעם געזעץ
אַ נעבעכדיקער שקלאַף,
אַ גאָט אָן גרוילן און אָן נסים,
אַ גאָט אַ קאַלטער אַפּיקורס,
אַ ווייטער פעטער, וואָס וויל מיך נישט קענען,
וואָס פון זיינעטוועגן מעג איך ברענען
אויף אַלע פייערן עד סוף כל הדורות?
אַ גאָט אַ בעל־חשבון, וואָס ווען איך פאַרגיי
גרייכט נישט צו אים מיין געשריי;
אַ גאָט, וואָס זיינע מלאכים זיינען ציפערן;
אַ גאָט, וואָס איידער אין אים
וואָלט איך ליבערשט געגלויבט אין לוציפערן?

צי אפשר זאָל איך גלייבן אין דעם אויסלייזער, וואָס לייזט נישט אויס,
דעם אויסגעטראַכטן גאָט, וואָס באַמבלט זיך אויף אַלע צלמים,
דער עבודה־זרה, וואָס פאַרגיט פּ אַ ר ו י ס
גילוי־עריות און שפיכות־דמים?
זאָל איך גלייבן אין דעם גאָט פון קלויסטערדיקע גלעקער,
וואָס די פינצטערע פאַנטאַזיע פון סאַדיסטן
האָט אויסגעבלוטיקט אים אומיסטן,
כּדי צו פּייניקן מיין אמת מיט זיין שקר?

נישט די לעגענדע פון דעם גאָט, וואָס איז געוואָרן מענטש,
נישט די בלוט־מעשה מכּוח דעם געשלאַכטן, —
נישט דאָס איז וועלט־זינד און נישט דאָס איז העכסטער סוד
פון אָט דעם עולם־תחתון.
אָן אמת ווייס איך, וואָס איז זעקס מיליאָן מאָל גרויליקער
און זעקס מיליאָן מאָל סודיקער: די וואָר וועגן דעם ט י י ו ו ל,
וואָס איז געוואָרן מענטש, געווען מיט אונדז דאָ אויף דער ערד,

געוועזן געזען, געוועזן געהערט,
און — געשלאָגט אַ פאַלק, פאַרקוילט עס און פאַרגאַזט עס!
די בעלעטריסטישע מיסטעריע פון דעם קריסט —
וואָס איז זי קעגן אַט דעם סוד, וואָס איז געשען בפשטות?

אָ, די כּלומרשטיקע געטער!
זיי — און די אַנדערע שאַטנס, די איזמען!
פוסטער ווי תּמיד קלינגט מיר זייער פּזמון
אַצינד, נאָכן צעשמעטער.
אין וועמען קאָן איך גלייבן,
אַז נישט אין אים, מיין לעבעדיקן גאָט פון קאַטאַקליזמען,
פון אָפענע נקמות און באַהאַלטענע נחמות?
וואָס מען איז — דאָס איז מען:
כ'בין ייִד, ווי ער איז גאָט.

האָב איך דען אַ ברירה, נישט צו גלייבן
אין יענעם לעבעדיקן גאָט, וואָס טויט מיך צוליב צוועקן,
וואָס כ'קאָן זיי נישט אַנטדעקן,
און נאָכדעם ווי ער מאַכט מיין לייב צו אַש —
נעמט ער מיך ווידער וועקן?
און ווער איך שטורעם קעגן אים און בונט, —
איז ער דער, וואָס בלוטיקט אין מיין וואונד,
און מיינע וויי־געשרייען זיינען זיינע שבחים.
נישט ווילנדיק באַשטעטיקט אים מיין פּיין:
ווער וועט זיך בונטעווען אַקעגן בלייבע ייִדן?
און ווער וועט ברויזן
אַנטקעגן דעם נישט־זייענדיקן זיין
פון אַ שפּינאָזע־גאָט אַ נישט־שלעכטן און נישט־גוטן,
וואָס שלאָפט באַרוט אין שטאַרע אַטריבוטן?

און נאָך אַ מאָל און ווידער:
אפילו איצט — צי האָב איך דען אַ ברירה
נישט צו גלייבן אין דעם גאָט פון תהלים און פון סידור,

אַז נאָר צו אים אַליין, צו אים אַליין
קאָן איך שרייען דאָס געשריי פון אַלע מיינע גלידער?
דווקא ווייל ער לעבט און ווייל ער וויל,
ווייל ער שלאָפט נישט אין געזעץ דעם שטייפן,
קאָן איך זיינע מעשים נישט באַגרייפן —
און מיין נישט-באַגרייפן איז אַ ראיה, אַז ער איז.
ס'ליגט מיין אַש צו זיינע פּיס.

אני מאמין — איך גלייב, אַז דאָס גיט ער
מיר גיהינומס נישט-געדאַכטע,
ווייל ערגעץ היט ער
נישט געדאַכטע גן-עדנס פאַר זיינע געשלאַכטע.

אני מאמין — איך גלייב:
מיט מיר צוזאַמען ליידט ער.
שריי איך קעגן אים —
מיט מיר צוזאַמען שרייט ער.
ער וויל מיך לייטערן אַ גרויס געלייטער.
ער, וואָס הייסט דעם משחית אָנצינדן מיין שייטער,
וויל מיך לוינען און באַקרוינען
מיט די פינקלדיקסטע כתרים.
ער וועט מיך הייבן איבער אַלע זיינע שרים
פון וועגן מיין גלייבן אין אים אַפילו
נאָך מיליאָנען עקדות
פון טאַטעס, אייניקלעך און זיידעס,
עקידות אָן מלאך, אָן ווידער.

דער גאָט דער אומבאַגרייפלעכער פון תהלים
מאַכט, עס זאָל נאַכט ווערן,
און לאָזט מיך געשלאַכט ווערן;
דערנאָך הייסט ער אויפשטיין ווידער.
— צי איך וויל נישט, צי איך וויל אים
זיינע עקספּערימענטן

פירט ער דורך דורך מיר,
דעם אייביק געברענטן.
קיינעם לאָזט ער נישט אַזוי אונטערגיין ווי מיך
און קיינעם טוט ער נישט אַזוי אין פייער מאָדעלירן;
קיינעם וויל ער נישט אַזוי געפינען;
קיינעם טוט ער נישט אַזוי פאַרלירן.
אויך איך געפין אים און פאַרליר אים —
פאַרליר אים און געפין אים —
אָ, רצוא־ושוב פון חסדים און פון דינים!
איכה און שיר השירים!

ווער איז ווי מיין גאָט וואולקאַניק?
אָט איז ער סיני צו מיר,
און אָט — מיידאַנעק.
און מעג איך ווי רעוואָלטירן
און מעג איך ווי מיד זיין —
מוז איך ייִד זיין.
מיר קאָנען זיך ביידע נישט אָפּלאָזן,
נישט ער מיך, נישט איך אים.
זאָג: ישראל, — זאָגסטו: אלהים.
און פאַל איך אונטער זיינע הענט —
קומט דעם חלום פון קץ און זינגט מיר אַ טרייסט:
שוין נענטער ווי ווייטער! דו גייסט
צום טאָג פון זיין לעצטן עקספּערימענט.

אני מאמין — איך גלייב אין דער טרייסט:
פון די עקספּערימענטן איבער מיר,
עקספּערימענטן אין פייער,
וועט אַרויס וואָס ער דאַרף —
אַ בראשית אַ נייער.

אני מאמין — איך גלייב:
צוליב מיר, דער שארית ישראל,

ווען דער גאָט פֿון ישׂראל,
ווען ס'וועט אָנהייבן קצ'ן,
איבערפֿורעמען די קרעאַטור,
שמידן נישט־געוועזענע געזעצן.
צו זײַן רעכטער האַנט וועט ער מיך זעצן.
און מײַן דערלייזער וועט אין שטויב
צעטרעטן אַלע געצן.

*ניו־יאָרק, תש״ת.*

# ישראל

# געשריבן אין ניו־יאָרק בעת די שלאַכטן אין נגב

## I

עשו האָט געלעסטערט
און יעקב האָט געלויבט.
עשו האָט געמערדערט
און יעקב האָט געגלויבט.
יעקב האָט געגעטליכט
אין א וועלט פון מאָרד,
האָט געפסקנט עשו:
אין אויוון איז דיין אָרט.

שפּילט מיר מיין מפּלה
אויפן מיטן גאַס,
שגעון מיטן פידל,
יאוש מיטן באַס!

## II

פייער קעגן פייער,
קראַך אקעגן קראַך.
אונדזער נייעם ענטפער
דונערט דער פּלמ״ח.
פאַר דער וועלטס מיידאַנעקס
צאָלן מיר מיט פלאַם,
און אַז מע וועט דאַרפן —
צינדן מיר דעם ים!

שפּילט דאָס נייע לידל,
שפּילט עס מיט א ברען,
גאולה מיטן פידל,
גבורה מיטן סטען!

1948.

# ליד צום סאַבראַ

פאַרנעם!
כאָטש אין ישראל׳ס ספר־הדורות
בין איך אַ נקודה אָן פאַרנעם,
ווערט מיין זאָג דיר געזאָגט
אין נאָמען פון אַ צוויי־טויזנטיעריקער קלעם,
אין נאָמען פון פאַרפייניקטער קדושה,
וואָס איז דיין ירושה
און דיין שורש.
מעגסט ווען צי נישט — ביסט יורש.
מתקן־זיין דאַרפסטו די טרערן,
וואָס דורות האָבן פאַרגאָסן
דורך תיקון־חצות׳ן.
אַ זין דאַרפסטו געבן דעם בלוט, וואָס האָט זיך געגאָסן
צוויי טויזנט יאָר
און — זעקס מיליאָן מאָל הארבער —
אַ זין די מאַידאַנקעס, אַ זין די טרעבלינקעס.
ס׳דערלאַנגען דיר דורות אַ ווײַן איבער ווײנען,
אַ טונקל געטראַנק פון יידישע פײַנען —
קער נישט דעם קאָפּ אַוועק! טרינק עס!

דאָס אוראַלטע געטראַנק, דאָס שווערע געשאַנק,
וואו יעדער טראָפּן וויל תיקון,
ווײסטו עס אָפּשטויסן, קינד פון ישראל׳ס פרימאָרגן?
זיי מעלה
די ניצוצות אַלע,
וואָס ליגן אין דעם ווײַן דעם טונקעלן פאַרבאָרגן!
פאַר דיר אָט דער ווײַן!
אַז נישט — טאָ פאַר וועמען?
פאַרן גלות? ניין,
ער פאַררעט זיין פאַרגאָסן בלוט,
לעסטערט זיין אייגן געוויין...

טו ד ו נישט פֿאַרשעמען
דעם טרויער!
טו אים אַריין אין דיין בנין,
בויער, דו בויער!

ס׳לאָזן דיך גריסן
די דורות הינטער מיר. זיי ווילן, דו זאָלסט וויסן,
וויפֿיל הייליקע טרערן פֿון ייִדן
סע זידן
אין די אותיות: י ש ר א ל.
נישט עשו׳ס גליקן
ווינטשן זיי דיר, נאָר דאָס גליק פֿון תּיקון,
דאָס גליק פֿן ברעכן
דעם אָרעם דעם פֿרעכן
פֿון דער קליפּת סמאל.

דאַרפֿסט זיין דער זין־געבער, דאַרפֿסט זיין דער טרייסטער.
און דערפֿאַר
מוזסטו אַריינאייביקן אין דיין טרייסט
דעם גזר, דעם קאָשמאַר — — —
ד ע ר פ א ר!

מיר האָבן צוויי יאָרטויזנטער געדענקט ירושלים
ביז מיר האָבן אויסגעבלוטיקט דיך,
דעם נייעם.
איצט ווען מיר מוזן געדענקען מאַידאַנעק.
פֿאַרגעסטו — ביסטו דער פֿאַרשווועכער פֿון א סוד
און נאָר אַן עפּיזאָד
וועט זיין די מדינה.
אין יעדער שמחה דיינער, אין דיין גרעסטער פֿרייד,
וועסטו נישט טאָרן פֿאַרגעסן די קינה,
נישט טאָרן פֿאַרגעסן די איכה.

אם אשכחך  מ אַ י ד אַ נ ע ק — תשכח ימיני!
תדבק לשוני לחכי, אם לא אזכרכי!

יענער צער,
וואָס אַז דו גיסט אים תּיקון,
היט ער דיין הויז און הייליקט די ערד —
געטרוי אים!
דער גאָט פון דיין פאָלק צעשטערט
ייִדיש גליק, ווען ס׳ווערט ענלעך צום גליק פון די גויִים.
נישט לשם אַ גליק,
וואָס איז פרעכע פאַרשווועכונג פון אומגליק,
ווערט געבוירן אַ מאַן;
נישט לשם אַזאַ גליק איז ישראל פאַראַן —
פון אַ ייִד פאָדערט גרויסקייט אפילו דער שטן!

עפּענער יונגער פון ווער־ווייסט־ס׳אַראַ תקופה!
דיינע העלע העלדישע הענט
זע איך און זאָג:
נאָך אַ זיג
איבער דער רשעות דעם שונא׳ס,
וויל איך נצחונות
איבער דעם גוי אין דעם ייִדן גופא!
איך רוף דיך צום טאָג פון גאונות!
זאָל אויפגיין פון עמק — עמקות,
און אויף אַלט, אויף אייביק, אויף טיף
זאָל געגרונטפעסטיקט זיין
תל־אָביב!
צ ו  ד ע ר  ת ו ר ה  פ ו ן  אַ  ל ע ב ן ,  ג ע ב ו י ט
א ו י ף  ד י  ס ת ר י ־ ת ו ר ה  פ ו ן  י י ִ ד י ש ן  ט ו י ט —
י ע מ ו ֹ ד !

ניו־יאָרק, 1948.

# פיגורן

# דריי גלגולים

ט׳-אַ-דאַ איז עס די רעדאַקציע?
איר זייט דאָס דער שרייבער?
האָט נישט קיין מורא: כ׳וועל אייך גאָרנישט טאָן.
כ׳בין נישט קיין סובסקרייבער.
כ׳בין נאָר געקומען דערציילן אַ פּאַסירונג,
וואָס די וועלט האָט נישט געהאַט.
שטעלט דאָס אַרויף אויפן בלאַט.
ס׳איז אַ פּאַסירונג, וואָס ווייזט,
אַז ס׳האָט קיינמאָל גאָרנישט פּאַסירט.

מ׳זאָגט, אַז כ׳בין געריכט.
נישט וויכטיק.
ס׳איז געווען, אויב כ׳דערמאָן מיך ריכטיק,
אים יאָרע... אים יאָרע...
(צי כ׳בין אַ גאַליציאַנער? אַי, זייט איר אַ שפּאַסער.
כ׳קאָן רעדן ווי אַ ליטוואַק אויך.
און ענגליש — ווי אַ וואַסער).
הכלל: ס׳אי׳ געווען מיט דריי טויזנט יאָר נאָזאַד.
צי כ׳בין געווען דערביי? פאַרשטייט זיך.
דריי טויזנט יאָר — אַט, ווי נעכטן אויף דער נאַכט.
וואָס ווייסט איר, ווי דאָס רעדל דרייט זיך.
די דאַצומאַליקע יידן, ווייסן זי,
פלעגן ברענגען קרבנות.
איז דאָרט געווען אַ יידעלע,
האָט מען אים גערופן מאַטעסל.
אַז ער האָט געברענגט אַ קרבן-חטאת,
איז עס געווען אַ קרבן-חטאתל.
ער שטייט מיר פאַר די אויגן:
הענטלעך — שפּענדעלעך, פיסעלעך — קריגעלעך.
עבירהלעך — גרויס ווי די פליגעלעך.

אַז מאַטעסל האָט געבראַכט ס׳קרבן־חטאתל,
האָב איך מיך גרויסאַרטיק אונטערהאַלטן,
זאָ וואַר איך לעבע.
(אָט שוין, שוין — כ׳וועד אויס גאַליציאַנער).
ביי די זייטן האָב איך מיך געהאַלטן.
מאַטעסל, אַ געזונט דיר אין קעפּעלע,
שוין ווידער אַן עבירהלע גרויס ווי אַ קנעפּעלע?
ווידער אַ קרבן־חטאתל?
ווילאַנג וועסטו שטאָפּן דעם כהן מיט שמאַטעס?
ווילאַנג וועסטו זיין אַ מאַטעסל?
ווער שוין אַ מאַטעס
און דערלאַנג די ריכטיקע וואַרע,
ס׳זאָל, פאַרשטייסטו מיך, געבן אַ ברי.
אויף ענגליש וואָלט דאָס געווען:
סאַמטינג סאַבסטענשל, — ס י?

אַ יידעלע קליין ווי אַ ייִנגעלע.
וואָס האָט אַזוינס געקאָנט זינדיקן?
אַ שפּרינגע־דעגינגעלע.
אַ גאַרניכטס. אַ לעקעש־בערעלע.
ביי אים אין בערדעלע
האָט געציטערט איטלעך הערעלע.
אַ שמעגעגעלע. אַן עופהלע.
ס׳האָט נעבאך געוויינט ווי אַ קינדעלע,
וואָס איך מאַך אים אויסצודרייען
מיט זיין חטאל, מיט זיין פּיצל זינדעלע.
ס׳האָט געפּאָכעט מיט אַ פויסטל אַ קליינס און אַ דאַרס.
ס׳האָט זיך נעבאך געכעסט.
וואָס ווייסט איר, ווי כ׳האָב פון דעם מאַטעס געשפּאַסט?
צער בעלי־חיים.
דאָס פויסטל דאָס דאַרע,
די פאַרוויינטע מראה,
זע איך עד־היום.

ווען וואָלט איינגעפאַלן בשעת מעשה,
אַז די מעשה —
וועל, אַז די מעשה פּאַסירט נישט?
פֿאַרלירט נישט,
אַי בעג יור פּאַרדאָן, דעם פּאָדעם.

אין צווייטן גלגול האָב איך אים געטראָפֿן
אים יאָרע... אים יאָרע...
כ׳געדענק שוין נישט אַקוראַט.
מאַטעסל, דו?
אַצינד בין איך מאַטעס.
ביסט דאָך גאָרנישט דערזועלבער! אַ יונג אַ כוואַט!
ס׳אַראַ הענט! ס׳אַראַ פֿיס!
אַ ריז!
וואָס זשע טוסטו אין געפּענקעניש?
דערהרגעט אַ מענטש.
ווער? דו?
איך.
ס׳טייטש, פֿאַרוואָס?
ווייל דו האָסט געלאַכט פֿון מיר אין ערשטן גלגול,
באשר, כ׳בין אַ שמעגעגעלע,
אַ נישטל, אַ פּגעלע,
און כ׳טו דראַבנע עבירהלעך;
כ׳בין נישט קיין מאַטעס, נאָר אַ מאַטעסל,
און כ׳ברענג נישט קיין קרבן־חטאת,
נאָר אַ קרבן־חטאתל.
בין איך אין צווייטן גלגול
אויסגעוואַקסן אַ גרויסער, אַ גרויסער,
געזינדיקט די־והותר,
און צום סוף געוואָרן אַ קין אויך.
הלוואי וואָלט איך אויסגערונען אין דער מאַמעס בויך.
און דו אויך.

אַז דו וואָלסט נישט געלאַכט פֿון מיר אין ערשטן גלגול,
וואָלט איך דאָך קיינעם נישט טייטן
אין צווייטן.

סי? ר'האָט אין צווייטן גלגול
דערלאַנגט די ריכטיקע וואָרע.
אין דריטן גלגול האָב איך אים געטראָפֿן
אים יאָרע... אים יאָרע...
וועל, נישט וויכטיק.
אָבער די מעשה איז ריכטיק,
כאָטש זי פּאַסירט נישט.
מאָטעסל, דו?
יאָ, איך.
וואָס זשע ביסטו ווידער אַזוי קליין?
ווײַ איז מיר, ביסט דאָך קליין ווי אַ יודעלע,
ווי אַ נקודהלע,
נאָך קלענער.
עפּעס זעסטו אויס — ווי אַ געדאַנק!
זיצסט שוין דאָ לאַנג?
וואָס טוסטו אויף דער קופּע שטיינער?
איך טו נישט.
וואָס זשע דען?
איך וויים.
וואָס ווייסטו?
ס'האָט מיר געזאָגט אַ בת-קול,
אַז אַלץ, וואָס טוט מכּלומפּערשט פּאַסירן,
איז אין דער אמתן נאָר אַ מוסר-השׂכּל.
אַלץ איז אַ געדאַנק, אַ משל.
דו האָסט פֿון מיר נישט געלאַכט
און איך האָב קיינעם נישט דערהרגעט.
צוליב דעם מוסר-השׂכּל האָט זיך אונדז אַזוי געדאַכט.
איך מיט דיר
זײַנען מיר אויך נישט מער ווי משלים.

װעל, כ׳האָב געפֿינישט.
אַז איך מיט אײַך, מיסטער,
זײַנען נאָר משלים,
געדאַנקען אין גאָטס ביכער,
בין איך זיכער.
אויב איר קענט, פֿאַרשרײַבט דאָס אין אַ קאָלום.
דרײַ גלגולים. פֿאַרגעסט נישט, מיסטער: דרײַ.
און איצט גײ איך מיר צוריק אַװעק אין חלום.
גוד בײַ!

## ס ע ם  ד ע ר  אַ ט ע א י ס ט

מיט װאָרילױנגישער געניטשאַפֿט פֿון אַ טעקסי־דרײַװער,
װאָס איז שױן, יו נאָו, געװען אין די שטאַטן
און איצט באַדינט ער אין האַװאַנע אַמעריקאַנער געסט,
איז ער געשטאַנען, אַ יאַט פֿון יאַטן,
אין זעקס־פֿוסיקײט פֿעסטער,
און מיט אַ ברײט־אוניװערסאַלן זשעסט
דערלאַנגט אַ פֿאַך מיט אַ סך־הכּלדיקער האַנט
איבער פֿײגל, פּאַלמענבײמער, זון, מולאַטקעס,
איבער ים און מאָראָ קאַסל:
שור איז ער נישטאָ —
מ ע  ז ע ט  ד אָ ך.

ס׳איז געװען אַקעגן דעם, װאָס עמיצער אַ פֿליט
האָט צום בורא שװערע טענות אַדרעסירט
(שױן־זשע האַלט עס בײַ מאַט?)
און אַ צװײטער האָט אים אױפֿגעװיזן אַפּיקורסיש,
אַז ס׳איז נישטאָ קײן אַדרעסאַט.

סעם האָט אַ תּוקף געגעבן דעם צװײטן.
ער האָט זיך געהױבן, דער יאַט,

אין רויט־קאַרקיקער ברייט־פּלייצעדיקער אומשולד.
שור, — האָט ער באַפּעסטיקט, —
מע זעט דאָך: נישטאָ!
וואו?
שאַ מי!
אַלבעטשיו, איר קאָנט מיר נישט צייגן.

אויפן ים וויזאַווי
האָט גאָט מיט זון־שפּיגלען געבלענדט,
געהייסן די כוואַליעס שווייגן.

## דערציילונג וועגן דר. ליינוואַנדהענדלער

דר. אַמבראָזיוש ליינוואַנדהענדלער
האָט אין אַכטן קלאַס פון קאַצנשטיינס גימנאַזיע
געלערנט לאָגיק.
אַ גרויסער קאָפּ אויף מאַריאָנעטקע־פּיסלעך,
אַ בערדל ווי אַ ליריש לידל — ווייך און קלאָגיק,
שיקלדיקע פּאַראַדאָקסן — צוויי אויגן,
און אַ קולעכל — צאַרט־שוואַלביש.

זיין מלבוש — אַרעמאַניש זויבער —
איז געווען אַ סילאָגיזם:
ליינוואַנדהענדלער איז אַ מענטש,
אַ מענטש טראָגט אַ מלבוש,
טראָגט ליינוואַנדהענדלער אַ מלבוש.

פון צו־קורצע אַרבל
האָבן פאַרשעמט אַרויסגעשטעקט די הענט
און קליינע פינגער האָבן שנעל געקלאַפּט
מיט קרייד אויף קלאַסן־טאָוולען שוואַרצע:

$$A = B$$
$$B = C$$
$$A = C$$

און ער האָט געטייטשט:
אויב אַ איז בע און בע איז צע —
איז אַ און צע דאָסזעלבע.
אַזוי איז לאָגיש געדרונגען.
קאָנסט עס נישט מאַכן אַנדערש —
האָט ער געשפּאַסט —
כאָטש ווער צעשפּרונגען.

אָבער די שיקלדיקע פּאַראַדאָקסן
האָבן זיך אָפּגערופן פון אַ זייט:
איך, לייִנוואַנדהענדלער, זע נישט,
מיט וואָס דאָס איז אַזאַ אייזערנער אמת.
אויב אַ איז בע און בע איז צע —
איז גאָר אפשר אַ קיין אַ נישט,
בע קיין בע נישט, צע קיין צע נישט.

קאַיוס איז אַ מענטש, —
האָט ער געשוואָלבט אויף אַ מיידלשן פּויליש, —
אַ מענטש איז שטערבלעך;
ערגאָ — איז דערפון געדרונגען,
אַז קאַיוס איז שטערבלעך.

אָבער די שיקלדיקע פּאַראַדאָקסן
האָבן זיך אָפּגערופן פון אַ זייט:
שטערבלעך — שמערבלעך.
איך, לייִנוואַנדהענדלער, זע נישט,
מיט וואָס דאָס איז אַזאַ אייזערנער אמת.
פונוואַנען ווייס איך, אַז קאַיוס איז אַ מענטש,
און פונוואַנען ווייס איך, אַז קאַיוס מוז שטאַרבן?

ס׳א בינטל פוסטע סכעמעס.
וואָס פאַר אַ לאָגיק איז דאָ אין לאָגיק,
אַז אָט בין איך אַ מענטש
און אַ לערער פון לאָגיק,
נאָר אָן אויסזען האָב איך פון אַ חלום מיט אַ בערדל?
און וואָס פאַר אַ לאָגיק איז דאָ אין לאָגיק,
אַז אָט האָב איך קיין ווייב נישט,
און פאַרט בין איך אַזאַ אָרעמאַן,
ווי כ׳וואָלט געגאַנגען אין שפּאַן
פון אַ ווייב מיט דרייצן קינדער.
אָט איז קאַצנשטיין דירעקטאָר פון אַ גימנאַזיע —
נו, איז ער אַ דירעקטאָר?
איז עס אַ גימנאַזיע?
אַ באַלאַגאַן!
אַזיע!
און וואָס צאָלט ער? אַ קרענק...
לאָגיק!
מכלומרשט אייזן — האָ?
וואָגיק?
און ס׳צערינט צווישן די פינגער!
וואָס פאַר אַ לאָגיק איז דאָ אין לאָגיק,
אַז אָט בין איך אַן עקס-בית-מדרשניק, אַ לערן-בחור
פון אָרום לוקעוו,
באַיניש דער זון פון רב יוקעוו,*)
און איך בין אַ פּאָליאַק פון משהס אמונה —
דר. אַמבראָזיוש ליינוואַנדהענדלער.
און אָט בין איך אַ מאַנספּאַרשוין,
קאַיום אַ מענטש,
נאָר מיין קול איז נישט קיין מאַסקולינער.
וואָלטן דאָך ווייבער געדאַרפט מיך אַריינגעמען
אין זייער חברה,

---

*) פאַרצויגן פון יעקב.

ערשט זיי לויפן פון מיר ווי דערשראָקענע הינער.
לאָגיק!

אזוי האָבן די אויגן געשיקלט פון דער זייט,
און דאָס בערדל איז געהאַנגען ווייך און קלאָגיק,
און די קליינע פינגער האָבן שנעל געקלאַפּט
מיט קרייד אויף אומעטיקן טאָוול.

ביז איינמאָל (ס'איז געווען פאַרנאַכטיק,
נאָר דער פאַרנאַכט האָט געבלויט פאַרטאָגיק)
האָט זיך איבערגעשניטן דעם האַלדז
דער לערער פון לאָגיק.
און ס'איז געשטאַנען אין אָרטיקן בלאַט,
אַז דר. אַמבראָזיוש ליינוואַנדהענדלער,
וואָס האָט זיין לעבן טראַגיש פאַרענדיקט,
האָט נאָכן קריגן זיין דאָקטאָראַט
געווידמעט זיך דער פאַרשפּרייטונג פון לאָגיק
און אַז זיין טויט איז אַ קלאַפּ
פאַר דער פּעדאַגאָגיק.

דעם דאָזיקן נעקראָלאָג
האָט דר. אַמבראָזיוש ליינוואַנדהענדלער
געלייענט נאָכן טויט.
איך זע, —
האָט ער גערעדט צו זיך, —
אַז אַ איז טאַקע נישט אַ געווען
און בע נישט בע.
און איך זע,
אַז קאָיום איז נישט געשטאָרבן.

און כאָטש ער איז געווען אויף יענער וועלט,
איז ער צוגלייך געווען אין לוקעוו,

און אַז ער האָט געוואָלט — איז ער צוריק געווען באַיניש
דער זון פון רב יוקעוו,
און אַז ער האָט געוואָלט — איז ער געפלויגן ווי אַ מלאך,
און אַז ער האָט געוואָלט — איז ער געוואָרן זיין געשטאַלט׳ס
איבער־געשטאַלט... און ער האָט געזאָגט:
קאַיום איז נישט קיין מענטש —
קאַיום איז אַלץ.

## פ י ט

אָרט: צווייטע עווענױ — אין יאַנקלס לאַנטשאָנעטל.
צייט: אַ מיטן־ווינטערדיקער אָוונט
אין אַ יאָר פון צווייטן וועלטקריג. מידער שניי
ישובט זיך, צי זאָל ער פאַלן נאָך אביסל
אָדער נישט: זיין־אָדער־נישט־זיין פון אַ שניי.

פיט, אַן אַלטער באָם אין אַ צעוואַלגערטן צילינדער,
איז אַהער פאַרקראָכן פון דער באַוערי.
ער איז געוואָרן פילאָזאָפיש יענעם אָוונט
און איז צוגעשטאַנען מיט אַ הארבער קשיא:
ווי קומט עס, וואָס עס פאַלן אויף די שלאַכטפעלדער די בעסטע,
די שענסטע און די שטאַרקסטע יונגעלייט,
בעת איך, אַן אַלטער קאַקראָטש, קריך אַרום — און גאַרנישט?
זאָל מען זאָגן, אַז דער טויט איז אַ מין אויסצייכנונג אַזאַ,
און אַז לעבן איז אַ לײַזיקער, אַן עיפּושדיקער עניַן, —
לאַוזי, יעס סער, ענד סטינקי, —
נוט נאָר פאַר אַ גאָט־פאַרדאַמטן באָם ווי ער?

וועל, וואָס זאָגסטו, מאַדהער? — ווענדט זיך פיט צו איר,
צו דער זשוואַווער קליינער באַלעבאָסטע,
דער יאַנקעליכע. אָבער ווער האָט קאָפּ
צום געפּרעפּל פון אַן אַלטן שכּור?

קיין ענטפער נישט געקראָגן פון דער באַלעבאָסטע,
האָט פּיט געווענדט זיך צו אַ גאַסט — אַ ברייטער מיסים,
וואָס האָט געשטופּט אין מויל אַ לעפּל נאָך אַ לעפּל.
זאָגט מיר, פיינע לעידי, גיט מיר צו פאַרשטיין:
ווי קומט עס, וואָס עס פאַלן אויף די שלאַכטפעלדער די בעסטע,
בעת איך, אַן אַלטער קאַקראָטש, קריך אַרום — און גאָרנישט?
זאָל מען זאָגן, אַז דער טויט איז אַ מין אויסצייכנונג אַזאַ
און אַז לעבן איז אַ שטינקעדיקער ענין, עה?
איר, אַ פיינע לעידי, מוזט דאָך זיכער
באַנעמען די פילאָסאָפי אָוו לאַיף
(אַ בפירושע ציטאַט; אַזוי האָט פּיט געזאָגט:
פילאָסאָפי אָוו לאַיף — די פילאָזאָפיע פונעם לעבן) —
מוזט איר דאָך געווים דעם ענטפער ווימן,
עה?...

אומבאַקוועם האָט זיך דערפילט דאָס לעפל
אויפן וועג צום מויל פון יענער ברייטער מיסים.
און אַז פּיט איז צוגעשטאַנען מיט זיין קשיא
צו אַ צווייטן גאַסט און צו אַ דריטן —
האָט די האַנט פון באַלעבאָס, פון יאַנקלען,
אים אָנגעכאַפּט ביים קאָלנער און דערלאַנגט
ווי אַ פּעקל אים אַ וואָרף דעם שניי אין פּנים,
ווי איינער זאָגט: גיי פרעג ביים ווינטער!

## חלום וועגן אַן אַלטן הומאָריסט

לעצטע נאַכט האָב איך געהאַט אַ חלום,
איז נאָכגעגאַנגען מיר זיין פּאַראַדאָקס
ביז טיף אין טאָג אַריין: עס איז אַ פרוי געגאַנגען
שפּאַצירן מיט אַן אָקס.

דער אַקס — האָב איך געוואוסט — איז מיינער אַ באַקאַנטער,
אַ ייד אַ הומאָריסט. ער איז אויף צרות,
אַן עובר-בטל, טויב און בלינדעוואַטע,
מיט אַ פּנים פון אַן אַלטן סרים.
פון זיינע וויצן לאַכט מען נישט. ער שמעקט מיט קבר.

איצט איז ער, דער אַקס דער גרויסער, רויטער, פעטער,
געגאַנגען שטאָלץ — און ס׳האָט די פרוי באַגלייט אים
מיט אַ מינע אַ קאַקעטער,
ביז ער האָט געלאָזט זי הינטער זיך
און האָט מיט גבורה
אַוועקגעשפּאַנט אַנטקעגן עפּעס
אַ שור-המועד׳יקער אַוואַנטורע.
פריילעך און פרעך האָט ער געשפּאַנט,
נאָר איך האָב גוט געוואוסט, אַז דאָס איז ער —
דער אויסגעדינטער הומאָריסט, דער עקס-טאַלאַנט,
וואָס איז אַלט און אומעטיק-צעקנוידערט,
און פון דעם נייעם וויץ זיינעם האָט מיר אין שלאָף
געשווינדערט.

## פּ אַ ר ב י י

דער איינזאַמער, וואָס גייט פאַרנאַכט שפּאַצירן,
אויפן אַקסל טראַגנדיק זיין פּאַפּוגיי,
געווען איז ער אַן איסט-סיידער אַראַטאָר
אין יאָרן לאַנג פאַריבער און פאַרביי.
מיט ווערטער אויסגעלערנטע צו פּראַלן
איז ער געוואוינט געווען דעם ערשטן מאַי
(ער פּוצט זיך נאָך ביז איצט מיט רויטע שניפּסן) —
באַגערט ער פילן ווירקלעכקייט אויפסניי.
צו צווינגען מענטשנס אויגן צו דערזען אים —
פּאַראַדירט ער מיט אַ פּאַפּוגיי.

אירעניע נישט-געוואָלטע: גרינער פּלוידער
אויפֿן אקסל פֿון פּאַרוויאַנעטער אָראַטאָריי.

דער פּאַפּוגיי איז אומעטיק ווי דער, וואָס טראָגט אים.
עס שטראָמט די גאַס, אַ מענטשן־טייך, פאַרביי,
און אָוונט איז, און נאַכטן וועט איינגיכן,
און ס׳קוקט אויף זיי נישט קיינער סיי־ווי־סיי.

## זומער־נאַכט, 1954

דושנע זומערנאַכט אין די בערג.
פֿייערפֿליגן צינדן זיך אָן
ווי מיניאַטור־עראָפּלאַנדלעך. גרילן
גרילעווען, דרילעווען מאַנאָטאָן.
פֿאַר זיין קאָטעדזש זיצט אַ מידער
מיסטער קליינפּינקל. קעגנאיבער
דרימלט זיין קאַר: נאָך אַזויפֿיל הארמידער
איז איר פֿלוצלינגע שטילקייט
געהיים ווי דער טויט.
דער מידער ביזנעסמאַן, מיסטער קליינפּינקל,
שמירט זיך מיט עפּעס די הויט
און שעלט די מאָסקיטאָס.
נאָך וואָס בייסט דאָס, נאָך וואָס פֿליט דאָס?
אויף וואָס דאַרף גאָט
אַזויפֿיל מאָסקיטאָס?

מיסטער קליינפּינקל לאָזט הערן
אַ געגעץ. ער איז מיד. ער הערט אויף צו קלערן.
אָבער מיסים קליינפּינקל, דערשראָקן פֿון צופֿיל שטערן,
טוליעט זיך צו אים מיט פּחד אַנימאַלישן,
בויגט איין דעם קאָפּ
ווי אויסצומיידן אַ קלאַפּ

און רעדט אַרוים ווי אַ מינוט פֿאַרן חלשן:
סעם — —

די ביאָלאָגישע שרעק אירע
גייט אַריבער אין עפּעס ווי קאָסמישע קלעם,
ווען זי זעט, ווי סעם
פֿאַרשטייט נישט וואָס דאָ קומט פֿאָר.
ס׳טייטש, די וועלט הענגט אויף אַ האָר:
די בלעטער זיינען פֿול מיט באַשרייבונגען פֿון אַטאָמען,
מיט באָמבעס, וואָס רייסן אויף
אין געשטאַלט פֿון קאָלאָסאַלע שוואָמען —
איינס-צוויי און דו ווערסט פֿאַרוואַנדלט אין פֿאַרע —
איז דאָס וויניק,
לויפֿן שטערן אַרום הפקר אין די נעכט
ווי אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן אויפֿגעריסן תּפֿיסות.
ביי וועמען
זאָל זי זוכן שוץ, אַז נישט ביים מאַנסביל, ביי איר סעמען?
סעם — — סעם — — —
נאָר יענער כראָפּעט שוין. זים איז
שלאָף נאָך אַ טאָג האָרעוואַניע אין ניו-יאָרק.
ער זעט נישט ווי די שטערן לויפֿן,
קומען צו אַלץ נענטער
צו זיין מיסים.

און די גרילן
דרילעווען מאַנאָטאָן, מאַנאָטאָן,
פֿאַררווישן מיט אַ כּיוון,
מ׳זאָל גאָרנישט קענען טאָן
בעת ס׳וועלן די ערד צעשטערן
די שטערן.

# די צווייטע שורה

דאַבקין דער זעצער, אַן אַלטער אַלמן,
וויל נישט גיין אויף עמעריטור.
טאַמער — מאַכט ער — ווער איך אַ יחסן
און לייג אין קימפּעט די ידים,
איז דער נאָמען מיינער נישט קלמן,
אויב ס'מאַכט מיך נישט באַלד צורעכט די הור,
וואָס די פּראָפעסער רופן זי אַן:
מאַמע־נאַטור.
וואָלט איך געגלויבט אין אַ יענער־וועלט,
איז — אדרבא, פּאַדאַוואַי!
נאָר אַזוי ווי ס'איז קאַי־און־שפּאַי,
טאַ וואָס איז דאָס איילעניש צו פּגר'ן?

דאַ אַנומלט
זיצט אַזוי דאַבקין ביי דער מאַשין.
סע רוישט, סע טומלט —
ס'איז דאָך עפּעס אַ דרוקעריי —
ערשט פּלוצים
הערט ער אַ קול אַ משונה־שטילס,
און ס'קול איז עפּעס פון־אים
און אויך מחוץ־אים:
מע מוז דיך, דאַבקין, אַריבערטראָגן!
ס'וועלן נישט העלפן קיין תירוצים.

מאַכט דאַבקין: אַ זעצער האָט אַ צונג,
און אַז אַ זעצער מאַכט אַ פּוס'ע —
איז ער קאַפּאַבל
צו נעמען די צונג און ריידן צו אותיות.
פון ווען אָבער, למשל,
האָבן עס אותיות, וואָס שטומען ווי קלעצער,

אַ מענטשנס צונג —
און טענה'ן זיך אוים מיט אַ זעצער?

שטיל האָט דאָס קול אים איבערגעשלאָגן:
דיין לעבן בין איך — און אַ לעבן
איז אַ וואָרט, וואָס ווערט
אריבערגעטראָגן.

— כ'האָב דיך אין דר'ערד, —
פרוואוט שפאסן דאָבקין (אַן אַלטער שפאסער). —
פּלוידערסט ווי אַ מאָדערנער פּראָפעסער.
ביים דיר אָפּ די צונג.

נאָר דאָ גיט דאָס הארץ אים דיבאָם אַ שפּרונג
ווי אַ משוגע־געוואָרן פערד
און אַ לייצע גיט עם אַ צי אויף צוריק
מיט גוואַלדיקער גבורה:
טפּר—רו! געגוג געשטיפּט!
ער פאַלט. ס'הארץ שטייט. אריבערגעטראָגן ווערט
זיין לעבן אין אַ צווייטער שורה —
און נײַ איז די שריפט.

# לידער לחלוטין אָן אַ סדר,
# אַלטע און נייע

## דראַמעס

אַז אַ טעאַטער־מענטש האָט ביי מיין טאַטן
אַמאָל אַ פרעג געטאָן: וואָס הערט זיך וועגן קומען אין טעאַטער?
האָבן ביים טאַטן די וויעס געגעבן אַ פלאַטער
ווי איבערגעוועקטע פייגל.
איך האָב — האָט ער געזאָגט — מיין אייגענעם טעאַטער.
ס׳האָט יענער נישט פאַרשטאַנען. איך אָבער האָב גוט
געוואוסט אויף וואָס ער איז מרמז.
איך האָב געוואוסט,
אַז ווי ער זיצט אַזוי אין זיינע דלת־אַמות,
ווערן אין אים נאָכאַנאַנד, נאָכאַנאַנד, —
— נישט געזען פון קיינעם, קיינעם נישט באַקאַנט, —
אויסגעשפּילט דראַמעס.

## צען גראָשן

גרויט ביי אַ טויער
אַ זקן — אַ שטיק טרויער,
קליין און פאַרלאָשן.
ס׳וויינט ביז איצט מיר אין אויער:
צען גראָשן — צען גראָשן — —

ס׳ברויזן אַרום אים
נאָלעווקער זאַווערוכעס —
שטייט ער און פאַרקויפט
צענגראָשעדיקע לוחות.
אַ לוחל, רבֿ ייד!
וואָס פליט איר ווי אַ רוח?
שטעלט זיך אָפּ און קויפט
אַ לוחל, אַ לוח.

אַז איר זאָלט אין גוואַלד,
אין מיטן דעם האַרמידער,
ווייסן וואו איר האַלט — —
איידער איר פאַלט
און איר ווערט צעדראַשן — — — —

צען גראַשן, צען גראַשן — — — —

## שטאָט־ביבליאָטעק ניו־יאָרק

באַגלייט פון זון און טויבן,
הויב איך מיך אַרויף אויף ברייטע טרעפּ
צו גייסטער כּל־השפּראַכיקע, וואָס וואַרטן אויבן.
פון דער נידער, וואו איך שלעפּ
אַ קערפּער אַ געלאַדענעם מיט וויי,
קום איך און איך ווער אַ גייסט ווי זיי.

דעם קערפּער לאָז איך אונטן. שעהן נאָכאַנאַנד
שפּוקט ער ביי די טרעפּ אין היימלאָזיקייט גרויסער,
ציטערט טאָמער ווערט אַנטפּלעקט זיין שאַנד,
זיין אָן־נשמה׳דיקער שטאַנד, בעירום ובחוסר,
און שעפּטשעט: אָט צעגיי איך... איך צעקריך, צעקריך...

ביז איך קום אַראָפּ און טו אים אָן אויף זיך.

## ליד פון דעם בעל־סוד

מיט בלומען איז אויסגעשטערנט ס׳גראָז,
די גריל־קאַפּעליעס שפּילן.
פריילעכע פלאַטערלעך טאַנצן אויס
די זוניקסטע קאַדרילן.

גאָט, דיינע קינדער פרעגן נישט
נאָך דיינע ווייטע צילן.
זיי פאָרשן נישט ווי עס דרייען זיך
די רעדער אין דיינע מילן.

יונגע ליכטיקייט, פרישער פשט —
פאַרהוילן שווייגן די היילן.
די אַלטע ווינטערס ליגן טויט,
זיי ווילן גאָרנישט דערציילן.

בלויז איך פרעג קשיות אויף דעם פשט
פון געטלעכע פּאַעמעס,
און, צו געפינען דעם באַשייד,
פאָרש איך סוד און רמז.

און איך ווייס, איך ווייס, אַ גאָט:
ווילסט אומשולד בלויז און גלויבן.
דיר איז נישט ניחא דער בעל־סוד,
וואָס פּרואווט דעם שלייער הויבן.

נאָר בליקן, בליקן מוז איך טיף
ביז אויגן קריגן איך שטאַרע,
ביז דו נעמסט און מעקסט מיך אָפּ
ווי אַ ווינט אַ כמאַרע.

## וואָס קומט דעם בוים דעם נאַקעטן צו־חלום...

וואָס קומט דעם בוים דעם נאַקעטן צו־חלום,
ווען קראָען פּראַווען חגא און עס שמייסט
זיין לייב אַ כאַפּטע ווינטן־מזוולים?
צי ווייזט זיך אים דעם זומערס שפּוקנדיקער גייסט —

און גאַרנישט מער: אַ פריער אָן אַ שפּעטער?
און אפשר פילט ער נישט דיווילדע שמיץ,
ווען ס׳ברילט איין ווינט צום אַנדערן: „פּאַרטיליק״,
ווייל ס׳יונגע לעבן־נאָכן־שטאַרבן זעט ער,
ווייס טויטערהייט אַ קומענדיקן פרילינג?
זעט ער באַצייטנס שוין אָן ערשטן בליץ,
אַ בשורהדיקן פלוצלינגן באַזונער
פון וואָלקן־קברים, און נאָך אים, דעם בליץ,
הערט ער דעם מחיה־מתימדיקן דונער?

וואָס זעט, וואָס הערט דער בוים?...

## אַ חלום דערמאָנט זיך און לאַכט

זיי זוכן איין אבידה,
זיי דאַרפן איין באַשייד,
כאָטש זיי זיינען ביידע
לאַנג, שוין לאַנג צעשיידט.

וואָס זשע טוט זיי באַנג,
וואָס ווילן זיי באַשיידן?
אַ חלום, וואָס איז לאַנג,
שוין לאַנג נשמתו עדן.

ער זיצט אין אַ גן־עדן
פון לאַנג שוין טויטע פריידן
און לאַכט ווען ער דערמאָנט זיך,
ווי ער האָט גענאַרט זיי ביידן.

# דער שטומער פויגל

אני ביער הלכתי
וקול עופות שמעתי...

שפילט אַ פויגל: פּי, פּי, פּי!
אני לדודי ודודי לי.

אַ צווייטער פויגל גיט אַ צי:
תּהילת השם ידבּר פּי.

אַ דריטער פויגל זינגט אַזוי:
בּרכי נפשי את אדני.

מאַכט אַ פערטער ווי אַן עכאָ:
אני בּצדק אחזה פניך.

שטייט אַ פינפטער אויפן צווייג,
שטייט אויפן צווייג און שווייגט אַ שווייג.

איז אים דער ניגון געוואָרן דערעסן?
האָט ער דעם פּסוק זיינעם פאַרגעסן?

די פייגל זינגען, אַרום איז זומער —
אויף וועמען וואַרט דער פויגל דער שטומער?

# כּי אַתּה עמדי

וואָרט פון תּהלים,
געפּאַנצערט אין קראַפט!
בּינד אים, שטיל אים,
מיין דולן וויי.

גם כי אלך — אויך ווען איך גיי,
בגיא צלמוות — אין טאָל צלמוות,
ווער איך געטרייסט,
ווען איך זע ווי דו גייסט
מיט מיר צוזאַמען, גאָט פון די אָבות,
און דו טיילסט מיין קלעם,
און מיר ראַנגלען זיך ביידע מיטן סמך־מם.

## דער סוד

צו נביאים אַנטפּלעקט זיך דער סוד!
נישטאָ קיין נביאים —
איז דאָ דער חכם פון דור.
גיט אַ ברי אים
דער סוד...

און איז אויך קיין חכם נישטאָ — קומט אַ חלום.
אַ מענטש דרימלט איין — רוימט איין מיטאַמאָל אים
אַ חלום
דעם סוד.

און איז עס אַ דור אָן חלומות אַפילו —
ווערט געשיקט דורך אַ סטאַיע
פון הייליקע פליער,
פון צפּרי־שמיא,
דער סוד.

אַזוי זאָגט דער זוהר.
נאָר איצט איז אַ צייט
אָן נביא, אָן חכם, אָן חלום, אָן מלאכ'שע פייגל, —

איז דער סוד אין די גאַסן אַרונטער... ער גייט און ער שרייט,
דער סוד שרייט —
נאָר ס'הערן נישט לייט.
אַזאַ איז די תקופה!
איז נישט דאָס גופא
אַ סוד?...

## פאַר זון־אַנטפּלעק

אויף זון־אַנטפּלעקונג וואַרטן מחנות בוימער,
באַפרייט פון נאַכטס מצרים, פון איר גושן.
וואַרטן אַן אַ ריר, פאַרהאַלטנדיק דעם אָטעם,
ווי אַמאָל האָבן געוואַרט ביי סיני'ס פוס די שבטים
אויף דער התגלות, אָנגעזאָגט דורך משה'ן.

## איידער נאַכט פאַלט צו

די אונטער־זון שרייט
ס'געשריי פון פאַרגיי.
אַ פויגל, וואָס כ'ווייס נישט זיין נאָמען,
וואַרפט צום געזעגן
פון פאַרגאַנג
זיין געשריי.

כ'גיי פאַרביי
און שריי אויך — — קיינער הערט נישט ווי כ'שריי
נאָך גאָט. איידער נאַכט פאַלט צו
שרייען מיר דריי:
אַ מענטש און אַ זון און אַ פויגל, וואָס כ'ווייס נישט זיין נאָמען.

## שרעק פאַר טומאה פון אַ פרוי

ווען די נאַכט פון אירע אויגן צעפּלאַצט־אויף
מיט אַ שימער אַ בלייכן,
ווייס איך: דאָס גיט זי
די שדים אַ צייכן.

די פּיס אירע — הויך ווי אַ תליה.
מיט שמינק
בלוטיקט איר ליפּ.
זי שטינקט
מיט נידה.

מענטש, זאָג וידוי.

## אַ שטערן אויף דער ערד

(אַ מאָטיוו פון שלמה אבן גבירול, וואַריאירט און איבערגעאַרבעט)

אַ שטערן אויף דער ערד? וואָס קאָן אים טויגן
די ערד? און דאָך — איר מעגט די מעשה הערן.
ווען חלום האָט באַזונפּטיקט מיינע אויגן
האָב איך ביי מיר אין האַנט דערזען אַ שטערן.
ווי אַ בריליאַנט האָט ער געצאַפּלט פריידיק.
מיין האַנט האָט אַ באַגליקטע אים געוואויגן.
נישט לאַנג! עס איז מיין האַנט געבליבן ליידיק,
ווייל איידער וואָס־און־ווען איז ער פאַרפלויגן.
איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פאַרשעמט, באַליידיקט.
נאָך וואָס איז ער געקומען? מיך צו נאַרן?
נאָר באַלד אַז אַלץ געוואָרן מיר באַשיידיקט.
דערשפּירט: זיין אָפּגלאַנץ לעבט אין מיינע צער'ן
און טרייסט מיין האַרצם באַדרענגעניש אָן־ריידיק.

## אַ דערציילונג

אויף דער גאַס אין אַ ווינקל האָט אַ מענטש געזען שטיין
אַ פרוי אַן עלטערע, דאַר באַגופט:
זי האָט געפּרוּאווט
אָנסטראַיען אַ פידל
צו שפּילן פאַר דורכגייער זונטיקדיק זאַטע.
ס׳האָט קיינער זיך נישט אומגעקוקט. אין אים בלויז האָט געוויינט.
ער האָט געזען: די פרוי איז נישט געווינט
נישט צו דער פידל און נישט צו נדבות.
ס׳האָט די פרוי
אים דערמאָנט אַ בלימל אַ צעקנייטשטס
צווישן בלעטער פון אַ בוך מיט לידער.

מיט טרויער אין די גלידער
איז דער מענטש געקומען אין זיין איינזאַם חדר.
ביי זיין זייט, ווי תמיד,
איז געזעסן די אשה־רעה:
די דין־לעפּציקע מרה שחורה.
ער האָט אויף איר געקוקט מיט מורא
און מיט הכנעה.
זי האָט געשעפּטשעט: „פאַלש איז יעדער י אַ —
ויִרא אלהים, כי רע.”

פאַר זיין אויג האָט זיך געשטעלט
די פרוי מיט דער פידל.
פאַרוואָס האָט זיין רחמנות אים נישט אָפּגעשטעלט?
רחמנות — היפּאָקריטיש לידל,
קוואַטשעריי סענטימענטאַלע!
ער איז פאַרביי פאַר איר ווי אַלע.
איז די מרה־שחורה נישט גערעכט?
שלעכט
איז דער באַשאַפונגס סאַמע שורש.

דאָ האָט זיך צערעדט אין אים אַ קול:
זאָל זיין, איך בין דעם נחש׳ס יורש.
נאָר אויב פיינט האָב איך מיין שורש,
פאַרוואָס אים נישט אויסרייסן? פאַרוואָס נישט איבעראַשן
זיך אַליין?
מיד? ס׳ווילט זיך נישט גיין?
לאָך איך פון דיר, טבע!
כ׳גיי צוריק און זוך זי אויס — —

שנעל איז געווען זיין שפּאַנען:
ער האָט פאַרכט געהאַט טאָמער געפינט ער זי נישט
אויף דעם זעלבן אָרט וואו זי איז געשטאַנען.
ער האָט זי געפונען,
איז האַסטיק צו און אויף איר האַנט דער שמאָלער
אַרויפגעלייגט זיין לעצטן טאָלער.
פון איר אויג האָט אַ געדאַנק
אַרויסגעפּלעמלט אַ דאַנק:
מענטש,
האָסט מיר צוריקגעגעבן גלויבן אין דעם מענטש.

אין זיין חדר
איז ער געזעסן און ביי זיין זייט די אשה-רעה:
די דין-לעפּציקע מרה-שחורה.
ער האָט געקוקט אויף איר אָן מורא
און אָן הכנעה:
הער! מער בין איך נישט דיין שקלאַף.
כ׳האָב געבראַכן ס׳בייז פון דעם באַשאַף.
איינעם אַ מענטש
האָט מיין טואונג באַשטעטיקט דעם מענטש
און מיר האָט מיין טואונג באַשטעטיקט גאָט:
די עקזיסטענץ
פון אַ מאַכט, וואָס שאַפט דאָס נישט-געריכטע.

## שורות געשריבן אין 1919

מיר האָבן פאַרלאָזן די שטעטלעך,
אַוועק צו דער עצבות פון שטעט,
געוואָרן גרויסשטאָטישע שרעטלעך.

ווער וויס, צי עס וואָרט נישט אויף אונדז
אין שטעטל אַ ליכט וואָס איז געטלעך?
צוריק צו די ליידיקע שטעטלעך!

קומט אפשר אַ בעש"ט אָן אַ נייער,
העל נידערט ניי־חסידות פון בערג,
צינדט ווידער דאָס גאָלדענע פייער.

## אַ ליידיקע דירה

ס'האָט מיך געצויגן זען אַ דירה,
וואו כ'האָב אַמאָל געוואוינט.
זי איז געשטאַנען ליידיק
און ס'האָט זיך איר געחלומט אַ פאַרשוין,
וואָס האָט אַמאָל דאָרט געפאַרשווינט —
איך.

שורות,
וואָס כ'האָב דאָרט געשריבן,
האָבן זיך געקליבן
אַרום די פענצטער
קופּעסוויז, ווי פייגל פאַרן אָפּפלי.

ס'איז געקראָכן
און שטיל געזאָטן
אַן אַסטראַל־גוף פון אַן אינזעקט,
וואָס כ'האָב אַמאָל צעטראָטן.

קוימקוימיקייטן כלערליי
האָבן געשטעקט
אין די ווינקלען, אין שאָטן,
ווי שטויב אונטער אַ בארשט,
מיט מייזישער שרעק
געזוכט אַ שפּאַלט צום אַנטרינען.

אַ שרעטל,
וואָס איז געלעגן נאַקעט ביי אַ וואַנט,
איז אויף מיר אַרויפגעשפּרונגען:
טאַטע, וואָס מאַכסטו?

אין מיטן צימער איז געשטאַנען אַ מחשבה.
זי איז געשטאַנען אַ פאַרלוירענע, געטראַכט
פון יענעם, וואָס האָט אַמאָל זי געטראַכט
אָט־דאָ אין אַ פאַרנאַכט:
פון מיר.

אַז זי האָט מיך דערזען,
האָט זי זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט
און מיך גענומען זידלען.
דו ביסט, — האָט זי געזאָגט, — אַ פינצטערער פאַררעטער,
אַן אַנטלויפער, אַ פאַרשווינדער,
אַ געבוירער,
וואָס לאָזט אויף הפקר זיינע קינדער.

## אַ פ אַ ר ש ר י י ב ע ר

ווען כ׳גיי אַרויס פון שטוב, קומט אָן אַ הער
און נעמט די שטוב אויף אַ פאַרהער.
אַ שטול דערציילט און עדות זאָגט אַ קישן.

א בוך נעמט מישן
די בלעטער זיינע, טייטלענדיק: אָט דאָס —
פון דאַנען ביז אַהער —
האָט ער נעכטן פאַרן שלאָפנגיין געלייענט.

יענער שרייבט. פאַרצייכנט ווערט מיין יעדער קער.

כ׳דאַנק אייך, קינדער, — זאָגט דער שטילער הער.
ער נעמט אונטערן אָרעם דעם פּאָרטפעל
און לאָזט זיך אויף שפּיץ פינגער צו דער שוועל.

צומאָרגנס קומט ער ווידער, אָט דער בעלן
אויף כלערליי דעטאַלן.
„קינדער, — זאָגט ער. — נו,
דערציילט! וואָס ווייסט איר?"
ווער, א שטייגער, האָט־אים
געשיקט — און ועמען שטעלט ער צו
די אַלע פּרטים?...

## די צווייטע

און וועלן מיר זיין שוין אויף יענער זייט,
דאָרט, אין דרויסן דעם גרויסן,
און וועסטו דאָרט טרעפן, אויף יענער זייט,
אויף יענער וועלט, אויף יענער זייט,
די ערשטע, דיין ערשטע —
צי וועסטו מיך פאַרשטויסן?...

וואָס וועסטו טאָן מיט דער צווייטער, מיט מיר?
וועסטו פאַרשטויסן מיך צוליב איר?
וועסט דאָך נישט לייגן איין קאָפּ — דיין קאָפּ —
אויף צוויי שויסן...

גייסטו צו איר, צו דער ערשטער, צוריק,
דער ערשטער, דיין ערשטער, —
וואָס וועל איך טאָן דאָרט אַליין, אָן דיר,
אין מדבר פון אייביקייט דעם גרויסן?...

## מ י ט ז י י

איך בין איינער אַליין.
אינגאַנצן אַליין.
איך האָב נישט צו וועמען צו גיין,
מיט וועמען צו ריידן.

טאָ לאָמיך גיין מיט אַ וויזיט
צו זיך אַליין.
אין זיך אַליין
וועל איך טרעפן מיין זיידן
און מיין עלטער זיידן און מיין עלטער עלטער זיידן —
ביז אָדם, ביז חוה,
ביז גן־עדן.

מיט ז י י וועל איך פאַרברענגען.
מיט ז י י וועל איך ריידן.

## א י ן ה י מ ל ע ן ד י י ן ב ע ט

ווען דו זאָלסט קאָנען הערן!
עס לאַכן שטערן
אַ פייערדיק געלעכטער,
ווען ס׳היטן וועגט דיין נאַכט־שלאָף,
די טונקעלע וועכטער.

דו מיינסט: דו שלאָפסט.
ווענט מיינען: זיי היטן.
אין קאָסמישן דרויסן,
דעם שטערנדיק צעגליטן,
זעט מען: דו קרייזסט
מיט דער ערד, דיין פּלאַנעט.
צווישן וועלטן דיין לייב און אין הימלען דיין בעט.

## ווערטער פאַר מוזיק

### I

טאָג דו שטאַרקער, טאָג דו העלער,
קום, פּראַל אויף דעם שוואַרצן קעלער,
שוואַרצן קעלער פון דער נאַכט.
שנעלער, שנעלער, —
בעטן בערג און בעטן טעלער, —
שנעלער, שנעלער
צי אַרויס אונדז פון דער נאַכט!

### II

טאָג דער שטאַרקער, טאָג דער העלער,
איז אַ מערדער, רויבער, קוועלער.
קער זיך אום צו אונדז, אַ נאַכט!
שנעלער, שנעלער, —
וויינען בערג און וויינען טעלער, —
שנעלער, שנעלער
קום, באַהאַלט אונדז פון אים, נאַכט!

## אַמעריקאַנער באַלאַדע

אַ קליינער בית-עולם ביים וועג.
גאַנצע טעג
הערן די טויטע,
ווי אויטאָ נאָך אויטאָ
ליאַרעמט פאַרביי.
זיי ווילן אַריין אין די אויטאָס און פאָרן
צוריק צו די יאָרן,
אָבער דער האָרן
בלאָזט קורץ: גוד־באַי.

אייביק לויפט אויטאָ נאָך אויטאָ פאַרביי.

## אַ כמאַרעלע

אַ כמאַרעלע אין הימלס בלויען קיילעכיקן שאַרבן —
אַ סך־הכלדיקער איינציקער געדאַנק.
דאָס האָט געטאָן אַ בליק, געטאָן אַ בלאַנק,
און איז אַוועקגעפאָרן שטאַרבן.

איצט לייכט דער בלויער שאַרבן טיף און פוסט.
וואָלט באַצייטנס יענער רעיון נישט צעפליסן,
וואָלט די ערד געלייענט אים און זיך דערוואוסט
וואָס זי קאָן נישט וויסן.

די ערד די אָנגעהיצטע ליגט פאַרשלאָפט.
אַ פראַגע הערט נישט אויף אין איר צו ווירן:
ווער קאָן מיר זאָגן, וואָס איך האָב פאַרגאַפט
און וואָס איך האָב פאַרלוירן?

## סאָנעט צום צעבראָכענעם האָלץ־מאַסט

(אויף אַ מאָטיוו פון דעם שפּאַנישן פּאָעט אַנכעל דע־סאַאַוועדראַ,
(1791—1865)

מאַסט איינזאַמער, פון דעם מאַטראָס פאַרלאָזט!
פאַרוואָרפן פוילסטו, ווי אַ טויטנס קנאָכן,
אויפן ברעג דעם זאַמדיקן, צעבראָכן
פון ווינטן און פון זייער ווילדן באָסט*).

ווי בעסער איז געווען דיר, ווען דו האָסט
געבוימט אין וואַלד, געטאָן מיט בלעטער פאָכן!
נאָך וואָס האָסטו זיך איינגעשפּאַנט אין יאָכן?
וואָס האָסטו אין מרחקים זיך געלאָזט?

האָסט זיך געוואָלט ווינטן רייצן מיט די ווינטן
און ביסט אַריינגעפאַלן צום מאַטראָס,
דו מיט דיין שטילן וואַלד־גליק דעם צעגרינטן!

נאָך וואָס ביסטו פון וואַלד, דעם וואַלד פון אָבות,
אַוועק אין ווייטן ים אַריין? נאָך וואָס?
איצט פרעסט דיך פוילעניש, ס׳טרייבט טויט מיט דיר קאַטאָוועס.

## וואונדערלעכע בלינדשאַפט

עפּילאָג צו טשאַפּלינס „סיטי־לייטס"

די בלינדע פאַרקויפערין פון בלומען —
אַז זי האָט צוריק איר ראיה באַקומען,
האָט זי דערזען, אַז איר מיליאָנער
איז אַ פּשוטער שלעפּער און גאַרנישט מער.

---

*) ביזקייט, רציחה (אין פוילישן יידיש).

האָט זי פֿאַרלוירן איר חלום דעם טייערן,
איז איר דאָס טאָג-ליכט געוואָרן בלייערן.
„ס'אַ מיליאָנער געווען, בנאמנות,
און איך בין נישט מער ווי יענעמס אַגענט", —
אַזוי האָט דער טרעמפּ מיט גרויס רחמנות
געזאָגט, איר קושנדיק די הענט.
און ער האָט איר פֿאַרזיכערט, אַז דעם מיליאָנער
שיקט ער איר צו — און אַז יעדע טרער
פֿון אירע נייע ווינער אויגן
וועט אויסקושן יענער, דער מיליאָנער.

און דערנאָך איז דער דזשענטעלמאַן, דער טרעמפּ,
אַוועק מיט דער בלום, וואָס זי האָט-אים געגעבן,
כּדי צו טרוימען אַ גאַנץ טרעמפּיש לעבן
פֿון יענער, דער פֿריערדיקער, דער ב ל י נ ד ע ר.
ער האָט אין חלום געקושט איר האַנט
און עלעגאַנט
פֿאַר איר געצויגן דעם צילינדער.

טיף אין זיך האָט ער געטראָגן
די בלינדע אויגן, די צאַרטע קינדשאַפֿט
פֿון זייער וואונדערליכער בלינדשאַפֿט,
און בויגן פֿלעגט ער זיך און נויגן
פֿאַר זיי העכסט-גליקלעך און צעטראָגן,
און תּמיד, תּמיד פֿלעגט ער זאָגן:
ווי שיין איר זייט, איר בלינדע אויגן!

## אַ פּ אָ ע ט

אין מיר איז דאָ אַזוינס, וואָס נעמט זיך אָן די קריוודע
פֿון זאַכן אָן אַ נאָמען.
איך קוק אַ ברונעם טיף אין אויג אַריין און פֿאַרש
דאָס לעבן פֿון פֿאַנטאָמען.

פון אַלטע, געלע, שטויב-געווייקטע טאָמען
צי איך טויטע ווערטער ווי פון תהומען,
און וואַלגער זיי אין ווינט און וויקל זיי אין זון,
זיי אויפסניי צו באַ'נשמה'ן.

## ווי סן דעם גאָ ר ני ש ט

אַט רוף איך אײַן זאַך שטויב, אַ צווייטע — גאָלד.
נאָר וואָס איז שטויב? וואָס גאָלד? דאָס ווייס איך נישט. אַ האָר נישט.
אַ, ווען איך וואָלט, אַנשטאָט צו וויסן גאָרנישט,
געוואוסט דעם גאָרנישט,
וואָס פון אים באַשאַפסטו שטויב און גאָלד
און אויך מיך, דעם עפּעס, וואָס וויל יענעם גאָרנישט וויסן,
און ווייס קיין זאַך נישט, ווייס אַ האָר נישט!

## ני אַ גאַ ר אַ

ס'אַראַ פאַלן און פאַלן און פאַלן און פאַלן.
ס'אַראַ בלאַנקען און בלאַנקען.
ס'אַרא אייביקע געשרייִאיקייט.

עס שרעקט דאָס אייביקע
נישט ווינציקער ווי די פאַרגייאיקייט.

(איך קען נאָר צווייאיק זײַן:
כ'וואָלט וועלן
סיי אייביק, סיי פאַרגייאיק זײַן.
ווער קאָן פאַרטראָגן
פאַרגייאיקייט אַליין אָדער בלויזע באַשטייאיקייט?)

ס'אַרא פאַלן און פאַלן און פאַלן און פאַלן.
ס'אַרא אייביקייט דו ביסט, ניאַגאַרא.
ס'אַרא איינערלייאיקייט.

## פ י ל ז ן

איך בין אַרונטער אַ מאָל אין פּילזן
צווישן אַ צוג און אַ צוג ביינאַכט
און געטרונקען אין פּילזן פּילזענער ביר.

כ׳בין ווייטער געפאָרן אין דער נאַכט
און האָב זיך געוואונדערט און האָב געטראַכט:
וואָס האָב איך אויפגעטאָן אין פּילזן
און וואָס האָט אויפגעטאָן פּילזן אין מ י ר?

צופאַל? צופאַל איז נישט פאַראַן —
אַ טייל פון אַ פּלאַן איז יעדער ריר.
היינט וואָס פאַר אַ שייכות האָט צום פּלאַן
די האַלבע שעה צווישן באַן און באַן,
דאָס טרינקען אין פּילזן פּילזענער ביר?

## נ אַ ק ע ט

נאַקעטער מענטש,
נאַקעטער ייד,
נאַקעט ווי אַ בוים אין שבט!
דיין נאַקעטער קאָפּ
מאָנט אַ של־ראש,
דיין אָרעם מאָנט אַ של־יד.

אַ פּקדון געהאַט
און אים נישט געהיט,
געהאַט און אים נישט געהיט.
וויינט אין דיר שולד,
ציטערט דיין שולד,
ייד, דו נאַקעטער ייד.

ציטערט דיין שולד,
ווײנט אין דיר שולד,
ווײנט ווי פֿאַרנאַכטצײַט אַ פּראַש...
דיין לינקער אָרעם
מאָנט אַ של־יד
און ס'מאָנט דיין קאָפּ אַ של־ראש.

## אַן איינזאַמער מענטש האָט דערציילט

אַן איינזאַמער מענטש האָט מיר דערציילט
(אין זיין אויג האָט געבלאַנדזשעט אַ דולער שימער):
איך האָב מיך אומגעקערט ביינאַכט
אַהיים אין מיין מעבלירטן צימער.
ווי נאָר כ'האָב אויפגעדרייט דאָס ליכט
האָט אַ גרויסער שטשור אַזוי ווי אַ שד
פון ערגעץ אַ שפרונג געטאָן איבערן בעט —
און באַץ אין אַ נאָרע. ס'האָט די שרעק
מער נישט געוואָלט פון מיר אַוועק.
אַז כ'האָב דערזען אויפן שטויביקן דיל
אַ בייכיקן פייערדיקן קריכער
(ער איז געקראָכן פייערלעך־שטיל
און אַזוי זיכער, אומהיימלעך זיכער),
האָט מיר די שרעק געהייסן שטעלן
מיין פוס אויף אים — און איידער ווען
איז ער געלעגן, דער שטילער קריכער,
אַן אַ ריר. כ'האָב פאַרלאָשן זיין העלן,
זיין גאָלדענעם ברען.

כ'האָב ס'ליכט פאַרדרייט און אַרויס וואָס גיכער
פון שטוב — דער קין פון אַן אינזעקט —
און ס'האָט זיך די נאַכט פאַר מיר געשטרעקט
ווי פאַר קין'ען ס'לאַנד פון נוד —

און ס׳איז מיר אָקעגנגעקומען דער טויט
אין געשטאַלט פון אַן אַלטער שכורער הור.

און דאָרט, אין שטוב, האָט מסתּם אין דער פינצטער
געטאַנצט דער שטשור.

## דאָס עסק פון דעם עלנטן בן־אדם

— וואָס טוט דער עלנטער אָדם
אויף אָט דעם עלנטן עולם?

אַזוי האָט רבֿ נחמן געפרעגט און מיט פּחדים
געזיפצט צום אָרעמיקן עולם.

און ווידער האָט דער רבי אַ זיפץ־געטאָן צום עולם
(און אַ פרייד האָט געשפּילט אין דעם זיפץ):
— אויף אָט דעם עלנטן עולם
איז דאָס עסק פון עלנטן אָדם
זייער, זייער אַ טיפס...

און אַ שמייכל האָט געטאָן דער רבי רבֿ נחמן —
און ס׳איז געווען ווי אַ שיפס
פאַראַנקער
נאָר אַ שטורעמניש אַ ווייסטער,
נאָך אַ וואָרפעניש אַ קראַנקער.

## פון נישט צייטיקער פּרוכט און פון מלאכים, וואָס זוכן אבֿידות

ס׳אַ ביטערע עבֿירה, —
האָט דער רבי ר׳ נחמן געזאָגט, —
פאַר דער צייט צו רייסן אַ פּרי.
ווער רעדט נאָך — עסן אַזאַ מין פּרי!

ס'איז ממש אַ סכנה.
זי האָט נאָך, די נישט־צייטיקע, איר כח־המושך,
ציט נאָך יניקה פון זון און פון רעגן, פון ערד און לבנה,
פון ליכט און פון חושך.
איז, אַז דו נעמסט זי, די נישט־צייטיקע, אין מויל,
קאָן זי גאָר־דיין־חיות *)
אַריינציִען אין זיך — און אַלץ ווערט הויל.
ס'נידערט פינצטערניש אויף דיינע וויעס:
די פרי איז זיך נוקם... רחמנא
ליצלן! פאַרמיידן
די בייזע סכּנה
קאָנסטו נאָר סיידן
דו ביסט ביי דער ברכה מכוון
אַ גאָר באַזונדערע כּוונה,
וואָס גיט אַ דערהויבונג די לאָו'ן.
מיטן כח פון אַזאַ כוונה
גיט מען דער פרי אַ תיקון.
מע טוט זי דערקוויקן
און מען זויגט פון איר אַרויס — א ב י ד ו ת!
נישט איין פאַרלוירענע פרייד איז
פאַרהוילן אין אַ פרי אַ נישט־צייטיקער.
אַרויסבאַקומען קאָן־עס
נאָר דער, וואָס קען די כּוונות.
וויי, ווען עס טוט דאָס אַ זייטיקער!

און נאָך האָט דער רבי רב נחמן געזאָגט:
וויבאַלד די רייד איז
מכּוח אבידות,
טאָ ווייסט, אַז ס'איז דאָ אויף אבידות אַ שר
מיט אַ סך ממונים.

---

*) לייען חיות מיט אַ חיריק אונטערן חית.

אבידות צו אַנטדעקן,
גראָבן זיי ברונים נאָך ברונים,
נישטערן אין אַלע זאַמדן, אַלע היילן, אַלע עקן.
ס׳האָט דען אַ שיעור, וויפיל מ׳פאַרלירט דורך תאוות?
אויך צדיקים, וואָס זיי אַליין העלפן זוכן אבידות,
פאַרלירן — פון צופיל התלהבות.
היינט ווי קאָן מען זיך גאָר פאַרגינען
אַזויפיל אבידות נישט צו געפינען?
זוכט מען! און אַז מע געפינט
בלאָזן די מלאכים, די געפינער, שופר,
און ווינט נאָך ווינט
לאָזט זיך אָנזאָגן די בשורה מעשה קיניגליכער לויפער.
לאָבן זונען:
„געפונען, געפונען, געפונען!
מיר זיינען די עדות, מיר זיינען די עדות”. — — —
אַנטשוויגן געוואָרן רב נחמן.
און אויסגעזען האָבן די אויגן ביי אים
ווי יענע מלאכים, וואָס זוכן אבידות.

## ת ש ע ה  ב אָ ב

ווײַנען אותיות צוויי און צוואַנציק
פונעם אַלף ביז צום תּיו.
קומט אַ ווייסע טויב צום כּותל
אין דעם ניינטן טאָג אין אָב,
ברומט איר קלאָג אין טאָג דעם ניינטן.

שלוכצט די אויבערשטע פמליא
אין דעם ניינטן טאָג אין אָב:
„האָסט געצאַרנט און פאַרטריבן —
ווען־זשע זאַמלסטו דיין שאָף?
שוואַרצע נעכטנס, ווייסטע היינטן!”...

קול ברמה! מאמע רחל
כאפט זיך אויף פון לאנגן שלאף.
פאר די קינדער בעט זי רחמים
אין דעם ניינטן טאג אין אב,
די געטרייע מאמע רחל.

און אין ארט, וואס הייסט מסתרים,
אין דעם ניינטן טאג אין אב,
בעט ביי זיך אליין דער בורא:
„מיט דיין חסד טרייב די שטראף!"
ס'בעט כביכול ביי כביכול...

## געשטאלט

כבוד אלהים הסתר דבר...

ווער זאגט דאס, אז פארעם איז גילוי?
פארעם איז דאס, וואס באהאלט.
ווען גאט האט געוואלט זיך באהאלטן,
האט ער געשאפן געשטאלט.
דער גרעסטער פון אלע געשטאלטער,
וואס מער ער זאגט אוים — מער באהאלט ער.

## ריחות

דער טראמוואי לויפט אריין
חדווהדיק-נערוועז
אין א בלויער פארשטאט,
וואס שימערט מיט בעז.
פארשוואונדן די שטאט
מיט די מויערן די ברוינע.

א מיידל שטייגט איין —
לויטער דופט און קאַליר.
לעבעדיקער בעז
דופטיקט קעגן מיר.
איז ווען־עס־איז געווען
א דופטיקייט אזוינע?

ריחות, פאַרהוילן
ביז איצט און שטום,
שווימען פון ערגעץ
א העלן תחום.
געשטאָרבן דער עסיקער,
קראַנקער פאַרפום
פון דער שטאָט דער זונה.

און ס'פליט דער טראַמוואַי
חדווהדיק־נערוועז,
אַריינצופאַלן גרייט
אין אָרעמס פון א נס.
און עס קומט מיר פאָר,
אַז איך ווער אַנטגופט,
און איך דערשפיר אַזוינס
ווי דעם ווייטן דופט
פון דער אשה העליונה.

## נו?

כ'האָב א צימער ביי יענעם. אַז איך גיי אַוועק נעם איך מיט דעם שליסל. אין צימער בלייבט די שטילקייט פאַרשלאָסן.

ביינאַכט אַז איך קום, שפּרינגט זי אויף דערפרייט. אפשר ברענג איך אַן ענטפער אויף אירע פאַרוואָסן.

זי שפרינגט אויף און קוקט מיר אין די אויגן: נו?

עט! וואו! —
גיב איך אַ מאַך מיט דער האַנט.

אויפן בעט
ליגט זי ווי אַ פויגל האַלב־דערשאָסן.

(כ׳האָב פאַר איר קיין טרייסט נישט... ווי זיפצט באָדלער?
פּאָעטן, לאָמע אַלבאַטראָסן...)

## אשרי האיש

נאָך אַלע ווייטיקן, נאָך אַלע טענות, אַלע דיאַטריבען,
נאָך אַלע קונצן פון דער כּפירה, נאָך דעם טייוולס שפּאָט און ביטול,
איז דער סך־הכּל דער, וואָס שטייט מיט אמת־רייד געשריבן
אין תּהלים, אין זיין ערשטן, גוואַלדיקן קאַפּיטל:

אַז וואויל צו דעם, וואָס איז אין ראַט פון בייזע נישט געגאַנגען,
אויפן וועג פון זינד־לייט נישט געשטאַנען און אין זיץ פון לצים נישט
געזעסן,
נייערט צו גאָטס אמת איז געוועזן זיין האַרצס פאַרלאַנגען,
האָט טאָג־ווי־נאַכט געדאַכט, גאָט׳ס וואָרט נישט צו פאַרגעסן.

ער איז געגליכן צו׳ן אַ בוים, געפּלאַנצט אויף קוואַלנדיקע בעכן,
אַ בוים, וואָס זיינע בלעטער ווייסן נישט פון וויאַנען
און צייטיק גיט ער פּרוכט. גאָר אַנדערש די, וואָס שפּאַנען
אויף וועג פון אומרעכט, אַפנאַר און פאַרברעכן.

זיי זיינען ווי דער שפּריי, וואָס ווינט וואַרפט הין־און־קריק אים.
פאַרשטעלן מעג די וועלט דעם וועג פון די צדיקים —
דער הימל זעט דעם וועג. ס׳גערעכטע האָט ממשות.
פאַרלוירן אָבער גייט דער וועג דעם רשע׳ס.

## אַ תהלים־ליד

משומרים לבקר...

ווען גליט
אין מזרח אַ רויטער פּאַס?
מיד
איז דעם וועכטערס טראָט
אויף דער פּוסטער גאַס,
אין דער שוואַרצער שטאָט.

מער ווי דער וועכטער אויף טאָג
וואַרט מיין נשמה אויף גאָט.

## אַ פרומע פּאַרצייטישע נאַכט

די נאַכט —
דורך בלויע שפּאַקולן צאַנקען
אירע אויגן. זי טראַכט
אויסגעשטערנטע געדאַנקען.

אַ ווינט מישט אויף
דעם שאָטן־סידור אויף אירע קני.
זי שעפּטשעט תפילות ביז פּאַרפרי.
זי בעט, אַז דער טאָג וואָס קומט זאָל געראָטן.
זי מורמלט: קרע שטן — — — —

## וואו?

פרעגן מיט בענקשאַפט צעברויזטער
כלים ביי אורות:
וואו הויזט ער?

פרעגן די אורות: מלאכים,
וואו דויערט ער?
זאָגט אונדז: וואו הויערט ער?

ענטפערן פרעגיק מלאכים:
דער הערליך געקרוינטער —
וואו וואוינט ער?

און ער — ער פרעגט ביי זיך גופא:
אַז איך בין דער וואו און די רו —
טאָ וואו קאָן איך רוען
און וואו קאָן איך וואוען,
וואו?...

## דער קאָצקער

דער דעקאַדענט דער גאונישער פון חסידות
האָט צוואַנציק שטומע יאָר געלעבט ביחידות,
ביז ער איז דערגאַנגען וואָס אַ י״ד איז.

ווער קאָן דערגרייכן צו די הימלען פון זיין בדידות?...

## חשכותן טיפע

הייליקע קריגער!
פון לויטערע לופטן
נידערט צו העלפן
אַ גייסט אַ באַגופטן.
קריגער איר העלע,
טוט אויף זיי קריגן,
אויף די פאַרשייטע
מחנות פון ליגן,
אויף דער חבריא

פון סיטרא דשמאלא,
שוואַרץ ווי די סמאָלע,
קאַכיק ווי סמאָלע.
צוערשט, די פאַררעטער,
האַלדזן זיי, גלעטן זיי;
שפּעטער, אַ שפּעטער —
קײַלן זיי, טרעטן זיי.
צוערשט קושט און לעקט
זייער הינטישער לעקער,
און אַז די נשמה
שטעקט שוין אין שקר —
טרעטן זיי, שלאָגן זיי
מכּות-רצח.
אין וואונדן בעט זי זיך,
חנפעט און בעט זיך,
נאָר ס׳מאַכט זיי בלויז ווילדער
איר עלנטע חניפה — — — —
אַ, דינא תּקיפא!
חשכות׳ן טיפע!

## דער פּותר

אַ וואָרצל גראָבט די ערד און וויינט.
אָרום איז נאַכט און ער איז בלינד.
וואָס האָט דאָס גראָבן פאַר אַ מיין?
דער וואָרצל וויינט. די ערד פאַרשפּינט
מיט דעמפּער חשכות זיין געיאָמער.

דער וואָרצל ווייס נישט אין דער ערד,
אַז ער, דער בלינדער, קרומער, לאָמער,
האָט איבער זיך אַ שלאַנקן בוים,
וואָס הויבט דעם קאָפּ צו העלקייט גרויסער —
אַ שטאָלצער בוים, וואָס איז דער פּותר.

## אַ ליד פון שפּיטאָל

אויף זיין קראַנקן־בעטל זיצט ער,
דער משוגענער פראַנצויז,
ליאַרעמט עפּעס אויף זיין לשון,
פאָדערט עמיצן אַרויס.

שלאַכטן פירט ער — לאַנגע, לאַנגע,
לאַנגע שלאַכטן — און ער לאַכט.
פּלוצעם האַרט ער אַ פאַרשטאַרטער.
וועט אים ענטפערן די נאַכט?

יאָ, צי ניין?...
אַרום זיין בעטל
שאַרכט די שטילקייט ווי אַ מויז.
שאַרכט און שאַרכט — און ס'בלייבט אָן ענטפער
דער משוגענער פראַנצויז.

## אייביק אין יענעם פאַרנאַכט

נישט זי אַליין האָט געשוויגן
אויף דער באַנק אין יענעם פאַרנאַכט.
דאָס האָט איר גורל געשוויגן
און מיט איר אַ טראַכטונג געטראַכט.

און איינגעוועבט איז־זי געוואָרן
גאָר טיף אין יענעם פאַרנאַכט
און צו מיינע איצטיקע יאָרן
קוקט זי פון יענעם פאַרנאַכט.

און ס'טרעפט, אַז זי קוקט מיט צאָרן,
און ס'טרעפט, אַז זי קוקט מיט פאַראַכט,

נאָר מער נאָך קוקט זי מיט טרויער
פון דאָרט, פון יענעם פאַרנאַכט.

זי קוקט אַריבער און טרויערט,
זי שווייגט אַריבער און טראַכט.
זי ווייטיקט צו מיר און דויערט
אייביק אין יענעם פאַרנאַכט.

## אָ פּ ש פּ י ג ל ו נ ג

אַלץ אויף דער ערד איז פאַרקערט און פאַרקערט,
ווייל ס׳איז־נאָר אַן אָפּשפּיגלונג אַלץ אויף דער ערד.

אַ בוים אין אָפּגעשפּיגלטער איז
דער קאַפּויר פון אַ בוים, וואָס שטייט גלייך אויף די פיס.

ווי קאָן איך זיין גליקלעך? מיין הארץ באַגערט
צום אהרן, וואָס כ׳בין זיין ק אַ פּ ו י ר אויף דער ערד.

## נ ב ו

ווען בענקשאַפט צום ק ע ג נ א י ב ע ר
גייט אויף אין מיר ציטערדיק־בלוי,
ברום איך אַן אַלטן ניגון
און פיל אַ פריידיק אין זיין „אוי".

אוי, אעברה־נא ואראה...
דאָס בעט זיך משה אַזוי...
אין שטילן זון־פאַרגאַנג שטייט ער
איינזאַם און הויך אויף נבו.

די בענקשאַפט צום קעגנאיבער
ציטערט ווי טרערן פון טוי...
אעברה נא ואראה...
אַ, ס׳לאַנד קעגנאיבער נבו!

קום צו מיר אריבער, —
רעדט ס׳קול פון אדני, —
גרייט איז מיין קעגנאיבער...
און משה שטאַרבט אויף נבו.

## צווישן צוויי אָן־אַ־שיעורן

הינטער מיר מאַרשירן
נעכטנס אָן אַ שיעור:
דעם עבר׳ס אָן־אַ־שיעורן
מאַרשירן, מאַרשירן.

מיר פאַרויס מאַרשירן
מאָרגנס אָן אַ שיעור:
דער צוקונפטס אָן־אַ־שיעור׳ן
מאַרשירן, מאַרשירן.

און איך — איך מאַרשיר
צווישן צוויי אָן־אַ־שיעור׳ן.

## די יונגפרוי אָן אויגן

**עולימתא שפירתא דלית לה עינין.**
**(זוהר)**

די יונגפרוי די שיינע,
וואָס האָט נישט קיין אויגן,
ווען ווערט זי אַ מאַמע
די וועלטן צו זויגן?

וואו איז די יונגפרוי
די שיינע געגאַנגען?
ווי לאַנג דער אַוועקגאַנג
אירער געדויערט!
וועלטן, טרויערט!
טרויערט, געזאַנגען!

די יונגפרוי די שיינע,
וואָס האָט נישט קיין אויגן,
ווען ווערט זי אַ מאַמע
די וועלטן צו זויגן?
וואו איז־זי געגאַנגען?
וואָס האָט זי אין זינען?
וויל זי אָן אויגן
די אויגן געפינען?
וויי, אויף איר לויערט
דער שלאַנג איבער שלאַנגען...
וועלטן, טרויערט!
טרויערט, געזאַנגען!

## שלאַכטפעלדער

(ר׳ נחמנס אַ תורה)

אַ מענטש ווערט אַ נזיר... ער שטעלט
אין וואַלד זיין געצעלט,
לעבט ביחידות און שפּייזט זיך מיט קרייטעכצער...
לעבט אָן אַ זייט
פון צייט און פון לייט,
פון טומל און בייטעכצער.

ערשט אין איינעם אַ טאָג — און צעאַמפּערטע אומות,
וואָס דרעמלען אין אים, דעם פאַרטראַכטן,

גייען אַרוים אויף מלחמה און מערן מהומות.
פּול ווערט דער נזיר מיט שלאַכטן.
מחנות באַפאַלן און פאַלן אין אים.

גוסס'ן מחנות אין טייכן פון בלוט,
מאַרשירן חיילות מיט ווילדער מוזיק:
ווילדער זיג,
ענלעך אויף וויסטן קאַפּוט...

נישט גוט...
דער נזיר ליידט...

לויפט ער צוריק,
פון די שלאַכטפעלדער זיינע צוריק —
צו לײַט.

## טעקסטן צו פּיקאַסאָס *LA VIE*

1

אַן אַ נאַקעטן אדם
הענגט זיך אָן, ווי אַ פּרוכט,
אַ נאַקעטע חוה:
פון קאָפּ ביז פיס — מסירת־קערפּער.

נאָר פון דערמאָנונגען אַרוים
הייבט אַ ווייז־פינגער, דערמאָן־פינגער,
דער מאַן:
ווער איז די, וואָס שטייט אַקעגן
בלוי געהילט,
אַ קינד אין אירע אָרעמס,
אַ קינד אין שלאָף?

קומט עס נישט פון יענער זייט מיין מאַמע?
אין די אָרעמס האַלט זי מיך און שווייגט,
גייט אויף ווי הימל בלוי־פאַרזאָרגטער.

## 2

— טרייב עס, דאָס געשפּענסט
פון נישט־פאַרגינערישער צניעות!
איז זי נישט געווען אַמאָל ווי איך?
האָט צו דיין טאַטן נישט באַגערט?
איז אויך איר פרייד נישט געווען
פרייד פון נאַקעטער ערד?

— כ׳בין ערד און ערד ביסט דו —
גיי איך, ערד, צו ערד.
די מאַמע טרייב!
זי שטערט.

## 3

— די מאַמע רעדט נישט, נאָר איך ווייס:
זי וויל, אויך דו
זאָלסט מאַמע ווערן.
האַלט זי אין די אָרעמס מיך:
זי וויל, דו זאָלסט אין ניי געשטאַלט
געבוירן מיך.

— וואָס אַרט מיך, וואָס דיין מאַמע וויל?
פון קבר קומט זי נישט־פאַרגינעריש און מאָנט.
כ׳וויל קיין קינד נישט, וויל נישט מאַמע זיין.
וואָס מיר קינד און וואָס מיר מאַמע?
כ׳קען נאָר דיך.

4

— כ׳וועל אַ קינד אין דיר פאַרזייִען,
און ווי די מאַמע מיינע וועסטו ווערן
הימל בלוי־פאַרזאָרגטער.

גיין וועט אונדזער זון, ווי איך אַצינד,
צו ערד צו נאַקעטער, צו ווייב,
נאָר אין מיטן יום־טוב פון זיין לייב
וועסטו אים צו־חלום קומען,
ווי די מאַמע מיינע איצט,
(דו, דער הימל, וואָס אַמאָל
האָסטו אין אָרעם אים געהאַלטן) —
און זיין חוה
וועט הייסן דיך פאַרטרייבן, דיך...

ביז אויך זי וועט ווערן מאַמע.

5

— איך פיל:
דו וועסט פון מיר צו אַ צווייטער גיין,
און איך, ווי דיין מאַמע, וועל שטיין אַליין,
אַ קינד אין די אָרעמס,
פאַרלאָזט — — —

— איך וועל פון דיר צו אַ צווייטער גיין,
און דו, ווי מיין מאַמע, וועסט הימל זיין,
און דו, ווי מיין מאַמע, וועסט שטיין אַליין,
אַ קינד אין די אָרעמס,
פאַרלאָזט.

6

צוויי פיגורן אין הינטערגרונט —
די זונה און איך.
פֿאַרייַנגעוויקלט איז אין מיר די זונה
ווי אַ שלאַנג.

שנעל וועט ווערן דערעסן די הור,
און כ׳וועל זיצן — קוק — ווי אַט די פֿיגור,
פֿאַרקנוילט טיף אין זיך, אין אייגענעם באַנג.
פֿאַרשעמט, אָן ווערטער,
וועט תּפֿילה טאָן מיין זינד
צו דיר, הימל פֿאַרשווּעכטער,
מאַמע פֿון מיין קינד!
— — — — — — — — — — — —

אייביקע מאַמע, זיי מוחל!

## דריי און אַ פּערטער

אין אַט דער לאַנדשאַפֿט וואוינען דריי באַגלייך:
אַ באַרג, אַ שטילער הימל און אַ טייך.

דעם באַרגס קאַנטורן הימלען דאָ פֿאַרנאַכט און שווימען דאָ,
ער בלויִלעכט מיט אַ לופֿטיקייט פֿון אַקוואַרעלן,
אין וואָלקן־כוואַליעס בערגלט זיך דער הימל דאָ —
און ס׳הימלט דאָ דער טייך און באַרגט די וועלן:
טראַכטונגען באַנאַנדיקע און שותּפֿותדיקע ליניען.

איינזאַם־און־אַליין איז
מיין וואָגל צווישן טראַכטונגען און ווערטער.
נאָר ווען כ׳זאָל וואוינען לאַנג מיט אַט די דריי בשכנות,
וואָלטן זיי אַרייַנגענומען מיך אין זייער ענין —
און כ׳וואָלט אַ שותּף זיין אַ פּערטער.

## געשריבן אין דאָרף

הויך געשמועסט האָבן פייגל
ערב שלאָפנגיין. פון וואָס?

עפּעס לויפט אין טיפן גראָז.
פעלד־מייז לויפן דאָס? אַ האָז?
נישט צו וויסן ווער און וואָס.

געלאָף אין גראָז, געלאָף אין גראָז.

## וואַנצן און אימפּעראַטאָרס
### *...Bugs and Emperors*

(עדווין אַרלינגטאָן ראָבינסאָן)

„...וואַנצן און אימפּעראַטאָרס
קערן זיך אום צו דעמזעלבן שטויב"...
כ'האָב אויך אין זיך אָט די ווערטער געפונען.
און דאָך —
ס'מינדסטע קערנדל שטויב —
איז עס נישט גוואַלדיק ווי זונען?
זינגט עס נישט לויב?
און אַ וואַנץ, אַזוי גאָלדיק, אַזוי גלאַנציק,
איז עס נישט — פאַרבאָרגענער מין?
שטויביק — וואַנציק — —
נו, ובכן?...

## דריטע אַשמורה

וואָס איז עס? צאָן־ווייטיק? אפשר א מויז?
אָדער די פּיין פון א הארץ, וואָס גייט אוים?
ס׳נאָגט עפּעס.

טוען עס פרעגן די נעכט ביי די טעג?
טוען עס נעכטנס ביי מאָרגנס א פרעג?
ס׳פרעגט עפעס.

וועמעס געבעט איז עס, וועמעס געבעט?
ווערט עס א תפילה, דאָס קישן אין בעט?
ס׳בעט עפעס.

וואָס האָט דאָס פענצטער צום פאָרהאַנג גערעדט?
האָט זיך א ווינט מיט א שאָטן געוועט?
ס׳ווינטלט מיט גאָט עפעס.
ס׳יאָ׳ט עפעס.

## און די אָבות וואָס רופן

דאָס ניכטערע, שטאָל־גרויע וואַסער.
אויסלעש פון מערב׳ס פאַנטאַסטיק,
אויסוועפּ פון זיין רויטן בגילופין.

אויפדערנאַכטיקע ביימער.
די שוואַרץ־קלאָרע פּלאַסטיק
פון זייערע גוף׳ן.

און איך אין דעם אויפדערנאַכט — מיט מיין לעבן,
וואָס טונקלט האַסטיק.
און די אָבות, וואָס רופן.

## און קום איך אויף יענער־זייט אָן...

און קום איך אויף יענער זייט אָן און שטרענג וועט מען דאָרטן מיר ווייזן
די פּרוכטן די בייזע פון דעם, וואָס כ׳האָב אָ־דאָ אונטן פאַרזיָיט,
דעם שפּראָץ פון טואונגען קרומע, פון שלעכטע מחשבות און רייד,
פון אַלץ, וואָס איך האָב אויף דער ערד געטאָן מחמת נישטיקייט גרייזן,

און זע איך, ווי פינצטערע זינד האָט געטאָן איטלעך קערנדל שפּייזן,
ביז וואַנען עס זייַנען אַרויס, ווי רוצחישע שווערדן פון שייד,
וועלדער מיט חיות פאַרפּולט (אַז ווײ צו דעם וויסטן באַשייד), —
וועט מיך באַוועלטיקן שאַנד, מיך ברענען ווי אָנגעגליט אײַזן.

פאַרכטיקע בראַנד פון דער שאַנד! כ׳וועל זוכן אַן אָרט צום אַנטרינען
אַבי נישט צו זען וואָס מע ווײַזט, אַבי זיך ערגעץ פאַרהוילן.
נאָר יענע־וועלט ווייס נאָר דעם אמת. כ׳וועל אַזאַ אָרט נישט געפינען.

אַרײַנשפּרינגען וועל־איך צום סוף אין גלגול אַריין, כּדי ווידער
צו זיין אויף דער ערד און נישט זען דעם גרויליקן אמת דעם הוילן...
און אָנהויבן וועט זיך פונסניי מיין וואָגלעניש דאָ אין דער נידער.

## תפילה־גאַנג

אַ האַרץ איז פּלוצים געוואָרן צעבראָכן —
צעבראָכן ווי אַ שפּילגעצייג אַ קינד׳ס.

פון צעבראָכענעם האַרץ איז אַרויס —
און דורך פינצטערע שטויבן דערשראָקן געקראָכן —
אַ תּפילה:
אַ ווערעמל אַ שטומס, אַ ווערעמל אַ בלינדס.

ס'בלינדע ווערעמל האָבן דערבליקט
די הארן פון די אויגן
און אָנגעזאָגט האָבן זיי
די הארן פון די אויערן:
הארן פון די אויערן,
הערט!

און ס'האָבן די הארן פון די אויערן
דאָס שטומע ווערעמל דערהערט
און אָנגעזאָגט האָבן זיי
די הארן פון די פליגלען:
הארן פון די פליגלען,
טוט!

און געשיקט האָבן די הארן פון די פליגלען
איינעם פון די זייערע, אַ גיך־שבגיכן,
צום ווערעמל, וואָס טוט
אין די שטויבן קריכן.

האָט ער עס געבראַכט צו די אויבערשטע טויערן.

און די הארן פון די אויגן
און די הארן פון די אויערן
און די הארן פון די פליגלען —
זיינען מיט באַגעגן־געזאַנגען
יענעם ווערעמל, יענער תּפילה,
אַנטקעגנגעגאַנגען,
און האָבן אין דער תּפילה געטאָן זיך שפּיגלען
און געקושט זי מיט ליבע,
און זי איבערגעענטפערט צו נאָך העכערע ממונים.
וועלט האָט זי איבערגעענטפערט צו וועלט,
מיט אהבה, מיט ניגונים,
ביז זי איז אָנגעקומען פאַרן האר.

אלה תולדות תפילה... איך גאר
נאָך אָט אַזאַ מין תפילה, אַ דערשראָקענער תפילה,
אַ שטומער, אַ בלינדער, וואָס דערוועגט זיך נישט אַפילו
צו גלויבן.

אַ תפילה אַזאַ ווערט דערהויבן פון אונטערשטע שטויבן.
די אויבערשטע באַגערן זי.

נאָר קאָן דערהערט ווערן אויבן
אַ תפילה, וואָס מענטשן הערן זי?
און ס'בעסטע שרייבן איז דאָך נאָר אַ תפילה,
וואָס מענטשן הערן זי...

## ז י

אַמאָל, אין עפּעס אַ טויאיקן נעפּל
פון זייער, זייער אַ ווייטן פאַרפרי,
האָט זי מיין נאָכנישט געבוירן קעפּל
געהאַלטן אויף אירע פּערלענע קני.

און ס'מאַכט זיך אַמאָל, אַז אין נעכט פון זומער
טוט זי אַ פלי —
אַ בליץ אַ ווייטער, אַ בליץ אַ שטומער —
און כ'ווייס: ס'איז ז י.

און ס'טרעפט אַמאָל: פאַרנאַכט צי באַגינען
גיט מיך אַ צי
זוכן עפּעס, וואָס נישט צום געפינען —
און כ'ווייס: ס'איז זי.

און זי וועט אַמאָל ווידער פאַר מיר זיך געשטאַלטן —
נישט צו ווייסן ווען, נישט צו ווייסן ווי.
אָט די, וואָס זי האָט אויף די קני מיך געהאַלטן...
אָט די...

## אַ מויז

פאַרוואָס האָסטו, מויז, אַזוי מורא פאַר מיר?
וואָס ציטערסטו, מויז?
— כ׳בין מענטש געווען... און מיין חרפּה איז גרויס —
לויף איך פון דיר און באַהאַלט
מיין שאַנד אין אַ שפּאַלט.

פאַרוואָס האָסטו, מענטש, אַזוי מורא פאַר מיר,
אַן עלנטער מויז?
— כ׳האָב מורא פאַר דיר, ווייל איך האָב אַ געשפּיר,
אַז אויב כ׳וועל צו גאָט און זיין זון נישט אַרויס,
דער אייביקער זון, וואָס ער האַלט אין זיין שויס, —
וועל איך ווערן מגולגל אין דיר,
ווערן אַ מויז.

## שאַנסאָן

דיין שוואַרצן ווײַ
באַהאַלט, פאַרזײַ,
און זאָל אויף אים
זיך קלייבן שנײַ.

זיך קלייבן שנײַ
אַווינטער לאַנג
און אים, דעם ווײַ,
פאַרדעקן בלאַנק.

און גיט אַ בלאָז
גאָטס יונגער ווינט,
אייז פּלאַצט ווי גלאָז
און שנײַ צערינט,

און אַלץ וויל זיין
און שפּאַרט אַפּער —
וועט אויף דער שיין
אַרוים אויך ער.

און וואָס ער האָט
אין שני̇י̇ געהיט —
זיין נאַכט, זיין סוד,
וועט ווערן בליט.

וועט ווערן בליט,
וועט ווערן פרייד,
צו ליכט, צו ליד,
צו ליבשאַפט גרייט.

.1920

## איך חלום וועגן דעם הויז פון שטומע

כ׳בין געשטאַנען ביי אַ טיר
און פאַרשעמט געטאָן אַ פרעג,
צי איך מעג
גיין מיט אַן אַנדערן — מיט ד י ר.
מיין ע ר ש ט ע ר האָט מיך אָנגעקוקט און שטום
געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.
אַרום
האָבן אַלע מיטן קאָפּ געשאָקלט שטום
אויף ניין:
נישט גיין מיט אים, נישט גיין.

— וואָס-זשע? זאָל איך בלייבן מיט אייך דאָ?

ס׳האָט דער ע ר ש ט ע ר מיינער שטום
געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

אָרום
האָבן אַלע מיטן קאָפּ געשאָקלט שטום
אויף יאָ:
יאָ, אַוודאי, בלייבן דאָ.

פון שרעק
האָב איך גענומען ריידן הויך:
כ׳וועל אויך זיין שטום?
איך אויך?
איך וויל נישט!

האָט מיין ערשטער אומעטיק מיך אָנגעקוקט
און שטום.
אָרום
האָבן אַלע בייז מיך אָנגעקוקט
און שטום.

(די צוויג!
וויל נישט די חכמה פון שטומקייט,
די טרייסט פונעם טויט.
יאָגט זיך נאָך דער גלוסטונג פון איר אויג...)

כ׳בין אַרויסגעלאָפן. זייער שטומקייט
איז מיר נאָכגעלאָפן: כאַפּט!
זי האָט געטראָגן זיך גאַלאָפּ,
מיט דונערדיקע פּאָדקעוועס געקלאַפּט —
און נישט געכאַפּט.
מיט שפּרינגענדיקע פיס בין איך אַריין
אין דער סאַמע מיט
פון זון־מיט־רעגן.
ס׳האָט געזונט, גערעגנט און געבליט,
און די מאַמע איז געגאַנגען מיר אַנטקעגן.

— פון וואַנען גייסטו, מאַמע?

— פון דער געגנט
פון דער זון און פון אַרום
דעם רעגן.

— זע נאַר! ביסט נישט שטום...
ווי עס זונט און ווי עס רעגנט...
כ׳וויל דיך, מאַמע, עפּעס פרעגן...

— פרעג!
— מוז איך שטאַרבן, אָדער כ׳מעג
גיין מיט אים, דעם צווייטן?

— אויב דו פרעגסט,
קוק זשע אָן די קוווּיטן —
ווי זיי לאַכן אויפן רעגן,
וועסטו הערן ווי זיי זאָגן: מעגסט!
ווי איצט איז מאַי,
הייב אָן אויפסניי —
פאַרוואָס זאָלסטו נישט מעגן?...

אויפן רעגן
האָט די מאַמע מיר די האָר געצוואָגן
מיט די הענט פון העלן סאַמעט.
נאָר די שטומקייט
האָט זיך אַלץ געוואָלט דערשלאָגן
צו דעם תּחום,
וואו ס׳האָט געזונט, גערעגנט און געמאַמעט.

## ליד וועגן ווייטקייטן

ווייטקייטן זיינען פארלאנגען.
זיי מוזן אָן אויפהער גיין
און קאָנען צו זיך אליין
קיינמאָל נישט דערלאנגען.
זיי פרעגן אייביק: וואָס ווייטער? —
און גייען ווייטער.

## דער העכסטער דערהויבנקייטס ווידוי

דער העכסטער דערהויבנקייטס ווידוי:
פון דער הויכעניש מיינער אַ מידע
באַגער איך אראָפּ אין דער נידער.
וואָס וויל ירידה? עליה!
און וואָס וויל עליה? ירידה.
גיט מיר, דער הויכקייט דער מידער,
דעם אונטן, מיין בונטן דערווידער!

## נאָך הבדלה

...וכל אינון דבסטר שמאלא אזלין ושטין
בעלמא ובעאן לאתלבשא בגופא.
(זוהר בראשית).

ווען ס'ווערט פארלאָשן די הבדלה —
צינדט זיך אין גיהנם דאָס אַלטע פייער
אויף אַ פולער וואָך אַ נייער.
פון תהומישע שפאַלטן שווארצע און שמאָלע
שווימען די מחנות־פון־לינקס קאַפויער,
און ווידער איז וואָך און ווידער איז גלות
און ווידער טרויער.

האָרך ווי עס רוישן די שוואַרצע חיילות!
זיי קאָכן ווי שטורעמס אויף אָקעאַנען.
און איז פון־גיהנם־אַרויס זיך מתחנן
עפּעס אַ קראַנקע נשמה אַ רשע'ס —
פאַרטויבט דאָס קאָכעניש זיינע בקשות.
אין רייזיקע כוואַליעס גיסט זיך די טומאה,
פאַרכטיק פליצן אַל־אחר'ס אַרמייען,
און ס'איז אַ בהלה און ס'איז אַ מהומה,
ווי שטעט זאָלן קראַכן,
און ס'גייען געשרייען
עד לב השמים. אויף פינצטערע שפּראַכן,
וואָס נאָר די תהומות פון בייז פאַרשטייען,
רופן די קליפּות. ציטער, וועלט! ווי דיר!
דאָס ווילן זיי גופים,
דאָס זוכן זיי קליידער — — —

## אַ שטעטלשע חופּה

אין דער לופטן איבערן שול־הויף,
ווי אַן ערשט־געבוירנס אין פרישן קישן,
ליגט אַ קינד:
דער נאָכנישט איז שוין פאַראַניק.

אַ פלוצלינגער ווינט.
אין פליסטערדיקער פּאַניק
צאַפּלען די שושבין־ליכט: דורות
קומען פון עלמא דקשוט *),
טראָגן באַהאַלטענע גאָבן.

---

*) עולם האמת (יענע וועלט).

אַ פּעטער אַן אַפּיקורס
(מע האָט אים באַגראָבן
ערגעץ הינטערן פּלויט)
איז אויך דאָ. חידושלעך
קוקט ער דורך די ברילן,
און היימיש־ייִדישלעך
שאָטנט זיין בערדל.

מיט בליציק געוויין
קומען צוגיין
דער מאַמעס אויגן פון יענער־וועלט.
זיי טאַנצן צווישן די שושבין־ליכט
אַרום דער טאָכטערס חופּה.
זיי וויינען, זיי טאַנצן — און טאַנצן אַרויף
צום אייניקל איבערן הויף.

## אַ גייסט *)

ס'איז אַ גייסט אַרויף אויף דער וועראַנדע,
וואו כ'בין געזעסן ביי אַן אָפן ביכל.
ער האָט מיט ביטול און צוגלייך מיט חידוש
אָנגעקוקט אַ וויַיל מיין נישטיק איכ'ל,
דערנאָך געפרעגט: ווי קומסטו דאָ אַהער?
איך האָב צוריקגעפרעגט: און דו וואָס טוסטו?
איך לעב, — האָט ער געענטפערט — אָבער דו,
אַ בר־מינן, וואָס האָט זיך דיר פאַרגלוסט
צו לייענען אַ בוך אויף מיין וועראַנדע
ווי קיינמאָל גאָרנישט? גיי דיר אין דיין רו.
ווער דאַרף דעם פּוסטן אָנשטעל פון די מתים?
איך וואָלט געפוילט ווען כ'בין אַ מת ווי דו.

*) באַזירט אויף אַ חלום.

ס׳איז זומער. ס׳לייכט די זון. מאַך צו דאָס ביכל.
איך האָס די טויטע אותיות. בלויז דעם ברויז
פון לעבן האָב איך ליב. כ׳האָב פיינט, ווען גייסטער
דרייען זיך אין הייזער מעשה־מויז.
כ׳האָב פיינט, ווען זיי פאַרלאָזן זייער וואוין־אָרט
און שרעקן לעבעדיקע. כ׳האָב דאָס פיינט.

אַזוי איז ער געשטאַנען און געטענהט.
און ס׳האָט אַ זומערדיקע זון געשיינט.

און אפשר שטייט ער דאָרט אַזוי ביז היינט.

.1952

## ביים אָנבליק פון צפון־ליכט

מיט אַ שווייגעניש, וואָס איז רו־שיק,
מיט אַ צעגערדיקער שנעלקייט,
וויגן זיך ליכטער, וואָס זיינען חושך,
וויגט זיך אַ חושך, וואָס איז העלקייט.

הינטער אַ פאָרהאַנג אַ טונקל ווייסן
קומט פאָר אַ פאָרשטעל. די אַקטיאָרן
לויפן שטייענדיקערהייט.
ס׳איז גאָרנישט געווען און גאָרנישט געוואָרן.

וואָס געשען איז נישט געשען.
ווייס איך וואָס? געשטאָרבן... געהרגעט...
ס׳איז אַ לעבן נאָכן לעבן,
אַ לעבן הינטערן פרגוד.

## דער טויט איז אַ נסיעה

דער טויט איז אַ נסיעה אין אַ פרעמדער שטאָט אַריין.
באַגינען קומט מען אָן — און אוים געפאַר.
וואָס מיטן פאָרער קומט פאַר,
ווענדט זיך אין זיין טואונג דאָרט,
אין דער שטאָט, פון וואַנען ער פאָרט.
איינער ווערט אָפּגעוואָרט מיט בלומען,
מע פּאַלט אויף זיין האַלדז מיט קושערייען.
אַ צווייטער, געבויגן אין דרייען,
קריכט אַרוים פון צוג, אַ קליין דערשראָקן מת׳ל,
און ווערט נעלם
אין אַ פינצטער געסל.

## די כוואַליעס אין זיינע אוקינוסן

די כוואַליעס אין זיינע אוקינוסן
גייען אין אייביקע רייען,
גייען און פאַרגייען נישט.

מיט די כוואַליעס שיקט ער מיר בריוו
פון דער טיף.
איך האָב קיין געדולד נישט — און איך לייען נישט.

גאָטס נישט געלייענטע בריוו
קערן זיך אום אין דער טיף.

## דיין נאַכטס חלומות

דיין נאַכטס חלומות
זיינען דיין טאָגס השגות.
דיין נאַכט איז ווי דיין טאָג איז.

וואו שטעקט דער שליסל צום טויט?
ער שטעקט אין דיינע מעת־לעתן.
ווי דו האָסט געלעבט,
אַזוי וועסטו מת׳ן.

## אַ סוד אין בראָד

געווען אַמאָל אַ סוד,
פֿאַלט אים איין: כ׳וועל גיין שפּאַצירן איבער בראָד.
האָט גאַנץ בראָד דערזען דעם סוד
און איז מיט אים געוואָרן פֿאַניבראַט.

וויינט דער סוד פֿאַר גאָט:
כ׳בין אויס אַריסטאָקראַט.
האָסט מיך געשאַפֿן אויף צו זיין אַ סוד,
צום סוף בין איך אַ סודל פֿאַר גאַנץ בראָד.
אַ ליאַדע לצל רופֿט מיך: פֿאַניע סודל.
כ׳געהער צום קאַראַהאָדל.

ענטפֿערט גאָט: ערשט איצטער, סוד,
ווען מע מאַכט פֿון דיר קיי־שפּיי
און מע מיינט: ביסט סתּם אַ שלאַפּיי —
ביסטו אַ סוד הגדול.

## ראַטעווען די זון

אַ וואָלקנדל שפּילט זיך.
זיין קעפּל איז בלאָנד.
דער לבנהס שמייכל —
פּרוויאיש און גוויאיש
ווי ביי דער דזשיאָקאָנד.*)

---

*) פֿראַנצויזישע פֿאָרם פֿאַר דער דזשיאָקאָנדאַ (מאָנאַ ליזאַ).

פון צייט צו צייט
גיט נאָר העט ווייט
קאָנוואולסיוו אַ מיניע
די שטרענגע ליניע
פון האָריזאָנט:
ראַטעווען די זון
האָט קיינער נישט געקאָנט.

## יענער־וועלטס יענע־וועלט איז די־וועלט

יענער־וועלטס יענע־וועלט איז ד י ־וועלט,
די הי־וועלט.
די גייסטער פון יענער־וועלטס וועזנס
זיינען מיר, וואָס פילן אָן די הי־זייט,
די טואונג־זייט, די מי־זייט.
איך, אהרן פון דאַנען,
בין גייסט פון אָן אהרן פון דאָרטן,
און וואָס איך טו דאָ רופט זיך אָפּ אויף יענעם,
וואָס כ׳קען אים נישט און קען אים:
ס׳ווערט אָדער יענעם אהרנ׳ס גן־עדן,
אָדער זיין גיהנם.

אהרן פון דאַנען,
דעם דאָרטיקן נישט פייניק — ער איז דו.
מעשים שטעל אים צו
העלע און דערהויבענע. באַשטראַל אים
פון דאַנען, פון דער ערד.
מבשרך לא תתעלם.

.1946

# אַן אויסשטעל־פענצטער אויף קאַנאַל סטריט*)

צווייגיק און שווייגיק איינזאַמט אַ מנורה.
אין שטויב פון אויסשטעל־פענצטער וואַרט זי אויף בעלנים.
איבער אַ בוך פון וויצן יִדישע אויף ענגליש
טרויערט הערצלס פּנים.
אַ שמחת־תּורה־פענדל שלאָפט. אַ חנוכּה־דריידל בלײַט.
ר׳ שמואל מאָהליווער קוקט שטרענג און אָן אַ זייט.
מאַנטעפיאָרע פאַררוקט אין הויכן קאָלנער
אַ קוואַדראַטיקע קין.
שבת־לייכטער ווייסן נישט וואוהין
דער שבת איז אַהינגעקומען.
מיטן רוקן צו דער גאַס און אירע לויפער —
אַ גאַנג חומשים. אַ פאַרזאָרגטער שופר
קוקט אַריבער צייט, אַריבער שטאָט, אַריבער גאַסן.
עס שטייט אין פענצטער ביי זיין זייט
אַ פאָן פון שטערן און פון פאַסן.

איך הער זי ריידן: וועל, אָלרייט,
וואַט׳ס דהי טראָבל, מיסטער שאָופאַר?

---

*) איך האַלט פאַר נויטיק צו באַמערקן אָט וואָס: נאָכדעם ווי כ׳האָב דאָס ליד אָנגעשריבן, בין איך דערגאַנגען, אַז אויף דער זעלבער טעמע (אַן אויסשטעל־פענצטער פון אַ יִדיש־אַמעריקאַנער בוך־האַנדלונג און וואָס מע זעט דאָרט) האָט אָנגעשריבן אַ ליד לוי גאָלדבערג. מיר האָבן זיך צופעליק צונויפגעטראָפן.

# די געבורט פון מלחמות

(פון די „מעטאמארפאזן" פון אווידיוס)

פריי פון באפעל און פון צוואנג, האט די גאלדענע תקופה די ערשטע [1]
אפגעהיט טריישאפט און גוטס, פון זיך אליין א גערעכטע.
שטראף נישט געווען און נישט פארכט; נאך האט קיין אויג נישט געלייענט
ווערטער פון בייזן געזעץ, געקריצט אויף א קופערנעם טאוול. [2]
ס'האט נאך דעם ריכטערס געשטאלט קיין שרעק נישט געווארפן אויף חוטאים:
גרייליך באגייט זיך די וועלט אן אים און דעם משפט'ן זיינעם.
נאכנישט גענידערט אין טייך פון זייערע היים-בערג ארונטער
האבן די בוימער, געגויט דורך האק און אייזן צום שווימן;
גארנישט געקענט האט דער מענטש א חוץ די אייגענע ברעגן.
ס'האט נאך א שטערבלעכנם האנט נישט שווערד געשמידט און נישט פאנצער,
גראבנס זיינען נאך נישט ארום א פעסטונג געלאפן.
גלייך ווי קינדער, באגליקט דורך ליבשאפט איינס צו אנאנדער,
האבן אין נחת און רו געפירט זייער לעבן די פעלקער.
אייביקער מאי איז געווען; געוויקסן, אן זוימען געבוירן,
האבן געשפראצט אויף דער ערד און ס'האט געגלעט זיי זעפירוס. [3]
ערד, נישט געאקערט נאך, האט קיין זכר פון פרוכט נישט געטראגן,
ס'האט זיך א פעלד נישט געטאן מיט זאנגען פרוכפערדיק העלן.
טייכן פון נעקטאר און מילך זיינען פאמעלעך גערונען; [4]
שטיל האט פון שטיינערנעם דעמב געגאסן זיך גאלדענער האניק.

---

1) אַ גאָלדענע — אין מעטאַפאָרישן זין; נישט דערפאַר, ווייל ס'זאָל דאַן האָבן אַנטדעקט געוואָרן דאָס גאָלד (דאָס געשיכט גראָד אין דער לעצטער תקופה — דער ערגסטער).

2) געזעצן פלעגן געקריצט ווערן אויף לוחות.

3) זעפירוס (אַקצענט אויף דער פאָרלעצטער, צווייטער זילב — לינדער ווינט (פּערזאָניפיקאַציע).

4) נעקטאַר (אַקצענט אויף דער ערשטער זילב) — געטלעך בשמים-געטראַנק.

שפעטער, ווען ס'האָט אין די שאָטנס פון טאַרטאַר געניִדערט סאַטור־
נוס.[5]

ווערט דער הערשער יופּיטער — און ס'קומט די צייט אָן פון זילבער;
ס'האָט דאַן יופּיטער צעטיילט די אייביקע צייט אויף חלקים,
חלק צו חלק נישט גלייך, און צעבראָקלט דעם אייביקן פרילינג.
ס'האָט שוין זינט דעמאָלט דאָס יאָר אי ווינטערס, אי זומערס, אי
האַרבסטן,
און — ווי אַ זכר פון פריער — אַ פרילינג קורץ און פאַרשווינדיק.
ס'האָט זיך ערשט דעמאָלט די לופט געגומען צינדן פון היצן,
ווײַס זיך פאַרהאַנגען דערנאָך דאָס אייז, פון קעלטן געגליווערט.
דעמאָלט ערשט איז מען אַריין אין וואוינען, ערשט דעמאָלט גע־
ווײַלט זיך
היילן צום רו־אָרט, פאַר'סכך'ט מיט בלעטערוואַרג גריִנעם פון דרויסן.
זוימען — זיי זייִנען צום מאָל צום ערשטן געפאַלן אין ערד־שויס;
ס'האָבן פון אונטער אַ יאָך גענומען קרעכצן די אָקסן.

דאַן איז געקומען דער דור — דער דריטער דור שוין — פון קופּער.
פלינקער אַ סך צום געווער, אין גייסט פיל שטאַרקער און בייזער,
אָבער אַלץ נישט ווי דער, וואָס נאָך־אים, באַפלעקט פון פאַרברעכנס —
נישט ווי דער, וואָס צו־לעצט: דער דור פון אייזן דעם האַרטן.
ס'רייסט מיט געוואַלד זיך אַריין אין דור פון מעטאַל דעם געמיינעם
אַלץ וואָס איז שלעכט און אַוועק גייען אמת, ליבשאַפט און בושה.
ס'זייִנען געקומען שטאָט זיי ליגנעריי און גענאַרונג און פאַלשקייט,
קראַפט, וואָס קיילט מיט דער פויסט, און דער חשק אַלץ צו פאַר־
כאַפּן.

---

5) טאַרטאַר (אַקצענט אויף דער ערשטער זילב) — אונטערוועלט. סאַטורנוס (אַקצענט אויף דער צווייטער זילב) — דער גאָט פון דער אור־צייט (ביי די גריכן: כראָנאָס). דער זין פונעם זאַץ: נאָכדעם ווי דער טויט (די אונטערוועלט) האָט פאַרשלונגען דעם אור־זײַטיקן תוהו־ובוהו (סאַטורנוס) הויבט זיך אָן די הערשאַפט פון דעם היסטאָרישן וועלט־גאָט יופּיטער (אַקצענט אויף דער צווייטער זילב) און ס'קומט אויף, צוזאַמען מיט דער זילבער־תקופה, די געגרעגלטע און געאָרדנטע צייט — די צעברעקלונג פון דער אייביקייט.

ס׳וועון דאַן זעגלען דעם ווינט געגעבן, ער זאָל זיי אַ פיר־טאָן
העט צו די ווייטסטע מדינות, און בוימער, וואָס זיינען געשטאַנען
יאָרנלאַנג טיף אין אַ וואַלד צי גאָר אויף באַרגשפּיצן הויכע,
נעמט פלוצלינג וויגן דער ים — און ס׳מערן זיך שיפן אויף שיפן.[6]
אויך זי, די ערד, וואָס געהערט האָט זי צו איטלעכן איינעם,
איז, ווי לופט און ווי ליכט, אַלעמענס נחלה געווען,
ווערט דאַן געמאָסטן און ווערט לויט גרענעצן טויזנט באַצייכנט.
ס׳ווערט שוין נישט מער פון דער ערד געפאָדערט שפּייז פאַרן הונגער
אָדער אַ שניט, וואָס באַלוינט: מען קריכט אין איר אינגעווייד זוכן.
זי אָבער טוט זיך פון שרעק אַ רוק צו די סטיגישע שאָטנס;[7])
אַט, ווי זי רוקט זיך צוריק, גראָבט מען דערוויל אין איר האַרצן,
ביז מען גראָבט אוצרות אַרויס, אוצרות, וואָס רייצן צו שלעכטס אָן.
שוין איז דאָס אייזן אַנטדעקט און ס׳גאָלד ווערט געפונען באַלד
נאָכדעם:
גלייך האָט מיט זיי אויף דער וועלט זיך די מלחמה באַוויזן,
שלאָגט מיט דער הילף פון די צוויי, מיט דער הילף פון גאָלד און
פון אייזן.
טומלדיק קלינגט דאָס געווער אין אירע בלוטיקע פינגער.
לעבן לעבט מען פון רויב; נישט זיכער מער מיט זיין אורח
איז אַ הויזווירט, אַ שווער — מיטן אייגענעם איידעם נישט זיכער.
שטיפמאַמעס מישן אַריין סם אין דעם שטיפקינדס געטראַנקען.
פרוי קוקט־אויס טויט פון איר מאַן, אַ זון — דעם טויט פון זיין
פאָטער.
ערד איז פון מאָרד־פלעקן נאַס — און עס פאַרלאָזט זי אַסטרעאַ,[8])
טוט זיך אַ הויב און פאַרשווינדט, די לעצטע פון הימלישע טעכטער.

.1932

---

6) „און בוימער... נעמט פלוצלינג וויגן דער ים" — געמיינט מאַסטבוימער.

7) סטיגישע — פון: סטיקס, אונטערוועלט־טייך. סטיגישע שאָטנס — אונטער־וועלט.

8) אַסטרעאַ — די גערעכטיקייט. „הימלישע טעכטער", וואָס האָבן נאָך פאַר איר, אין דער אייזן־תקופה, פאַרלאָזט די ערד, זיינען: אמת, ליבשאַפט און בושה (זע פריער).

## דאָס בילד פונעם אַנאָנים

איבערן האָדסאָן — וואָלקנס: ווייסע ברעגעס
פון אַן אומבאַקאַנט לאַנד.
האַרבסט-פייגל זעגלען
צו דער זון, דעם קליינעם בריליאַנט
מיטן קאַלטן שליף.
פּאַמעלעך שפּאַצירט אַ שיף.
עס טראַכט צוביסלעך און פּיקט צוביסלעך
אַ טויב; די פּורפּורנע פּיסלעך
זיינען אי הרהור׳דיק, אי טאַנציק.
בלעטער ווערן פליגלדיק; פלאַנציק
ווערן פליגן:
בלעטער פליען, פליגן בלייבן שטיין
ווי פאַרגליווערטע פלאַנצן, מיט פאַרהאַלטענעם ניגון.
אַ בוים אַ שוואַרצער און אַ שמאָלער
קוקט ווי זיין שאָטן קליעטערט אויף אַ שטיין.

פאַרגאַפּט שטייט אַ מאָלער.
ווי זאָל ער
קאָנקורירן מיט אים, דעם אַנאָנים,
וואָס דאָס אַלץ איז זיין בילד?
דער אַנאָנים — ער איז אין זיין בילד
און זיין בילד איז אין אים:
פאָרם באַהאָפטן מיט תוך.
ווי מאָלט מען אים נאָך?

## אויף אַ בראַסלאַווער מאָטיוו

קעגן גאָר דיין גלוסטיקייט
זיינען נישט און פּוסטיקייט
אַלע סאָרטן גיהנם,
יעדער מין געפּייניק.

ווּעמען אָרן פֿייניקער?
ס'איז דײַן תּענוג תּענוג'ער
פֿון אַ יעדן תּענוג,
פֿריילעכער פֿון פֿריילעך,
שײַניקער פֿון שײַניק!
ס'חיות גייט מיר אויס נאָך דיר,
גאָר מײַן האַרץ איז דײַניק.

## אַ צווייטער וואַלד

ווען הינטערן וואַלד פֿאַרשטראַלט
די זון און פֿאַרנאַכטיק-פֿרי ווערט
אַלץ —
גליוועדט
אונטן אין וואַסער דעם וואַלדס
צווייטער איך. יענער וואַלד,
דער צווייטער, רעאַלט
מער ווי דער ערשטער.

## אַנאַלאָגיע

דרויסן שרײַט גוואַלד אַ משוגענע היץ.
אויפֿן דיל, אין דער קיל, שלאָפֿט אַ קעצל אַ מידס.
די קאַץ די פֿאַרשמאַכטע — בשעת זי וואַכט
ווײַנען די וואַלד-גרינע אַפּלען אירע.
איך זאָל זי נעמען צו זיך אין דער בחירה.
וואָס חלומט איר איצט? אַ גאַנג אויף צוויי?
צוויי-פּיסיק גייט זי אויף אַ שפּאַציר...
אַ גלייכער, פֿון אויבן-אַראָפּיקער גיי...
אַ, לאַנגוויל פֿון קעצישן קריך אויף פֿיר!

פאר דיר, פיר־פיסיקע, בין־איך דער בחיר,
נאר נאכן לעבן, איז ערגעץ א וועלט,
וועל איך זיין ווי דו לגבי מיר —
און וועל שטיין פאר א העכערן יש געקוועלט
ווי דו — און מיט דעמזעלבן ווײ...
א, טרויער פון אייביקן גאנג אויף צוויי!

טרויער אן א זייט. עס זיינען געווים
באהאלטן פליגל אין א מענטשנס פים,
און וואלט איך זיי אויפגעוועקט און מיט זיי
באנייט, באפרייט, באהימלט מיין גיי —
וואלט אויך דיין חלום געווארן וואר
(אליין העננט אן מיין בחירה, דער דינער האר).
וואלסט אויפגעשטאנען מיניה וביה
און מענטשיש וואלסטו אוועק אויף צוויי.

## השארת־הנפש פון א ליכט
## אדער: סיווערעמל פון ארגמן

אין לייכטער האט זיך אויפגעשטעלט א לעצטער פלאם
און וויגט זיך רעכטס און נויגט זיך לינקס
אין א שעה א שפעטער.
אים דאכט — אן עדה פלעמלעך דאוונט הינטער אים.
אין שמאלן גילדענעם קיטל בעט ער.
זיין פלאקער, ערב דעם גוס'ן *),
איז באגלייט פון א שפיגלדיק זיילעכל תכלת,
וואס זעט זיך יא און זעט זיך נישט:
דעם ליכטס נשמה — האלב הי, האלב דרויסן.

*) אזוי אין פוילישן יידיש: נישט גויסעסן, נאר גוסן.

ונסלח, ונסלח — —
צוביסלעך
זעט ער איין זיין טעות: הינטער אים איז קיינער נישט.
אין פלאַטערדיקן שפּיגל, וואָס עס האַלט
דאָס בלויקייט פאַר אים,
דערבליקט ער זיין געשטאַלט,
זיין לעצטיקייט דערקענט ער.
ניין, נישט שליח־ציבור איז־ער;
אויסגעלאָזט האָבן זיך די כּוחות
פון דעם ליכט, און אחרית׳דיק ברענט ער.
דער, וואָס אין דער הויך איז —
ווער ער זיך דערבאַרעמען?

אַז ווײ און אַז ווינד!
ס׳וואַרפט אים פון ניין צו יאָ:
אַ פאַר אויף לינקס — אַ פאַרשווינד;
אַ קערעווע אויף רעכטס — שוין ווידער דאָ.
אַל תעלני — בעט ער — בחצי ימי.
האַר פון דער וועלט, פאַר דער צייט
נישט פאַרשנייד!

פאַר דער צייט? —
רופט זיך ס׳תכלית אָן צום פלאַם. —
אַז מע הייסט — איז מן־הסתם
שוין צייט... נאָר טויט איז להד״ם
סיי־ווי־סיי. אומזיסט
דאַכט זיך דיר, אַז ער פאַרלעשט
לעולם ועד. האָסט דאָך ערשט
אויף יענער־זייט גע׳יש׳ט!
אַנישט —
ווי וואָלסטו זיך צוריקגעקערט?

ווידער גיט דער פּלאַם אַ ציטער,
ווידער גיט ער
אויף יענער־זייט אַ גיי
(זיך צוגעוויינען וויל ער)
און ווערט אַן אינו־נראה.
ווידער גיט ער זיך אַ דריי,
אַ שווים־אַרוים אויף דער־זייט — פול מיט יראה,
און — צוריק אַ נראה.

נאָר דינער ווערט ער וואָס אַמאָל
און שמאָל.
אַלץ נידעריקער, נידעריקער ברענט ער,
צום אונטן אַלץ נענטער.
אַט שעפּטשעט ער ווידוי.
דאָס תכלית —
דעם ליכטס נשמה, זיין יחידה —
האַרכט.

ער קוים־קוימיקט.
ער ווערט אַ דין ווערעמל פון ארגמן.
דאָס ווערעמל פאַרקריכט
אין אַ לאַנד אָן אַ נאָמען.
דער רויך קוקט אים נאָך אַ פאַרקלערטער.
ער טראַכט: אין אַט דעם פורפלדיקן וואָרעם,
אַט דעם דינעם ווערעמל ליכט,
זיינען פאַרהוילן אי נשמה, אי פאָרעם,
און באַלד ווערט ער
אויף יענער־זייט ווידער אַ ליכט.

## שייכות

א טויב קומט אַלע טאָג צום קראַנקנ׳ס פענצטער.
בלאַנק ווי דער גלאַנץ פון א טייך איז
די טויב, און דער קראַנקער —
נישט־וויסנדיק וויים ער דאָס שייכות
צווישן איר, דער בלאַנקער,
און דעם טויט, וואָס שטייט ביי זיין בעט,
וואָס מעסט אים די היץ און רעדט
קיין וואָרט נישט.

## די וואָג פון בחירה

אין פאַרנאַכט דעם שטיקיק־וואָרעמען,
ביים אָפענעם פענצטער — א הינטל.
אָן א פינטל
פון די אויגן די קילע
קוקט עס אויף דער גאַס, וואו קינדער ליאַרעמען.
פאַסיוו, אַלץ פאַסיווער,
נעמט עס אויף דעם באַשאַף אין א גליווער
פון קאָנטעמפּלירונג.
א שטערן קעגנאיבער
טוט אָן זיין שימערדיקסטע צירונג:
ער וויל, דאָס הינטל זאָל דערבליקן אים,
דורך דערבליקונג געבן תיקון אים.
און ס׳הינטל זעט און שליסט אים איין
אין זיין שטומער פילאָזאָפיע פון באַשאַף
ווי א קליינעם דימענטענעם פאַראַגראַף.

טוט דעם שטערן הנאה וואָס דאָס הינטל וויים אים.
דער באַשאַף וויל געוואוסט זיין, ווייל ער וואָרצלט אין ידיעה.

נאָר אַט קומט — בחירה... פון חברה קונדסים
טיילט זיך אָפּ אַ יינגל
מיט אַ פינצטערער וויע,
אַ וועלפּישס, אַן אָפּגעריסנס, אַ דאַרס.
עס טונקלט זיך ס׳יינגל אין אַ זייטיק ווינקל,
פאַרטאָן אין זיין צער׳ס
טראַכטונג.
פון אַט דער רגע אין אַ ווינקל גאַס —
וואָס וועט אויסשפּראָצן? דעם דעמאַגאָגס פאַראַכטונג?
דעם גענגסטערס האַס?
דעם הייליקנס רחמנות? די פּיין פון דעם לץ?
דעם פּאָעטס
געהיים וויסן?
ווער קאָן וויסן?

ס׳הינטל אין פענצטער צעבילט זיך, ווען איבערן
יינגל׳ס קאָפּ צאַפּלען די שטערן אויף. ס׳פיבערן
אין קאָסמישער יראה
וויטע פּלאַנעטן:
די וואָג פון בחירה
איז איצט אין די הענט פון אַ קינד אויף מאַנהעטן.

## אַן עצבות׳דיק יוגנט־ליד

ווילאַנג דאָס ליכטל טוט ליכטן
לאָזט זיך נאָך אַלץ פאַרריכטן...
אָט קומט ער און אָט פאַרריכט ער,
דער מענטש, זיין אייגענער ריכטער!

נאָר ס׳לעשט זיך פּלוצעם דאָס ליכטל —
און ווי אַ וואָרעם פאַרקריכט ער,
פאַרקריכט אין חשכות געדיכטער,
דער מענטש, דער העלד דער געבריכטער...

.1920

## משפט, אָדער: פון דער שייכות צווישן חלום און טויט

משפּט איבער זיך — דאָס איז דער עפּילאָג
פון יעדן טאָג.
חלומות פון דער נאַכט זיינען סאַטירעס:
איך נעם דאָס וואַכן מיינס און קריטיקיר עס.
אויך טויט איז נאָר אַ משפּט איבער זיך אַליין
אין אַן אַנדער מין נאַכט און אין אַנדערע ספירות.

## פון דעם לעבן מחוץ מענטש

אַט דער באַרג, דער וואַלד, דאָס וואַסער,
קינדער פון דער דרויסיקייט דער גרויסער,
אַלץ, וואָס לעבט און אָטעמט אויסער
מענטש, —
ס'קומט אַ טאָג און פּונקט ווי זיי,
קינדער פון דער דרויסיקייט דער גרויסער,
וועל איך לעבן אויסער
מענטש.

און כאָטש דאָס לעבן אויסער
איז אַ לעבן די־והותר,
וועלן זאָגן לייט, אַז איך בין טויט.
ווייל דער נאָמען, וואָס דער מענטש
גיט דעם לעבן אויסער מענטש,
איז: טויט.

ווײַלדוואוד גאָלס, נ. י.

## אַ בראַסלעווער התעוררות

מע האָט מיך פֿאַרמשפּט צום טויט.
מע פֿאָרט מיט מיר צו דער תּליה.
די פֿערדלעך בייט מען: אַט ווייס,
אַט שוואַרץ. אַ גוואַלד ווי זיי פֿליען!

ווייסע פֿערד — טעג. שוואַרצע פֿערד — נעכט.
שוין איינמאָל פֿערדלעך פֿאַטשטאַווע!
אַלץ קירצער דער וועג. סע וואַרט
די תּליה שטיל ווי אַ סאַווע.

אפֿשאַפֿן קאָן מיין טויט־שטראָף
דער קייסער, דער יושב־בסתר...
וואָס זשע בעט איך נישט רחמים?
וואָס בעט איך נישט ביים קייסער?
וואָס בעט איך נישט, וואָס בעט איך נישט
ביים קייסער?...

## איידער־וואָס־ווענ׳יק

עפּעס אַזוינס, וואָס איז איידער־וואָס־ווענ׳יק
און דאַרף זיך אָנהייבן
— וואָס׳ן און וועג׳עך
און לאָזט זיך
צו דיר נישט דערקענען.

עפּעס אַזוינס, וואָס דאַרף ווערן געשטאַלט
און זיך טאָן אַ פֿאַרהאַלט
אין צייט,
— נאָר עס קריגט חרטה
און פֿאַרבאַי׳ט.

עפּעם אַזוינס, וואָס אַז עס וואָלט
גענוואָרן —
וואָלט עס אַנדערש געוואָרט,
וואָלט עס געווען
אינעם דאָ — אַ דאָרט.
נאָר עס האָט נישט געוואָלט
(אָדער נישט געטאָרט) —
און איז נישט געוואָרן.

## צו זוכן סיקינד

...אָט דאָ געשווינד
איז דורכגעפּלויגן, ווי אַ פייל,
אַזוינס, וואָס האָט געשמעקט מיט קינד
און ליגט שוין ווייט פאַר טויזנט מייל.
(ביאַליק)

און איך — איך גיי פון אייך אַוועק,
פון אייך אַוועק אויף טויזנט מייל,
צו זוכן דאָס, וואָס גיט אַ פלי,
אַ בלענד אין גוואַלדיקן געאייל,
און בלאַנדזשע, פאַל און הויב מיך אויף,
און לאָך מיך אוים פון וואונד און בייל,
און קער מיך אום פון צייט צו צייט
און זיץ מיט אייך אַ קורצע ווייל,
און נעם אַ גראָם און מאַך אַ ליד
און פלעכט צוזאַמען צייל מיט צייל,
און איידער וואָס בין איך אויפסניי
פאַרביי, אַוועק אויף טויזנט מייל,
צו זוכן דאָס, וואָס גיט אַ שווינד
אין גרוים געאייל —
און שמעקט מיט קינד.

# דערמאָנונג

כ׳בין דענסטמאָל געווען אַ ווילדע פּאַעמע,
אַ טונקל געמיש
פון מוזיק און משוגעת.
זי, ווידער, האָט זיך באַקוועם געכאַוועט
אין רייכן הויז אויף קרוטשע גאַס.

ס׳האָט איר רואיקע שיינקייט פּאַרמאָגט די לאָגיק
פון אַן עלעגאַנטער טעאָרעמע.
וואָס האָט זי געזוכט אין דער ווילדער פּאָעמע?
דאָס, וואָס מע זוכט אין קאָנטראַסטן.
זי האָט מיר אויסגעטייטשט נאַרווידס גראַמען,
מיר האָבן געלייענט סלאָוואַצקין צוזאַמען
(ס׳האָט זי געצויגן צו פאַנטאַסטן),
און מיט אַ שאַרפן קילן פאַרשטאַנד
האָט זי באַלויכטן געפּרואווט זייער ביידנס
בילדער־נאַכט (ווי זי וואָלט אויף די אַקסלען
געטראָגן דעם גמרא־קאָפּ דעם זיידנס),
נאָר כאָטש עס האָבן מיט ערדישער זיכערקייט
בשעת מעשה די אויגן אירע געגלאַנצט,
האָב איך געוואוסט, אַז איר רו באַגערט
נאָך מיין טונקעלער צעוויכערטקייט.
מיר וואָלטן זיך וואונדערלעך דערגאַנצט.
איך וואָלט איר בלוט געמאַכט לויפן מיט גיכערקייט,
זי — וואָלט מיר פּאַרעס געשאַנקען און מאָס,
און כ׳וואָלט, אַ קינסטלער אַ באַהערשטער,
אין שטרענגער שיינקייט מיין שטורעם פאַרשלאָסן.

זיינען מיר אָבער צו־יונג געווען ביידע,
צו צוימען די גאווה און איר פאַרדראָס.

עס האָט דער גאווה אירער פֿאַרדראָסן,
הלמאי איך פֿאַרליב זיך נישט דער ע ר ש ט ע ר
(זי איז דאָך אַ פּרוי — דאַרף אי ך זיין דער ערשטער)...
מ י י ן גאווה, ווידער, האָט געליטן,
הלמאי זי דערוואַרט אַזאַ באַנאַלע,
אַזאַ וואָולגאַרע זאַך, ווי ליבע,
פֿון מיר — אַן אַנדערן ווי אַלע!
(כאָטש ס׳בלוט האָט געגלוסט און האָט געמאָנט זיין
טייל מיט אַ ווייטיק אַ צעגליטן).

איז גאָרנישט געווען, כאָטש עס האָט ג ע ק אָ נ ט זיין.

## ע נ ט פ ע ר

אַ מענטש פֿרעגט אייביק — אויך צומאָרגנס נאָכן טויט.
און אַלע וועלטן, הערט ער, פֿרעגן ס׳אייגענע וואָס ער
(זיי זײַנען אין דער זעלבער נויט).

נאָר ווייל ער פֿרעגט אַפילו נאָכן טויט
(טויט איז נאָר אַן אָפּדאַכט און נישט מער) —
איז דאָס אַליין דער ענטפֿער.

## אַ פ ו י ג ל אַ ק י נ ד

איך וואָלט געשוואוירן, אַז אָט דער פֿויגל
איז געווען אַ קינד אין וויג.
אָט באַלד וועט עס, דאַכט זיך, נעמען ס׳פּיסל
און עס אַריינשטופּן אין פּיסקל,
און מיט מתיקות זויגן, זויגן,
און ס׳וועלן זיך אַנגיסן מיט גליק
די קליינע שפּיגלדיקע אויגן.

דערנאָך וועט עס האַלטן אַ מאָנאָלאָג
אויף אַ לשון, וואָס איז אינגאַנצן
געבויט אויף אייגענער פילאָלאָגיע,
ריידן און ריידן און טאָן אַ בראָק
אַ חכמה, וואָס קיינער חוץ אים פאַרשטייט נישט,
און זיך פונאַנדערלאַכן אַזוי,
אַז דאָס הינטנדל וועט טאַנצן.

## ס׳קינד אינעם דעמער

פאַרקלונגען איז אינעם מערב
דאָס רויטע געיעמער
נאָך אַ געשטאָרבענער זון.
האָרך צום מעלאַדישן דעמער!
זיי אַ פאַרנעמער
און האָרך גענוג לאַנג,
וועט אַרויס פונעם זמר
אַ קינד — און דיר טאָן אַ דערלאַנג
זיין קליינע האַנט,
וואָס קאָן עפענען די גרעסטע טירן.

דאַרפסט נאָר לאָזן,
ס׳קינד זאָל דיך פירן.

## אויב דו קוקסט אויף די שטערן און גענעצסט

לויב מיך, זאָגט גאָט, וועל איך וויסן, אַז דו האָסט מיך ליב.
שעלט מיך, וועל איך וויסן, אַז דו האָסט מיך ליב.
לויב מיך אָדער שעלט מיך,
וועל איך וויסן, אַז דו האָסט מיך ליב.

זינג אוים די גנאָדן מיינע, זאָגט גאָט.
הויב פויסטן קעגן מיר און לעסטער, זאָגט גאָט.
זינג מיינע גנאָדן אָדער לעסטער —
אויך לעסטער איז לויב, זאָגט גאָט.

נאָר אויב דו זיצסט אין דיין גלייכגילט פאַרצוימט,
אין דיין וואָס־ארט־מיך פאַרגרענעצט, זאָגט גאָט,
אויב דו קוקסט אויף די שטערן און גענעצסט, זאָגט גאָט,
אויב דו זעסט יסורים און שטורעמסט נישט אויף,
אויב נישט דו לויבסט און נישט דו לעסטערסט,
האָב איך אומזיסט דיך געשאַפן, זאָגט גאָט.

## ס׳וואַרטן אויפן מענטש

חיה און פלאַנץ און מינעראַל
קאָנען זיך נישט דערוואַרטן.
מיט פאַרוואורף קוקן זיי אויפן מענטש,
די דריי פאַר־מענטשישע אַרטן.

טרויעריק פרעגן זיי: דער מענטש —
ווען בייט ער זיין הויט, ווען בייט ער?
ווילאַנג דער אדם אדמ׳ט,
ווי לאַנג ער גייט נישט ווייטער,
קאָנען מיר מענטש נישט ווערן
אַזוי ווי מיר באַגערן.
ווען מענטש דערלאַנגט זיך אַ הויב
איבער דער גרויסער לייטער,
גייען מיר אויך אַ טרעפּ אַרויף —
וואָס שטייט ער?

1945.

## דיר אָט די ווערטער, רחל

די וועלט האָט ווי אַ פּעטליע זיך פאַרצויגן
אַרום מיין האַלדז. ביים סוף פון אַלע וועגן
בין איך אין לעצטן גסיסה-צאַנק געלעגן.
ערשט איבער מיר האָט זיך גענומען בויגן
אַ פיגור מיט חסד אין די אויגן —
דו ביסט עס געווען! און דיר אַקעגן
האָב איך פון טויט גענומען זיך באַוועגן
מיט באַנייטן אָטעם. כ׳ווייס נישט ווער
עס האָט געשיקט דיך און דו ווייסט נישט מער
ווי איך. דו ווייסט נאָר, אַז כסדר פלעגן
זיך טראָגן צו דיר קולות: „מענטש, דערהער.
טו וואָס מע הייסט דיך. דו זאָלסט גאָרנישט פרעגן.
גיי און צוריק צום לעבן גיב אַ קער
אָט דעם, וואָס שטאַרבט ביים אויסלאָז פון די וועגן.
מע דאַרף אים דאָ נאָך האָבן. גיי און ווער
דער אָפּגלאַנץ פון זיין דור, וואָס איז פאַרגאַנגען".

האָסט נישט געפרעגט. דו האָסט געפאָלגט. דו ביסט געגאַנגען.

זומער, 1953.

## גנאָד

**רחל׳ען**

און זי דערציילט מיר, ווי עס האָבן איר גע׳עצה׳ט די דאָקטוירים
זיך אָפּצוזאָגן פון איר קינד, דעם האַלבן מת...
(נאָכוואָס האָט גורל שרעקלעכער געהייסן איר: געבויר אים!?)
ניין, זי וועט זיך ראַנגלען, זי וועט ראַטעווען... און ס׳איז געשען אַ נס.

דאָס קראַנקע קינד איז איצט אַ שטאַרקער יונגער בחור... ווען נישט זי —
ווען נישט די נעכט אירע אָן שלאָף, די טעג פון פּיין און פיבער —

וואָלט ער נישט אויסגעוואַקסן צו אַ יונגן גבור,
נאָר וואָלט שוין לאַנג, שוין לאַנג געווען נישט-הי.

זי האָט דעם טויט באַזיגט מיט ליבשאַפט און רחמנות.
און זי דערציילט — און כ׳ווייס, אַז אירע רחמים, גרויס און געטלעך,
וואָס האָבן ס׳קינד געראַטעוועט אַמאָל — דיזעלבע רחמים האָבן
געראַטעוועט אויך מיך פון ווערן לעבעדיק באַגראָבן
אונטער אומגליק און שגעון. שאַ, זי ליפט באַגיסן די וואַזאַנעס —
און ס׳ציען זיך צו איר מיט מיילער דאָרשטיקע די בלעטלעך...

## ע ר ב  אַ  װ ו ע ל ט

איך זע אַן אָפּבילד פון אַ שטאָט,
און אין דעם אָפּבילד, ווי אין אַ ראָם,
זע איך אַ מין אַסטראַל-גוף, ענלעך
צום איצטיקן אהרן ווי אַ גראָם — — —
ער זיצט אויף חורבות...

מיט טרויער, מיט פאָרוואורף און פאַרוואונדער
קוקט יענער אהרן צו מיר אַהער —
אַהער צום אינדזל, וואָס הייסט מאַנהעטן.
(זאָל ער זאָגן, אַז דאָס איז — ער?
ס׳איז מאָדנע, מאָדנע...).

ער קוקט צו מיר און איך, דער צווייטער,
זיץ פאַרקלערט אין דער מיט פון רגע׳ס,
וואָס כאַפּן אַ טאַנץ צווישן לעבן און טויט,
זיץ און קוק צו ניו-דזשוירזים ברעגעס
פון אַ באַנק אויף ריווערסייד.

עס יאָגן אויטאָס, ווי יאָרן יונגע,
וואָס ווילן כאַפּן דעם אומעטום,

און אין אַ פּאַרקערטער ריכטונג לויפֿן
אויטאָס ווי יאָרן, וואָס קערן זיך אום
פֿון די טויזנטע דרויסנס.

עס ווערט פֿאַרנאַכט און איבערן האָדסאָן
גייט־אויף אַ נעפּל, פֿאַרציט די ברעגעס
פֿון ניו־דזשוירזי. מיט פֿלאָם אין אויגן
פֿליען די אויטאָס, נאָר אָן באַוועג איז
דער שטילער נעפּל.

מיין וועלט די ערשטע קוקט צו דער צווייטער.
ברעגעס פֿאַרשלייערטע זעט די צווייטע.
אַז אונטערשטער נעפּל וועט אַוועקגיין,
ווײַזט זיך אַ וועלט, וואָס וואַרט שוין אַ גרייטע:
אַ וועלט אַ דריטע.

.1951

## גלות דרויסן

ס'איז נאַכט. אין פּאַרק, וואָס וואַכט מיין פֿענצטער קעגנאיבער,
זיינען ביימער אַנגעטאָן אין שוואַרצער דאגה'ניש
און קוקן קנאה'דיק צו מיר אַריבער
מיט שווערער שפּיאָנירנדיקער שווייגעניש.
די פֿאַלשע זון פֿאַרשטעלט אַ שוואַרצן אמת —
איצט אָבער ווייסן זיי: ס'איז זייער גורל
צו שטיין אין דרויסן פֿון דער וועלט, פֿאַרלוירן
אין קאַלטער יתום'שאַפֿט פֿון רוים. באַקוועם איז
צו לעבן צווישן ווענט, און נאָכמער — הויזן
אַ זעל אין זיך, אַ ליכטיקע געהיימניש,
וואָס גיט אַ שוץ דעם קערפּער, איר באַדינער.
דאָך ווי צו זיי: קיין גואל נישט, קיין היים נישט...
קוקן זיי אַזוי פֿון גלות, וואָס הייסט דרויסן,
ביז — זיי דרימלען איין ווי שוואַרצע הינער.

## אין אַ האָטעל־צימער

אַ פרעמדע שטאָט. אַ פרעמדע נאַכט. שוין לאַנג זיך צייט צו לייגן,
נאָר ס'נעמט קיין שלאָף נישט. כ'צינד נישט קיין עלעקטרע.
צום הימל בליק איך: בלויז דער הימל איז מיר אייגן.

פריש צאַפּלען זיינע נעצן פול מיט שטערן.
היימיש פאַלט זיין ליכט אויף די באַצעטלטע וואַליזן.
וואָס וואָלט געווען ווען ס'וואָלט אונדז גאָט די שטערן נישט געוויזן?

פאַרמויערט אין אַ וועלט, וואָס וואָלט אונדז אויסגעזען ווי אַלץ־מיט־אַלעם,
וואָלטן מיר נישט חושד־זיין, אַז אונדזער ערדל
איז צווישן וועלטן אָן אַ צאָל אַ נישטיק־קליינער באַלעם.

ווען ס'וואָלט אונדז גאָט די שטערן נישט געוויזן, — ווי פאַרלוירן
וואָלטן מיר געווען אין אָט דעם הינער־שטייג פון אַ פּלאַנעטל,
וואו ס'ווארגן אונדז שיקזאַלן, עיפּוש'דיקע טכוירן!

## דערמאָנונג פון אַן איבערלעבונג אין פּוילן

יאָ, איך קאָן
דערמאָנען זיך גענוי:
פאַרנאַכט, צווישן קושעטקע און באַלקאָן,
האָט זיך גענומען אויפוויקלען אַזוינס,
וואָס האָט געדאַרפט זיין פרוי
און האָט געוואָלט
באַ'פנים'ט ווערן און באַ'קול'ט.

נאָר ווי אַ וואַסער האָט אַרומגענומען מיך אַ קילע,
פלאַטערדיקע שרעק —
און כ'בין אַוועק
אַ סעקונדע פאַרן גילוי.

# פֿון אַ חלום, וואָס איז מענטש געוואָרן

אַ חלום האָט דערפֿילט, אַז ער איז פּוסט,
האָט זיך אים פֿאַרגלוסט
צו ווערן פֿול. האָט ער זיך אויסגעזוכט אַ מענטש
און אים געחלומט. און דער מענטש האָט נישט געוואוסט.

דער מענטש איז עם דערגאַנגען
ערשט נאָך זיבעציק יאָר.
אים האָט עס אויסגעזאָגט דער טויט:
דו ווערסט געחלומט. ס׳וואָרט די וואָר.

איז צו דער וואָר אַרויס דער מענטש
און ס׳איז דער חלום געבליבן פּוסט,
פֿאַרנולט, פֿאַרניינט,
בלינד ווי אַ פֿענצטער אַ פֿאַרקלאַפּטס מיט ברעטער.
אין נעכט אָן לבֿנה האָט דער חלום אָן אַ מענטש
נאָכאַנאַנד געוויינט,
געוואָרט אויף אַ רעטער.

ער האָט נאָכן מענטש געבענקט אַזוי לאַנג,
ביז איינמאָל, אין אַ נאַכט אַ שפּעטער,
איז ער אַליין אַ מענטש געוואָרן. טאָמער וועט־איר
אָנטרעפֿן אַמאָל אים —
שרעקט אייך נישט: ס׳קאָן גריילעך זיין געמאָלט,
אַז פֿריער זייט איר אויך געווען אַ חלום.

## פאַר אַמאָליקסטע אַמאָלן

אור־חשבונות פירט מען שטילע,
מען פאַרשרייבט געהיימע צאָלן,
און פאַראַן אַזעלכע שאָלן,
וואָס מען וועגט אויף זיי אַפילו
דינסטן שטויב, אויף ווינט צעמאָלן.
ווייטסטע צוקונפט מוז באַצאָלן
פאַר אַמאָליקסטע אַמאָלן.

## דער חלום פון אוהעלער רבין

און לאַנג האָט דער רבי תעניתים געפאַסט,
געבעטן, גאָט זאָל־אים
כאָטש אין חלום
ווייזן דעם גן־עדן, וואו עס זיצן
אין שכינה־קרוינען, וואָס בליצן
אויף הייליקע קעפּ, די תנאים.

און ס׳האָט אים אין חלום אַ מלאך געזאָגט:
דערהערט איז די תפילה.
אָט איז מרים׳ס ברונעם —
גיי טבילה.
זיי גרייט.

און אין מרים׳ס ברונעם איז ער טבילה געגאַנגען
און אין ריינקייט דערנאָך אויפן וואונדער געוואַרט
ווי אויף דעם אויפגיי פון אַ זון.
און נון,
די תנאים זיצן אין געררוימע חדרים
איבער גרויסע גמרות.

ניכטער־קלאָר איז
די לופט אַרום זיי און מע זעט נישט
אויף די קעפּ קיין עטרות,
און נישט מע זעט מלאכי השרת —
גאָרנישט.

איינער — מיטן אָנבליק פון אַ מרא־דאַתרא —
זיצט איבער אַ בבא־בתרא.
אַ צווייטער איז אין גיטין מיישב אַ קשיא.
אַ דריטער (אין מוקדם ומאוחר בתורה)
קוקט אַריין אין רש״י.
אַ פערטער
האָט פון אַ תּוספות אַ שאַרפע הנאה.
די חדרים, כאָטש גערוימע,
זיינען אָרעמעלך־גראָע.
הילצערנע בענק און שטענדערס.
אַ ווייסער זקן זיצט און לערנט
מיט אַ ניגון: אָמר אַביי.

און ס׳רוימט דער מלאך אים איין אַ סוד:
„ווייסט ווער דאָס איז? ער גופא! אַביי!
היות ס׳איז אין מוקדם ומאוחר בתורה,
זיצט צווישן תנאים אַן אמורא.
און אַז ער הויבט אַן אויג אויף — וועמען זוכט ער?
דעם תנא דמסייעא״.

און אַז דער מלאך דערהערט דעם רבינס מחשבה:
וואו זעט מען דאָ דעם גן־עדן? —
גיט ער מיט די פליגלען אַ זילבערנעם לאַך
און טוט אים די זאַך באַשיידן:
פאַרשטייו!
נישט די תנאים זיינען אין גן־עדן —
דער גן־עדן איז אין זיי.

## אַ רעגנדל

מלאכים, וואָס נישט זיי שטאַרבן, נישט זיי וואַקסן;
פּלאַנעטן מידע, וואָס לויפן אָן אַ סוף
און אָן אַ פּשטעל אַרום אייגענע אַקסן;
וועזנס פון ווייטע קאָסמישע גאַלאַקסן; —
מקנא זיינען זיי אַ רעגנדל, וואָס שפּריצט
געמישט מיט זון, העל, שנעל און באַלכסון,
וואָס גיט (ווי ס׳לעבן) אַ וויין, אַ לאַך, אַ שווינד,
און לאָזט דער ערד בירושה — ס׳גרינע וואַקסן.

## סענטימענטאַלער ראָמאַנס

פּאַראַן אינעם רייסישן יידיש אַ וואָרט,
וואָס שפּיגלט מיט בלאָיקייט און טאָיאיקט מיט טראָים.
אין מאָליווער געגנט פלעגט הייסן אַ בלום —
אַ בלאָים.

אין מאָליווער געגנט, פון וואַנען איך שטאַם,
אין מאָליווער געגנט, אין רייסישן תחום,
איז אויפגעגאַנגען די בלאָים — אַ באַהעפט
פון בלאָיקייט און בלום.

און טאָי׳איק אַז ס׳ווערן די אויגן ביי דיר,
און צאַנקען די אויגן מיט בלאָיען קאָים-קאָים,
קומט מיר אין זינען, מיין פּאָילישע בלים,
די רייסישע בלאָים.

# אויגן און אַ האַנט

אויגן זיינען דאָ, וואָס וואַנדערן ווי משולחים
איבער די מרחקימדיקסטע דרכים.

ווי מדינה-גייער זיך אַרויסגעלאָזט,
וואונדער כּל-ערליי געטראָפן,
געקומען נישט געבעטן, נישט געמאָלדן,
און זיך אומגעקערט באַלאָדן
מיט כּל-הליכטן, כּל-הגאָלדן.

אויסגעלאָדן די גאָלדן מיט די ליכטן,
נעמען זיי אופסניי
אין וועג אַריין זיך ריכטן.

אויף זייער וואַנדער
נעמען זיי פּעסטונגען פונאַנדער,
באַהעפטן ווייטענישן אַ באַהעפט.

ביז ס'טרעפט:
זיי פאַרגייען צו ווייט און דערבליקן פאַרבאָטנס.
גייט אַרויס אַ האַנט פון צווישן שאָטנס,
פאַנגט זיי און פאַרשליסט זיי אין דער דלאָניע:
„ס'איז פאַרווערט!
ד אַ ס
טאָרט איר שוין נישט אויסזאָגן דער ערד:
ס'וועט שטערן דער האַרמאָניע".

## פון קבר אַרויס קרעכצט די משומדת

ווייען, ווינטן, ווייען,
און עס פליען שנייען,
און עס שפּרייט אַ צלם
אָרעמס ווייסע צוויי.
רייזעלע, וואו ביסטו?
רייזעלע, וואָס טוסטו?
— כ׳ליג אונטערן צלם,
כ׳פויל אונטערן שניי.

אויפן קליינעם צווינטער,
אין אַ טאָג פון ווינטער,
האָט מען מיך באַגראָבן —
און אַ קאַלטע זון
האָט געקוקט פאַרשלאָפן,
און באַלד אין שענק געלאָפן
איז מיין מאַן דער שכּור,
יאַן דער זדון*).

## נאַכט הייבט אָן צו פרעגן

נאכט גיט פלוצעם אַ באַגעגן
זיך אליין
און הייבט פלוצעם אָן צו פרעגן —
פרעגן וועגן
זיך אליין:
איז דען נאכט אַ נאָמען?
כ׳האָב דאָך גאָר קיין נאָמען נישט.

---

*) זדון (פויליש) — אַ מוליער.

בין איך דען אַ יש?
כ׳האָב דאָך קיין נשמה נישט.
בין איך נישט אַ סתם צעפּרעכטער
נישט-מיט-גאָרנישט? גלאַט צענאַכט זיך,
אָן ממשות, אָן אַ וואָג — — —

ליכט דערהערט עס — און צעלאַכט זיך.
און ס׳געלעכטער
איז דער טאָג.

## קאָנטעמפּלאַציע אויף אַ שפּאַציר

האָבן שויבן זיך צעפּאַקלט מיר אַנטקעגן ווי די זונען.
זיי פּייערן: דער פּתרון איז געפונען, איז געפונען!
עס שרייט אין זיי אַ פריידיקייט פון אויפדעקונג, אַ לוסט
פון געפינס. כ׳קום נענטער — ערשט פּלוצטאָלבן ווערט צערונען
די זוניקייט: ס׳האָט אוונט-זון געשפּילט אין זיי אַ רויטע,
פון קעגנאיבער זיך געשפּיגלט אין דער קאַלטער פּוסט.
גרויס זיינען, אַ זון, די מופתים וואָס דו טוסט!
איצט גלאַצן זיי אָן דיר, אין ליידיקייט פאַרגרויטע.

ס׳וועט אפשר דעם עסטעט, דעם ל׳אַר-פּור-לאַר׳עדיקן שוטה,
פאַרקומען דידאַקטיש, אָבער איך (אָן אַלטער חוטא
קעגן דער פּעדאַנטיק פון אַ פאַלשן גוסט,
וואָס רק ער וואָלט מיט כּללים מיט עסטעטישע געשטות׳ט) —
כ׳האָב בשעת-מעשה פאַרט געקלערט (און חזר עס דאָ איבער):
וואָס וואָלסטו, וועלט, פון זוניקייט געוואוסט,
ווען נישט אַ זון, וואָס לייכט פון קעגנאיבער
און שפּיגלט זיך כּסדר אין דיין פּוסטעניש דער טריבער
און מאַכט דיך אויסזען קוים׳דיק און יוסט?
פאַראַן איז בלויז די זון פון קעגנאיבער,
און דו — ווי אָט די שויבן ביסטו פּוסט.

## באַשרײַבונג פֿון אַ חלום

צו טאַליע׳ס אַנדענק

עס זיצן טויבן אויף אַ פֿלאַכן דאַך
אַ פֿענצטער קעגנאיבער. און ביים פֿענצטער שטיי איך
און זע: ס׳נעמט צוציגיין צום סאַמע ברעג פֿון דאַך
אַ טויב. זי גייט צו מיר און אַ פֿאַרגאַפֿטער שטיי איך.

דאַ טוט זי זיך אַ הויב און מיר אַקעגן
איבערן פֿענצטער הענגט זי אַ מינוט—
און וואַקסן הויבט זי אָן אויף מײַנע אויגן, טוט
אויפֿגיין אין פֿרוי־געשטאַלט. זי הויבט זיך מיר אַקעגן,

די טויב, וואָס ווערט אַ פֿרוי. און איך באַוואונדער,
ווי ס׳וויקלען זיך די ליניעס אויף איעדערע באַזונדער
און קומען זיך צונויף האַרמאָניש אין איין בילד.

און מיט אַ שמייכל, וואָס אַזוינס פֿאַרמאָגט די ערד נישט,
קוקט די געשטאַלט מיך אָן — און גיט אַ פֿלי — און ווערט נישט.
און ס׳איז מײַן יאוש גרויס, און ס׳איז מײַן וואונדער ווילד.

## באַריכט פֿון אַ צווייטן חלום

איך קער מיך אום אַהיים. אַ, נישט געווען שוין לאַנג
אין שטוב ביי זיך! ערשט כ׳זע, אַז עפּעס פֿרעמדע זענען
געקומען אין מײַן הויז. רוף איך מיך אָן: ווי קענען
פֿרעמדע סתּם אַזוי אַרײַן צו יענעם? — אויף אַ באַנק
(ז י י ע ר ע מסתּמא! נישט געווען ביי מיר קיין באַנק)
זיצן זיי צו מיר, צו דעם בעל־טענה, מיטן רוקן.
זיי זענען דען מחויב מיר צו ענטפֿערן?... כ׳דערלאַנג
אַ טופּע מיטן פֿוס: ס׳וועט אייך נישט אָפּגיין טרוקן —
וואָס מיינט איר זיך? ס׳איז הפקר?

אַבער אַן אַ קער
זיצן זיי ווי פריער. כ׳פּרואוו זיי טאָן אַ שטורך —
זיי פילן נישט. זיי אַרט נישט. ווי כ׳זאָל גאָרנישט זיין בנמצא...
אין אַלקער גיט זיך עפּעס ווי אַ מייזל אַ וואָרף־דורך.
ניין, נישט קיין מייזל. אַ פיגור אַ דראָענדיקע וואַקסט אַפער —
און פּאַוואַליע מיר אַקעגן ווי אַ כמאַרע שווימט זי.

## אַ ל ף ־ ב י ת

(פּאָלקיש)

זעסט? דאָס איז אַן אַלפ׳ל.
אויבן אָט דאָס פּינטעלע
איז, מיין קינד, אַ חולמ׳ל.
אָלף־חולם — אוי!
זאָג זשע, יאַנקעלע: אוי!

זעסט? דאָס איז אַ בית׳עלע.
נעם אַרוים דאָס פּינטעלע —
ווערט דערפון אַ ווייס׳עלע.
דאָס־דאָ איז אַ צירה׳לע.
ווייס מיט צירה׳לע — ווײַ!
זאָג זשע, יאַנקעלע: ווײַ!

ס׳דריטע איז — אַ גימעלע.
גימל צירה׳לע — גײַ.
זאָג זשע, יאַנקעלע, נאָכאַמאָל:
גימל צירה׳לע — גײַ.

אוי, ווײַ, גײַ — מע דאַרף נישט מער.
אוי, ווײַ, גײַ — און שוין!
קענסט דעם יידנס אַלף־בית,
יאַנקעלע מיין קרוין.

## קריקצואווענס

טאָג, דער פאַרשייטער,
ראַשיגער רייטער, —
קריקצואווענס רייט ער,
קריקצואווענס רייט ער.

דעם מערבֿ׳ס שייטער —
אַש׳יק פאַרבלייט ער.
לייטער אונדז, לייטער, —
מורמלען די קרייטער. —
לייטער אונדז, לייטער,
טויט בענעדייטער*)!

## מחוץ די העלפטן צוויי די ספעריקע

די אַלטע וועלט, די יאַושדיקע, טויט־און־טרעריקע,
חלומט פון אַ וויזע קיין אַמעריקע...
און זי אַליין, אַמעריקע?
זי קאָן דאָך שוין נישט פאָרן קיין אַמעריקע...
טאָ וועלכע קאָנסולאַטן (פרעגן בענקשאַפטן באַגעריקע)
גיבן וויזעס צו אַזאַ אַמעריקע,
וואָס איז מחוץ
די העלפטן צוויי די ספעריקע?

## די טירן פון דער וועלט

ער האָט געזען: אַ זאַך,
ענלעך אויף אים, אַזוי קאָמיש און קליין,
ליגט אָן אַ ריר.

---

*) געבענטשטער (אַלט־יידיש).

וואָס פאַר אַ שייכות — האָט ער געטראַכט —
האָט דאָס מיט מיר?

זיי זיינען אַוועק באַגראָבן די זאַך —
און ער נאָך זיי.
זיי האָבן מספּיד געווען די זאַך,
געע׳אַכ׳ט, געע׳אַכ׳ט,
און זי פאַרשאָטן.

אין זיך אַריין האָט ער געלאַכט,
דער וואַכער שאָטן,
דעם קאָפּ געגעבן אַ דריי־אַרום —
דערזען די טירן פון דער וועלט —
און שטיל דורך זיי
אַרויס.

## דער מאָלער אין מערב

אַן אָרקעסטער טיף אין גראָז,
אַן אָרקעסטער, הויך צעגרילט,
שפּילט אַ לויב דעם מאָלער, וואָס
מאָלט און מאָלט גאָוניש־ווילד
בילד נאָך בילד
דאָרט אויבן.

מאָלט געשווינד, געשווינד, געשווינד,
איילט זיך אויסצולאָדן די
גאַנצע היץ פון זיין ושעני,
ווייל ער ווייס: באַלד ווערט ער בלינד —
נאַכט פאַרשפּינט
די וועלטן.

קאַפּעלמייסטער טיף אין גראָז,
דיין אָרקעסטער שפּילט נאָך. ראָז
גליט אַ באַרג נאָך. אָבער ער
איז שוין בלינד, דער מאָלער. שווער
שטאָלפּערט ער
צום אָפּגרונט.

## ר׳ נחמן צו די חסידים

מיט געזאַנגען
זייט איר צו נחמנען געגאַנגען,
אָפּגעטראָטן אין רננו־צדיקים־קרעטשמעס,
געטאַנצט, געטרונקען שפּירט און חסידות.

און איך? כ׳בין געזעסן ביחידות.

איר זייט צו נחמנען געגאַנגען
און איר זייט געקומען.
איר זינגט געזאַנגען,
נאָר איך — איך פאַר שטאַרבן קיין אומאַן.

איך, נחמן, בין אויך געגאַנגען
צו נחמנען — און נישט געקאָנט דערלאַנגען.
געגאַנגען און נישט געקומען.

## שפּיגלונגען

### I

איר ווידערשיינען פון דעם נישט־פאַרגאַנג,
ווי אָפט איר זייט דער רגע משיג־גבול!
איך קען אייך שוין, איר שפּיגלונגען, פון לאַנג:
עס זיינען אַלע לופטן מיט אייך פול.

הגם איר ווייזט זיך אַ מינוט בלויז — זייט־איר
נישט עדות פון נישטאָ־מער און פון אויס,
נאָר עדות פון אַן אייביקייט אַ נאָענט־ווייטער,
וואָס שפּיגלט אָפּ אין מיניאַטור איר גרויס.

## II

איך שרייב די ווערטער אויפן דאָרף, אין אַ פאַרנאַכט פון זומער.
ס'ווערט מידער דער קאָנצערט פון זינגער, גרילצער, זשומער,
וואָלקנס דערברענען, ביימער־שפּיצן גליווערן
און גאָלד־לאַמטערלעך צינדן אָן די גלי־ווערעם.

איך טראַכט, אַז עס וועט ווען־עס־איז, אין מידן שימער
פון אַ פאַרנאַכט אַזאַ, אַ שטילן און אַ הייסן,
דאָ עמעצער פאַרבייגיין. ס'וועט שוין הייסן
אַנדערש דאָס אָרט, און איך וועל זיין נישט־הי מער:
שוין לאַנג — אין נישט־פאַרגאַנג. פאַרחידושט ווערט ער
און שטייט געפּלעפּט: אַ מענטש־פיגור דערזעט ער שרייבן
עפּעס אויסטערלישע אומבאַקאַנטע ווערטער —
און אָט די ווערטער, וואָס זייער מיין וועט ער נישט קענען,
וועלן זיין מכּוח שפּיגלונג, וואָס זאָגט עדות וועגן בלייבן,
אַמאָל געשריבן אין אַ דאָרף ביוקענען.

ביוקענען, נ. י.

# נאָך וועגן שפּיגלונגען

סצענעס, וואָס קיין שום פּינזל, קיין שום פּען
האָט קיינמאָל נישט געמאָלט און נישט באַשריבן —
אין האַוואַנע האָב איך זיי געזען
פאַרנאַכט איבערן ים פון די קאַריבן.

ס'איז צופאַל-שפּיל פון ליכט, — האָב איך געוואוסט,
נאָר כ'האָב מיין וויסן נישט געטרויט. איך האָב געמוזט
גלויבן אַ געשפּיר, וואָס האָט פאַרזיכערט,
בשעת איך האָב מיט וואונדערונג געזען עס,
אַז נישט קיין צופאַל האָט זיך עס צעוויכערט
פאַר מיר אין אָט די גליענדיקע סצענעס.
די בילדער אָט-אָ-די איבערן ים —
זיי זיינען שפּיגלונגען פון וויטן פאַקט,
וואָס לעבט אין נישט-פאַרגאַנג. אַ מענטש, דערקען עס:
דאָס פּראַוועט מאַלצייטן און גייט אויף יאַגד
קובאַ'ס פאַר-קאָלומבוסדיקער שטאַם,
און וואָס ער זאָגט ווערט איבערגעזעצט אין פלאַם,
און די געלעכטערס זיינע האַלטן אין איין פּלאַצן —
און ביים ווירבלדיקן קלאַנג פון טאַצן,
פאַרוואַנדלטע אין פייער, טאַנצט ער אויס אַ פרייד,
וואָס האָט קיין גלייכן און קיין גראָם נישט.

# אין וואַרשע, אַרום הויז, וואָס איז פאַרברענט...

אין וואַרשע, אַרום הויז, וואָס איז פאַרברענט,
שוין לאַנג פאַרברענט, דעם הויז, וואו איך האָב
אַמאָל געדאַכט, געוויימיקט און געליבט,
וועט עמעצער דערזען אַמאָל מיין קאָפּ
אין מחשבות צווישן מיינע הענט,
און אויף אַ שאָטן-טיש — אַ מאַנוסקריפּט.

און אַן אַנדערער, אַן אהרן-אליעזר'נער,
וועט פון אַ נישט-פאַרגייאיקייט אַן אַקעאַניקער
קוקן צו זיין שפּיגלונג אין אַ וואַרשע אַ געוועזענער
און אייביק אַ פאַראַניקער.

## אַנומלט, ווען כ׳האָב וואָלקנס אָבסערווירט...

אַנומלט, ווען כ׳האָב וואָלקנס אָבסערווירט פֿאַרגאַפֿט,
האָב איך געהערט ווי ס׳הויבט מיין רעיון אָן צו לאַכן:
וואָס טייטשסטו זיך אַריין אין זאַכן אָן אַ האַפֿט?
מאַלע וואָס אַ ווינט פֿאַלט איין צו מאַכן
מיט בייטעוודיקן וואָלקן־צייג. עס קאָן אַ ווינט
אויפֿשטעלן אין הימל גאַנצע כּרכ׳ן.

האָב איך געענטפֿערט אים: איז וואָס, אַז ווינט?
דו־חכם, אויך אַ ווינט איז אַ שליח
פֿון יענעם בוי־מייסטער, וואָס דאַרשטיק גלי איך
אין מיין פֿאַרלאַנג צו וויסן ווי ער בינדט
צונויף אין איין געביי די ווייטסטע זאַכן.

מיין געדאַנק האָט אויפֿגעהערט צו לאַכן.

## אַ טעקסט, וואָס צו דער אייביקייט געהערט ער

עס טרעפֿט: כ׳ליג האַלבע נעכט אַ וואַכער און אין מיר
קלינגען טראַגיש־הייסע דיאַלאָגן.
איך לעב אויפֿסניי מיט פֿאַרוואורפֿן, מיט טרערן — און מיט רייד,
וואָס מיר פֿלעגן זיך בעת וואָרט־דועלן זאָגן
אין יענע יאָרן, ווען דו ביסט געווען דאָ אויף דער ערד.
כ׳דראַמאַטיזיר אויפֿסניי אין זיך אַ ליבשאַפֿט,
וואָס איז פֿול געווען מיט דעם געוויין פֿון נישט־פֿאַרשטיין
און מיט דער גאווה פֿון נישט־מוחל־זיין. אַליינער ווי אַליין,
רייד איך פֿאַר אונדז ביידן. איידער שלעפֿערישע מידשאַפֿט
קומט און שאַרט אַוועק מיין מוח׳ס קונציקע געוועבן —

פּרואוו איך אויסבעסערן רייד פון יאָרן צענדליקער צוריק,
וויל מתקן־טעות זיין אַ לעבן,
ענדערן דעם טאָן און ענדערן די ווערטער
אין אַ טעקסט, וואָס צו דער אייביקייט געהערט ער.

## אַ קרעכץ

אָ, ווען אַנטלויפן
די שדים, וואָס גוי׳עווען,
בושעווען, וואַיעווען
טיף אין די בלוטן מיר?
ווען וועסטו ווייזן
אַ סימן צום גוטן מיר,
טרייבן פון מיר,
פון מיין טיף, אַלע אויסוואורפן,
טיף אין מיר אויסרופן
שבת?...

## לויב

לויב דעם, וואָס זיין צייטיקייט
וואַרט אויף דער פרייד
פון דער אַנדערזייטיקייט,
דעם, וואָס איז גרייט
און אַלץ גרייטער
צו פאַלן אַהין, אויף דער זייט אויף דער צווייטער!

ניין, נישט גזירה,
נישט טויט!
איבערן פלויט
פאַלט צייטיק די פּרי —

און דאָרט, אויף יענער זייט, ווערט זי געפונען.
עס גיט זי דאָרטן אַ הויב
דיזעלביקע האַנט, וואָס מאַכט זונען.

לויב!

## פּ אַ ר אַ ן אַ פּ אַ ר ל אַ מ ע נ ט

פּאַראַן אַ פּאַרלאַמענט,
וואָס ברענט
אין קאָסמישע דעבאַטן.
ס׳דעבאַטירן וועלטן — און נישט זעלטן
צעשלאָגן זיך די וועלטן.
ס׳קומען פאָר סקאַנדאַלן און פאַרראַטן.

אַלץ גייט דאָרט קרום,
נאָר גראָד אַזוי־אַרום
ווערט דערקאַנט וואָס גלייך איז.
פון האַס ווערט שייכות,
שלום — פון פאַרלענד.

און ס׳וואַרטן אַלע דורות אויפן דיכטער,
וואָס וועט קאָנען ווערן דער באַריכטער
פון יענעם פאַרלאַמענט.

## פאָרפאַסט אין אַ ווינטערטאָג

דער שניי — אַ זילבערנער בעכער,
זון, פאַר דיין גילדענעם ווײַן!
אַ טאָג אַזאַ איז אַן ענטפער
דעם קאָפּ, וואָס לייקנט פון גאווה,
דעם הארץ, וואָס לייקנט פון פּיין.
אין זוניקע טעג אַזוינע
קאָן קיינער קיין כּופר נישט זיין.

## ליד פון נאָך־מאַידאַנעקשער אמונה

אויב ס׳איז מעגלעך געווען אויף דער ערד אַזאַ טומאה,
אַ טומאה אַזאַ גאַנצע פון די נישט־גוטע,
איז מעגלעך אויף דער ערד אויך אַ קדושה אַ גאַנצע,
אַן אַבסאָלוטע.

אויב אַזוינס איז געווען — איז אויך דער היפוך מעגלעך.
ס׳הערט אויף ניואַנס, ליכט־שאָטן־שפּיל, טאַקט פון דריי פערטל.
קאָנקרעט ווערט משיח, וואָס מע האָט פון אים געמאַכט
אַ קאָקעטיש פּאָעטיש ווערטל.

ווען ס׳האָט דער טייוול מיט דייטשלאַנד געהורט,
איז אַנטי־משיח געווען די געבורט.
ווער־זשע, קדושה, ווי טומאה גאַנץ און דינאַמיש!
ווער פאַרקערט פון פאַרקערט — און זאָל ווערן משיח אויס וואָרט:
זאָל ער קומען בפועל ממש!

1947.

## מיין וואַרשע

מיין וואַרשע בויט מען נישט ווידער.
מיין וואַרשע בלייבט אייביק צעשטערט.
איך קען זי נישט, — זאָגט די לאַנדקאַרט.
עס ווייס נישט פון איר די ערד.

אַ הויז איז געווען אויף שליסקע.
דאָס הויז אויף שליסקע איז אוים.
אַ הויז איז געווען אויף שיענגע.
וואו איז דאָס הויז?

אין אַ מער־נישט־פאַראַנענער וואַרשע,
צווישן מער־נישט־פאַראַנענע ווענט,
האָב איך געלעבט — און גאָרנישט.
אוים און פאַרברענט.

און דאָס איז אַלץ. עס קאָן
די קלאָג נישט ווערן געקלאָגט.
צו גוואַלדיק איז דער קדיש,
ער זאָל קאָנען ווערן געזאָגט.

דער שטומער קדיש וועט שטאַרבן
מיט אונדז צוזאַמען — און אַלץ
וועט, ווי אַ לידל אָן אַלטס,
ווערן פאַרגעסן.

1946.

# אײנזאַמע דרײ

פֿאַר׳מחשבה׳ט
זיצט אין קן־צפּור אײנער אַלײן
משיח בן־דוד.

פֿאַר׳מעשׂה־מרכּבֿה׳ט
זיצט אַ מקובל אײנער אַלײן
און טראַכט פֿון בן־דוד.

אײנער אַלײן
טראַכט אױפֿן טראָן־שטול דער מלך־הכּבֿוד.

װען טרעפֿן זײ זיך זאַלבעדריט,
באַשעפֿער, משיח און ייִד ?

גאָט איז אַלײן, ייִד איז אַלײן,
אַלײן — דער דערלײזער.

און עשׂו עשׂו׳ט אַלץ בײזער.

# איייניקע טעקסטן פון די פּאָריקע בענד — איבערגעאַרבעט טיילווייז אָדער אינגאַנצן

## שבתי צבי*)

היים געהויבן זיין קול־רינה
האָט פּאַרצייטנס שבתי צבי
און געוועזן איז זיין נגינה
פול מיט חלום און מיט גלי:
„ווי אַ יונגפרוי, לייכט און טאַנציק,
האָסטו אויסגעזען, בשעת
ס'האָט — ווי מעסערם ריין און גלאַנציק,
ווי באַגינען־טויען נאַס —
מיר דאָס לייב דיינס, פריש געבאָדן,
אינעם אויג דערלאַנגט אַ שלאָג,
גלייך אין שפּאַלטן פון אַ לאָדן —
אַ צעשמייכלטער פאַרטאָג.
ס'האָט געשיקט דיך די פמליא,
לייב פון לייבער דיין לבוש.
ביסט געקומען באתגליא,
זיך אַנטפּלעקט צו מיר בחוש.
ס'האָט נאָך קיינעם נישט געטראָפן
פון די גרעסטע יודעי־ח"ן,
זאָלסט זיך ווייזן צו אים אָפן —
ס'האָט געטראָפן מיך אליין.
זינג איך: שובי, השולמית!
ווייז דיך ווידער, ליכטיק לייב!
אוים פאַרטאָג! ווער זון אין תמוז —
און פאַרבלייב מיט מיר, פאַרבלייב.
אָן דער נוקבא פלעגן קומען
די משיחים ביז אַהער...
איך ערשט האָב דעם סוד באַנומען —
און צו דיר איז מיין באַגער.

---

*) פולע איבעראַרבעטונג פון דעם יוגנט־ליד „שבתי־צבי", ערשטער באַנד, זייט 180. בלויז טיילן זיינען איבערגעלאָזט.

כ׳האָב מגרש־געווען טעכטער
פון דער ערד — פון וועגן דיר!
כ׳גרייט תיקונים אין די נעכט דיר — —
קום אפיר שוין, קום אפיר!״

אָט אַזוי האָט זיין קול־רינה
היים געהויבן שבתי צבי
און געווען איז זיין נגינה
פול מיט חלום און מיט גלי.
און תלמידים, פול התפעלות,
סוד׳ען זיך, אַז ווי נאָר ז י
ווייזט זיך — קומט אויך דאָס התגלות
פון דעם גואל שבתי צבי.
עס וועט שיינען אַזאַ שײַן דאָן,
וואָס עס האָט זי נישט די זון,
און ס׳וועט העכסטער זיווג זיין דאַן:
פריידיק־נייער י ח ו ד ז ו ״ ן...

קומט אַ נייס אָן קיין קאַאירא,
אַז אַ שרה איז פאַראַן
אין ליוואָרנאָ, — זינגט זי שירה:
„ס׳וועט משיח זיין מיין מאַן״.
און אַ רויז איז אָט די שרה,
וואָס האָט אויפגעשאָסן, זאַט
מיט קאַלירן געטלעך־קלאָרע,
נאָך די רויטע ת״ח־ות״ט.
נישט געווען אַ פּראַכט ווי אירע,
מלכות־פּראַכט פון קאָפּ ביז פיס...
שנעלער, שלוחים פון קאַאירא!
זי מוז ווערן שבתי צבי׳ס.

**
*

ווער קאָן מאָלן אירע פּראַכטן?
אירע אויגן גליען גרין,
און די האָר די הייסע נאַכטן,
און זי זאָגט צו שבתי צבי'ן:
— שטעל די חופּה אין מצרים!
אין מצרים לייז מיך אויס!
נאָכדעם פּאָלט ירושלים
ווי אַן עפּל דיר אין שויס...

ס'זיינען מאַן־און־ווייב שוין ביידע —
און די ערד איז אַלץ נאָך ערד.
נאָר עס סוד'עט זיך די עדה:
עפּעס ווערט באַלד... עפּעס ווערט...
פליט דער סוד אַרויס אין דרויסן,
פליט אַרויס און ווערט באַקאַנט.
דורך דעם גלות דורך דעם גרויסן
פליט ער אום פון לאַנד צו לאַנד.
ס'קומט די תקומה שוין, די תקומה!
אויך די שטומע קריגן רייד,
און עס צאַפּלט אויף אַן אומה:
שבתי, שבתי, אונדזער פרייד!
און עס וואַרט ירושלים...
און אויך שרה וואַרט, אויך זי...
אָ, אין קליפּות פון מצרים
שטעקט דיין שרה, שבתי צבי.
איז געווען אַן אשת־זנונים —
און זי וואַרט נאָך אַלץ, איר מאַן
זאָל פון אָפּגרונט מיט תיקונים
הויך אַרויפהויבן איר מ"ן*).

אַלע הערצער צאַפּלען צו'ן־אים:
שבתי, שבתי, אונדזער טרייסט!

---

*) מיין נוקבין.

אָבער שבתי צבי׳ס תיקונים
האָבן שרה׳ן נישט דערלייזט.
און געזאָגט האָט שרה: ווײ מיר...
קאָנסט נישט הערשן, שבתי צבי!
ביסט דער האַר נישט, דער געהיימער, —
פאַר מאַכמעד׳ן בויג די קני!

און נקמה האָט גענומען
אין אים שרה, ווען עס האָט
דער סולטאַן אַ קנעכט באַקומען
אין דעם הילפלאָזן בעל־סוד.
עלנט זיצט ער, אַן עפענדי,
שוואַך און לויז אין „מגדל־עוז"...
איז נאָך ווען־עס־איז געווען די
ווייב־נקמה אַזוי גרויס?
אַרום אים האָט נאַכט פאַרצויגן
אירע פאַרהענג און מיט צוויי
גרינע שטערן — שרה׳ס אויגן —
אַ באַפעל געטאָן: פאַרגיי!

ס׳האָט געוויינט אַ גאַנצע אומה,
ווען דער חלום האָט גענאַרט:
טאָפּל ווייט איז זי די תקומה,
און דער גלות — טאָפּל האַרט.
נאָר אַ גואל וועט נאָך קומען,
וואָס פון שרה׳ן מאַכט ער — רות.
ער באַוואָינט געהיימע תחום׳ען
און מיר לעבן אין זיין זכות.
ס׳וועלן קללות ווערן ברכות,
טויטן קליפּות וועט זיין שטראַל.
הגאולה היא הכרחית, —
האָט געזאָגט דער מהר"ל *).

*) לייען: הגעאולאָ היא העכראָכיס; מאַהאַראַל.

# מנחם בן־עמיאל*)

מנחם קומט, עמיאל׳ס זון!
פון אונדזער בלוט גייט אויף זיין זון.

עס איז די וואָלקנס שוין באַקאַנט,
שוין ריידן שאָטנס אויף דער וואַנט,

די פייגל זינגען שוין דערפון:
מנחם קומט, עמיאל׳ס זון!

באַלד וועט ער אויפשטיין ווי אַ בראַנד,
האַקט אָפּ סמאל׳ס רעכטע האַנט,

איז ממשיך גנאָד אויף אונדז און ברכות
מיט צוויי און זיבעציק המשכות,

גיסט אוים גאָט׳ס גייסט אויף קינד און קייט
און רייסט, צערייסט די לעצטע קייט.

פון טיפסטן שאָטן לייכט זיין ליכט,
פון שוואַרצסטן וואָלקן — זיין געזיכט.

ס׳ווערט איבער צייט און אויסער טויט
דער נייער מקדש שוין געבויט,

וואָס וועט נישט וויסן פון פאַרלענד:
אים בויען נצח׳דיקע הענט.

*) אַן איבעראַרבעטונג פון דעם ליד „מנחם בן־עמיאל״, ערשטער באַנד, ז׳ 189. אייניקע שורות פון אָנהייב בלייבן ווי פריער און ווערן דאָ איבערגעדרוקט צוליב דער גאַנצקייט פון דער זאַך. די רעשט איז אינגאַנצן געענדערט.

ווער ברענגט דאָס הויז אַראָפּ, דאָס דריטע,
וואָס ס'האָט נישט פּלאַס אויף דעם קיין שליטה?

ווער טוט עס ברענגען אין דער נידער?
ווער וועט עס טאָן א שטעל אַנידער

אויף ציון'ס באַרג? דער מאַן מנחם,
ווען מיר דערזעען אויף דער וואַך אים!

אין אַ פאַרחתמ'עטן בית-תפילה,
וואָס טרויערט נאָך אַ טויטער קהילה,

וואו ס'שוועבט די שכינה, די אַלמנה,
ווי אַ פאַר'אבל'טע לבנה,

וואו ס'זאָגן וועגט אַ קדיש-יתום —
דאָרט קומט מנחם אין שבתים.

ווי נאָר ס'גייט אויף זיין העלע מראה —
ווערט שלאָס פאַרשוואונדן, טיר מאַכט ווארע.

די פוסטע שול איז ער מפיים
מיט בשורות וועגן דריטן בית,

וואָס ווערט שוין פאַר דעם באַרג פון ציון
געבויט אין הייליקע נישט-הי'ען.

איעדן שבת פונדאַסניי איז
דער מאַן מנחם זי מפיים.

די פוסטע שול איז מער נישט נאַקעט.
פּרוכת-לייבן, — אַלט-פאַרבליאַקעט,

פאַרשטויבט אין הילפלאָזער עניוות, —
איצט טרייסלען זיי די שטאָלצע גריוועס

און מאַכטפול ברילן זיי אַ גרוס אים.
ישועות וועקן זיך און זכותים.

דער ליידיק-אומעטיקער אָרון —
אים צאַנקט אַ תורה אין זכּרון.

א י צ ט  ווערט ס׳געדעכעניש אַ וואָר אים:
ער לייגט מנחמ׳ען אין אָרעם

אַ ספר-תורה... און אָט ליגט זי
אָן אויפגעעפנטע... ס׳באַגליקט זי

זיין בליק, וואָס לייקנט אינעם טויט.
און ס׳רופט מנחם אוים: יעמוד!

רופט אויף זיך גופא צו דער תורה —
און ער אַליין איז דער בעל-קורא.

וואָס איז מנדר בן-עמיאל,
דער גואל-צדק פון אַריאל?

גאולה פולע, גאולה גיכע
איז ער מנדר, מלכּא משיחא!

## סולטאַן אַל־יאַהוד*)

ס׳וועט זיין אין דעם שוין מער ווי אַ יאָר צוואַנציק.
הויך ברענט די זון — אַ גאָלדענע מנורה.
ס׳לויפט דאָס אויטאָ באַרג־אַרויף עפּעס ווי שיכּורלעך און טאַנציק —
ירושלים־צו. פול מיט דערוואַרטונג־פרייד און מורא
צעגיסט זיך ס׳הארץ — אַ מעין המתגבר.
דעם קאָפּ קערט אום דער שאָפער דער אַראַבער
און זאָגט ווי ר׳וואָלט אַ חלום מיר באַשיידן:
געגליכן צו אַן אָדלער אין זיין נעסט,
וואוינט אויף יענעם באַרג — אָן דאָרט — דו זעסט? —
דער קיניג אַל־יאַהוד, סולטאַן פון ייִדן...

*) איך גיב דאָ אַ נייע, איבערגעאַרבעטע ווערסיע פון די ערשטע צען שורות פון דעם ליד „סולטאַן־אַל־יאַהוד" (באַנד 1, זייט 126). די רעשט בלייבט נישט געענדערט. אגב, אין שורה 7 פון דעם טעקסט, ווי ער איז געדרוקט אין ערשטן באַנד, איז „דו זעסט דעם הר־הזיתים?" אַ טעות; ס׳האָט דאָרט געדאַרפט זיין: דו זעסט דעם הר־הצופים? א. א. ו.

## מלאכים אויף אַ טאָג*)

(נאָך יעזשי זשולאַווסקי׳ן)

הויך קאָכט נהר־דינור. די כוואַליעס — בראַנדיקע טאַבונען —
זעצן מיט רויטן שוים און יאָגן ווייט צו די העט־העטן.
פאַרטאָג נאָר טוט דעם טייך דעם רוענדיקן גלעטן
אַ טונקל־רויזער נעפּל, דין און ציטערדיק געשפּונען,
און שפּעטער, ווען ס׳ווערט אויסגעוועפּט דער ציטער־נעפּל — קאָן מען
זען מלאכים פריש־געבוירענע, געוויקלט אין פּורפּורן.
אַ טאָג אַ גאַנצן הענגען זיי איבערן טייך די־נור און
ס׳ווערט זייער לויב־געזאַנג צונויפגעגאָסן מיט דעם שאַל פון שטראָמען.

*) אַ פולשטענדיקע איבעראַרבעטונג פון סאָנעט „שרפים", וואָס געפינט זיך אין צווייטן באַנד, זייט 590. — געבויט אויף דער אגדה וועגן נהר־די־נור. —

דער טאָג פאַרגייט — גיט זיי דער פייער־טייך אַ טאַנץ איבער די קעפּ און
ער נעמט זיי אויפּאַמאָל פון הינטערווײַלעכץ שלעפּן
צום תהום... געשריי, געוויין. אַ מלאך אויף די קני בעט
ביים ווייטן הימל: „כאָטש איין טאָג, איין טאָג נאָך באָרג אונדז!״
אומזיסט... מלאכים נייע וועלן אויפקומען צומאָרגנס,
אָפּזינגען אַ טאָג — און גיין, ווי זיי, לאיבוד.

## טויט*)

דער בלינדער, וואָס איז יאָרנלאַנג געזעסן
אין דער מיטן פון מיינע מעת־לעת׳ן,
פאַרהאָרכט אין אַ ווייטן געזשום אַ נישט־היגן, —
וועט זאָגן צו די טעג: איר האָט דערעסן,
עפענען די אויגן און זיך נעמען קריגן.
אַ סוף, — וועט ער שרייען, — אַ סוף צו דעם גוף,
דעם שפינוועבסדיקן ליגן!
אין אַ ניגון
וועט אַריבער זיין געבייזער — און ער וועט אַרויס.

צו גאָט וועט ער שפּאַנען פאַראויס
מיט ברענענדיקע אָרעמס, און איך — איך וועל ליגן
אויפגעלייזט — אויסגעלאָזט — אוים.
צום טלית, וואָס וועט מיין געוועזנס באַדעקן,
דעם טלית מיט דער פסולער ציצה, וועט שמעקן
דער טויט ווי אַ מויז.

*) איבעראַרבעטונג פון דעם ליד אונטער דעמזעלבן נאָמען, באַנד 1, זייט 256.

# פאַריזער נאַכט*)

## I

די דאַמע לויפט, איר הינטל לויפט,
דער הער לויפט־נאָך נאָךביידן...
עס לויפט דער טויט, דאָס לעבן לויפט —
(ווער וועט דעם טרויס באַשיידן?).

די דאַמע לויפט, איר הינטל לויפט,
די הערן און די הורן.
עס לויפט דער טויט, דאָס לעבן לויפט —
(צי בלייבן ערגעץ שפּורן?).

הו־האַ! לאַ־לאַ!
הו־האַ! לאַ־לאַ!
אויף פּלאַס דע ל'אָפּערא,
דאָרט, וואו די נאַכט די שטאָלצע טאָגט,
בלייבט איינער שטיין ביי שטומער וואַנט,
הויבט אויף אַ האַנט,
הויבט אויף און זאָגט:
גאָט, ראַטעווע פּאַריז.

אַ שטערן פאַלט,
אַ שטערן קניט פאַר זיינע פיס.

## II

ווער איז דער, וואָס שיקט צו גאָט
זיין נאַכטיק קורץ געבעט?

*) דאָס ליד „פּאַריזער נאַכט“, באַנד צוויי, זייט 526, האָב איך געפּונען פאַר נייטיק איבערצובייטערן (דער ערשטער טייל איז נישט־געענדערט, חוץ צוגאָב פון דער פאַר־לעצטער שורה). סוגעסטיווע נישט־דערזאָגטקייט קאָן זיין אַ מעלה, אָבער דער נוסח, וואָס איז געדרוקט אין באַנד צוויי, איז מיר פאָרגעקומען שוין צופיל נישט־דערזאָגט.

ער איז
פון די נסתּרים (פרומע זייער
פון געבעטן), וואָס אין זייער
זכות דעם שטילן לעבן שטעט — — —

און פאַר זיינע פּים
ליגט דער שטערן, רעדט:
„כ׳בין דער פּאַטום פון פּאַריז,
איר פלאַקערדיקער גזר...
אַ, מיך גרוילט אַ גרויל אַזאַ!
קאָנסט מיך אפשר לעשן, האַר?״ —

נאַכט אויף פּלאַס דע ל׳אָפּערא — — — —

## רעאַל*)

ביי עפּילעפּטיקער און קינדער —
גיי, פאַרש דעם סוד פון זעען קלאָר!
די וואָרע וואָר דערבליקט, אין בלינדער
אַל־זעאיקייט, אַ סגי־נהור.

די בליקן שאַרף, זיי זאָלן קלאָר זיין!
חלפים זאָלן זיי דיר זיין
צו שעכטן אָפּדוכט, כלומרשט, שיין —
און מאַך אַ ברכה אויף דעם וואָר־זיין.

די וועלט פון נס, די וועלט פון וואונדער —
ווי לאַנג זי וואַרט אויף דיר אומזיסט!
נישט ווייט איז זי און נישט באַזונדער:
זי נסי׳מט דאָרטן וואו דו ביסט.

*) פולע איבעראַרבעטונג פון דער ליד „וואונדער״, באַנד צוויי, זייט 527.

אַ דו, פֿאַנטאָם, וואָס שפּילט טעאַטער
אין דעמפּן חושך פֿון אַ שטאָל!
דערזע זי, שאָטן־שפּילער מאַטער,
דערזע — און ווער, ווי זי, ר ע אַ ל!

## ג ל ג ו ל י ם

פערד מיטן בליק
פֿון אַ דולן פֿאַרגעסער,
ביסט מיט יאָרן צוריק
געווען אַ פּראָפֿעסאָר.
דיינע אויערן הענגען
ווי טויטע ציטאַטן...
אַמאָל דערמאָנסטו זיך
אין סאָקראַט'ן — —
עס גיט זיך צומאָל
אין זכרון אַ שאָקל
אַ וואָרט: מאָנאַדע —
עמפּעדאָקל — —
נאָר ווילסטו געדענקען
דעם פּירוש המילות,
איז אַלץ אומזיסט —
כאָטש הונדערט מאָל וויל עס.
שאַ, אפשר ווייס
די פֿאַרכּישופֿטע קאַץ,
וואָס איז דאָס אַזוינס
דער סינטעטישער זאַץ?

*) אינעם ליד אונטער דעם דאָזיקן נאָמען, באַנד איינס, ז״ז 263־64, האָב איך איר געאַרבעט עטלעכע סטראָפֿן פֿון דעם אָנהויב — און איך גיב זיי, פֿון קלאָרקייט וועגן, צוזאַמען מיט שורות, וואָס זיינען געבליבן נישט געענדערט. די רעשט פֿון דעם ליד (פֿון: „פּירעקיקער בולדאָג" ביז צום סוף) בלייבט אַזוי ווי פֿריער.

## בלינדער, געפירט פון אַ קינד*)

דעם בלינדן אַלטן שפּילער
פירט אַ קינד אַהיים. דער אָוונט גייט אין גאָלד.
פון מערב ווינקט צום קינד
אַ וואָלקן אַ בשׂמחה־דיקער מיט אַ רויטן טראָלד.

דער אָוונט־ווינט — וואָס וויל ער?
וואָס רעדט ער צווישן גרעזער דאָרט אין ראָוו?

עס הערט דער שפּילער —
דעם סוף.
און ס׳קינד זעט דעם פריילעכן וואָלקן.

*) איבעראַרבעטונג פון ליד: בלינדער און קינד, צווייטער באַנד, זייט 616. אגב, איז פון דער ווערסיע, וואָס איך וואַרף איצט אָפּ, אַרויסגעפאַלן אין דרוק די צווייטע שורה (נאָך: דער בלינדער פידלשפּילער גייט אַהיים), וואָס האָט זיך געלייענט: אים פירט אַ קינד. דאָס האָט געמאַכט אומפאַרשטענדלעך דאָס שייכות צווישן קינד און בלינדן. דאָס ליד איז על־פּי־טעות נישט אַריין אין דער אינהאַלט־פאַרצייכעניש צום סוף פון צווייטן באַנד.

## גרייטקייט*)

אַליין בין איך געבליבן,
מחוץ דעם קאַראַהאָד,
און הימלען ווייטע זיבן
פאַרשטעלן מיר מיין גאָט.

עס שטאַרבן די געפילן,
עס לעבט נאָר איין געפיל:

*) אין דעם ליד מיט דעם זעלבן נאָמען: גרייטקייט, באַנד איינס, זייט 16, האָב איך געענדערט בלויז די לעצטע פיר שורות, נאָר היות ווי דאָס ליד איז קליין — ווערט עס דאָ איבערגעדרוקט אינגאַנצן.

כ׳האָב אויפגעהערט צו שפּילן,
ס׳איז אָפּגעשפּילט די שפּיל.

אין נאַכט אריין וויל שפּרינגען
מיין גייסט ווי אַ מעטעאָר
און אַ באַפרייטער זינגען
מיט גייסטער אין איין כאָר.

אַ צאָל אויסגעבעסערטע שורות — און
באַמערקונגען צו לידער אין די
פאָריקע צוויי בענד

# אייניקע אויסגעבעסערטע שורות

**אַ ייד,** באַנד צווייי, זייט 453, שורה 2 פון אונטן:

שוואַרצפלאַמיקע אייגלעך
אין פנימלעך ווייסע ווי טייגלעך
גלייך שטיקער שוואַרץ עברי אין סידור.

אַ פערטל יאָרהונדערט נאָכדעם, ווי די שורות זיינען געשריבן געוואָרן, האָב איך גאָרנישט צום בילד גופא, בין אָבער שטאַרק אומצופרידן מיט די פליטת־הקולמוסדיקע „טייגלעך" (וואָס זיינען גיכער געל איידער ווייס).

די לעצטע צוויי שורות פון די ערשט־געבראַכטע דריי דאַרפן געלייענט ווערן אַזוי:

אין פנימלעך בלייכע ווי שניי, גלייך
שטיקער שוואַרץ עברי אין סידור.

***

**חופּה־נאַכט־ליד,** באַנד 2, זייט 508, שורה 5:

ס׳געלעגער שמעקט מיט פייכטן היי.

די שורה דאַרף געלייענט ווערן:

ס׳געלעגער שמעקט פריש ווי היי.

***

**קאָסמישער נייַן,** באַנד 2, זייט 530, שורות 3 און 4, גערעכנט פון אונטן:

אַנשטאָט:

ס׳האָט געציטערט קוים־קוים ברוינע לופט ווי אַ וואַרעמע פלוים

(אַ בילד, וואָס האָט פאַר מיר געדעמערט און איז נישט „אַרויסגעקומען"), דאַרף זיין:

ס׳האָבן זונען געברענט... ווי אַ הויך אויף אַ פלוים
האָבן רוימען געציטערט קוים־קוים.

***

**אויטאָ־פּאָרטרעט,** באַנד 2, זייט 536, שורה 8:

און ר׳ משה קאָרדאָווערא קומט און זינגט צו הויכער מוטער.

קודם־כל איז עס נישט כאַראַקטעריסטיש פאַרן רמ״ק (ר׳ משה קורדובירו). איך ענדער די דאָזיקע שורה אַזוי:

און ס׳קומט אַן אַלטער בעל־ח״ן און זינגט אַרויף צו היכלות.

(זע ווייטער, אין די באַמערקונגען צו באַזונדערע לידער).

**אַני מאמין בביאת ישראל**, (זייט 607), **שורה 5 פון אויבן:**

חכה אחכה לו — ווארט איך בכל יום.

איך זע נישט אײַן, פאַרוואָס איך האָב דאָ געדאַרפט אינדיווידואַליזירן דעם אַנגענומענעם נוסח. די שורה דאַרף זיך לייענען אַזוי:

עם כל זה אחכה לו — ווארט איך בכל יום, א. א. וו.

---

## עטליכע פּרעציזירונגען

**די ליבע און דאָס שטאַרבן**, באַנד 1, זייט 60, שורה 3:

באַגליקט וויל עס פאַלן אויף דיין העלער האַנט.

געבויט אויף דעם, וואָס אין יידיש פּאַלט דאָס אויג אויף עפּעס... אָבער קלערער (הגם ווינציקער בילדליך) וועט זיין אַ פריערדיקע ווערסיע:

באַגליקט וויל עס ר ו ע ן אויף דיין העלער האַנט.

***

**אַמאָל אין פּוילן**, באַנד 1, זייט 100:

דער מאָטאָ צום ליד: „אַ רויז אויפן דאַך, אַ ליכטיקע נאַכט" איז פּאַקטיש גענומען פון אַ חדר־ליד (געבראַכט צווישן די חדר־לידער ביי גינזבורג און מאַרעק), וואָס איז אַ מין נאָנסענס־לידל, אָבער ביי מיר איז די „רויז אויפן דאַך" געמיינט ווי אַן אַי־מאַזש פון דער לבנה. פון פּרעציזקייט וועגן ברייטער איך אויס די שורות אין טעקסט: אַ רויז אויפן דאַך, אַ ליכטיקע נאַכט (זייט 101, שורות 13־14), אַזוי אַז עס דאַרף דאָרט געלייענט ווערן אַזוי:

אַ לבנה — אַ רויז,
אַ רויז אויפן דאַך.
אַ לבנה אַ רויז,
אַ ליכטיקע נאַכט.
א. אז. וו.

***

**וואַרשע אין 1912**, באַנד 1, זייט 119, שורה 9 פון אונטן:

איבער־ערדישע.

פון קלאָרקייט וועגן רעסטאַווריר איך דאָ אַן אַרויסגעוואָרפענעם „ווי". די שורה דאַרף געלייענט ווערן: ווי איבער־ערדישע (צוזאַמען מיט דער פריערדיקער שורה: קוקן די לענגלעכע אויגן די פּערדישע / ווי איבער־ערדישע).

אין זעלבן ליד, זייט 120, שורה 12:

די ליפּן אין אַ טרייבל.

אַ קאַלאַריט־מעסיקער רוסיציזם: גובי וו' טרובאָטשקו — ד. ה. ליפּן צענויפגעלייגט אין דער פאָרם פון אַ טרייבל — לשם „קאָקעטעריע".

אויף דער זעלביקער זייט, שורות 12 און 13, ענדער איך אַזוי:

זי פאַרקיילעכיקט די ליפּן ווי אַ גרעשל, קאָקעטירט צעטראָגן...
פלוצלינג לאַכט זי צו דעם בחור הויך, נערוויאיש...

***

**אחרית־הימים**, באַנד 1, זייט 138, שורה 8:

וואָס וויל ער, דער מענטש?

פּרעציזער וועט דאָרט זיין:

וואָס ז ו כ ט ער, דער מענטש?

***

**אָדם, שבת, משיח**, באַנד 1, זייט 183, שורה 2 פון אונטן:

אָט איז דיין הימל־ווייב, דו מענטש.

כאָטש ס'איז קלאָר, אַז דאָס ווערט געזאָגט צו אדמ'ען, וואָלט געווען פּרעציזער, ווען עס שטייט דאָ:

אָט איז דיין הימל־ווייב, דו מאַן.

***

די פּאָעמע **ר' נחמן**, באַנד 2, זייט 380:

דער חכם און דער תם אין ר' נחמנס באַרימטער מעשה האָבן זיך יונגערהייט שטאַרק ליב געהאַט, און שפּעטער, ווען זיי גייען זיך פונאַנדער, ווערט אייגעמס לעבן אַ מין פּירוש אויפן צווייטנס. אין ר' נחמנען גופא טרעפן זיי זיך בזה האופן: „ער מוז כסדר דער נאַרישער חכם זיין, כדי דער קלוגער תם צו זיין". דערפון — די באַטאָנונג, אין דער פּאָעמע, פון דער ברודערשאַפט, דהיינו גאָר באַזונדערער נאָענטקייט, צווישן די קאָנטראַסטן חכם און תם, וואָס זיינען אין דער אמתן צוויי זייטן פון איין ענין. איך האַלט אָבער, נאָכן איבערקוקן די פּאָעמע איצטער, אַז — פון פּרעציזקייט און קלאָרקייט וועגן — האָט געדאַרפט, אויף איין אָרט אָדער צוויי, צוגעגעבן ווערן צום „ברודער" דער אַדיעקטיוו: גוטער.

זייט 381, שורה 15:

קומט אָן דער ברודער זיינער, דער תם.

אַנשטאָט דעם דאַרף זיין:

קומט אָן דער גוטער־ברודער זיינער, דער תם.

דאָרט, שורה 5 פון אונטן:

אַ טרער איבערן ברודער זיינעם פאַרגיסט ער.

אַנשטאָט דעם דאַרף זיין:

אַ טרער איבערן גוטן־ברודער זיינעם פאַרגיסט ער.

# באַמערקונגען צו פאַרשיידענע לידער אין די ערשטע צוויי בענד

פּעדעם פון סוף זומער, באַנד 1, זייט 26, שורה 3 פון אונטן:

א מלאך א פרומער.

„אַ מלאך אַ פרומער" קאָן, אין פלוג, אויסקומען איבעריק („וועלכער מלאך איז נישט קיין פרומער?"), ס'איז אָבער נישט אַזוי, וואָרום די באַצייכענונג מלאך גייט ביי אונדז אויך אויף דעם שטן, אויף מלאכי־חבלה וכו'. דאָ איז נויטיק געווען דער עפּיטעט לשם קאָנטראַסט צו דער נשמה, דער „לאַנג שוין גע'שמד'טער".

**
*

אַ כרוב, באַנד 1, זייט 29, שורה 2:

ווען ס'שטייט די זון אין ווינקל מערב
און ס'זאָגט אַ שר מיט איר „ה מ פּ י ל".

דאָס בילד איז עלול נישט פאַרשטאַנען צו ווערן.. די זון ווערט קליין, און אַ שר זאָגט מיט איר המפּיל — ווי מע זאָגט קריאת־שמע מיט אַ קליין קינד. זי שלאָפט איין באַלד און אויפּאַמאָליק, „איר אַפּל" — דער אַפּל פון אויג („אישון בת־עין").

**
*

מתים, באַנד 1, זייט 27:

באַלד קומט דער טויט און קרייט
און מיין נאַכט פאַרגייט.

דער טויט איז דאָ דער וועקער, דער וועק־האָן, וואָס זאָגט אָן נאַכט־פאַרגאַנג (אויפהער פון דעם לעבנס נאַכט); די מתים, וואָס מיט זיי „בין איך פול ווי ביינאַכט אַן אַלטע שול", וועלן צוריק פאַרקריכן אין די קברים ווי נאָר די נאַכט פון לעבן וועט אַריבער — און זיי „נעמען מיך מיט".

**
*

גלגולים־ליד, באַנד 1, זייט 38, שורה 2:

בין איך אָפּגעווען אַ קרעט.

קרעט (אַזוי אויף פּויליש) = מוילוואָרף. קראָט, עפּטער גענוצט, איז אַ פאָרם אַ רוסישע.

**
*

אַ לבנה אויפן דערפל, באַנד 1, זייט 45, לעצטע צוויי שורות:

יאָגט איר נאָך אַ שוואַרצער כומר:
ס'יאָגט איר נאָך אַ קלויסטער.

דער שוואַרצער כומר, וואָס יאָגט־נאָך די לבנה, איז דער קלויסטער.

**
*

רות, באַנד 1, זייט 51, די לעצטע שורות.

א, וואונדער, וואונדער! — געשמידט האָט גאָט שוין
אַ כסא־מלוכה;
און ערגעץ האָט שוין
די קרוין פון בן־ישי געבלאַנקט.

ווי אין „גאָט שוין" פאַלט דער אַקצענט אויף „גאָט", אַזוי פאַלט ער אויפן „האָט" אין „האָט שוין".

***

לבנה־שרעק, באַנד 1, זייט 67, שורה 11:

און פאַרברענט מיט אירע פלאַמען.

די לבנה איז דאָ תחילת נישט קיין ברענענדיקע: איר פּנים איז רויגן־געל, נאָר אַז זי זאָל זיך אַ וואַרף טאָן פון דער הויך — וואָלט זי מיטן כוח פון דער נפילה אויפגעריסן, אויפגעפלאַקערט און פאַרברענט סיי זיך, סיי דאָס דאָרף.

***

אַ חלום פון נאָך מאַידאַנעק, זייט 78, קאַפּיטל ב׳, שורות 3־4:

טאַנטע סכנה וואוינט דאָ מיט אונדז,
טאַנטע סכנה לאָזט הארציק גריסן.

אַ פאַרשטעלטער אופן פון שרייבן, געניצט אין בריוו פונעם געטאָ (איך האָב געקראָגן בריוו פון וואַרשעווער געטאָ ביז אַמעריקע איז אַריין אין קריג).

דאָרט, זייט 79, קאַפּיטל פ׳, שורה 7:

כ׳קען אַ צייט פון ל י ק ו י ־ ג אָ ט.

יאָרן נאָכדעם, ווי די שורה איז געשריבן געוואָרן, איז אַרויס מאַרטין בובערס אַ בוך (אויף דייטש) מיטן נאָמען: „גאָטעס־פינסטערניס". דערזעלבער אויסדרוק, — אומאָפּהענגיק, פאַרשטייט זיך, פון מיין ליד.

***

דער מקובל אין שויך־קעלער, באַנד 1, זייט 160, פאַר־לעצטע שורה:

ס׳שלאָגט זיך גוג מיט מגוג.

ס׳דאַרף זיין:

ס׳שלאָגט זיך גוג א ו ן מגוג.

אויף די חורבות, באַנד איינס, זייט 96:

גוג׳ן — לייען: גאָגן (נישט: גויגן).

# באַמערקונגען צו: זינד און טויט פון דער־האַן, דעם קראַנקן ייד
## (באַנד 1, זייט 104)

זייט 105, שורה 8 פון אונטן:

**אַ, ווי רעצפּטלעך קורצע שרייב איך זיי — צוויי צײַלן אין אַ ליד**

געמיינט יענע קליינע צוויי־צײַלערס, וואָס דער־האַן האָט ליב געהאַט צו שרייבן.

אגב, אין דער שורה 13 (פון אויבן):

**כ'בין קראַנק און קיין שום קראַנקס איז מיר נישט פרעמד, די האַלענדערין לענדיקע**

ווערט „האַלענדערין" געלייענט מיטן אַקצענט אויף דער ערשטער זילב. אַזוי אויך אין דער ערשטער שורה פונעם ליד: מיין האַ'לענדיש קאַלט ווייב.

זייט 108, קאַפּיטל ט', שורה 9:

**דערפרייט באַהעפט זיך מלכות מיט יסוד.**

בעת דעם זיווג פון זעיר־אַנפּין מיט נוקבא, ווערן מלכות און יסוד אַזוי צונויפגעבאַהאַפטן, אַז זיי ווערן גערעכנט ווי איינס.

דאָרט, שורה 11:

**אדם ווערט פאַרגעטלעכט און מט"ט פאַרמענטשלעכט.**

מט"ט איז אַ פאַרקירצונג פון מטטרון.

***

**ראַביאַ, באַנד איינס זייט 30:**

דער נאָמען ראַביאַ — דרייזילביק (חיריק אונטער יוד), ערשטע זילב אַקצענטירט.

***

**דער טויט, באַנד 1, זייט 288, די לעצטע צוויי שורות:**

**טוב מאד —**
**זה המות.**

והנה טוב מאד — והנה טוב מות... אמר ר' שמואל בר יצחק:... והנה טוב מאד — זה מלאך המות... (בראשית רבה).

**אַ זמר, באַנד 1, זייט 291:**

די רוסישע סאָלדאַטסקע ווערטער: ראַד סטאַראַטסיאַ! גיב אַ פּריקאַז — אין גייסט פון יענע חסידישע לידער, וואָס נוצן סאָלדאַטישן רוסיש אויפן סמך פון „מלכותא דארעא כמלכותא דרקיעא" („העי, נאַשאַ יעווריעסקאַיאַ סלוזשבאַ טשערנאָבילסקאַיאַ"). — כדין וכדת (אַנשטאָט: כדת וכדין) — אַ ליצענציאַ פּאָעטיקאַ צוליב גראַם.

# עטלעכע באַמערקונגען צו דער פּאָעמע „יוסף דילה רינה"

## (צווייטער באַנד, זייט 327)

די מטרוניתא (אַקצענט אויף דער צווייטער זילב), די שכינתא תתאה (לייען שכינטע טאַטאַע), איז געקומען זאָגן דילה־רינהן, אַז: „לילית איז אין גלות! ווילסט משיחן — מוסטו אויסלייזן נישט מיך, נאָר זי". ווי נאָר זי ווייזט זיך (זייט 348) הויבן־אָן די „צען גרויסע רעדער שיין", וואָס „רעדערן זי איין", מיט אַן אָפּשפּרונג קעגן די בייזע כוחות („שברירי, ברירי, רירי, רי" איז אַ שפּרוך קעגן שדים). שפּעטער לייגן זיי זיך אויס איר צופוסנס „ווי שעפּער־הינט געטרייע": זיי היטן. פריער איז די שכינה „איינגערעדערט" און דילה רינה מיט זיינע תלמידים פאַלן פאַר איר אויפן פּנים; שפּעטער, ווען זי הייסט זיי אויפשטיין און די רעדער שיין לייגן זיך אויס איר צופוסנס, פאַרשטעלט זי דאָס פּנים מיט די הענט.

אגב, זייט 332, שורה 2 פון אונטן: — — אין שוואַרצע יאורות. בעסער איז: יאורים, כאָטש אויך די פאָרם יאורות איז דאָ.

זייט 350:

## געבויר מיט איר דאָס קינד, נעם אײַן יריחו.

יריחו איז ביי מיר תמיד אַ סימבאָל אַ נעגאַטיווער (אין דער קבלה — גאַנץ אָפּט פּאָזיטיוו). עס איז די טומאה, וואָס דאַרף, ווי די ביבלישע שטאָט, ווערן איינגענומען און פאַלן פאַר דער מאַכט פון גאולה. למשל (באַנד 2, זייט 618, די לעצטע צווי שורות): „דער אדם וואָס וועט אומוואַרפן יריחו — מלכא משיחא". (לייען: יעריכע, מעשיכע).

עס דאַרף אויך באַמערקט ווערן, אַז מדבר איז, פאַרקערט, פּאָזיטיוו (זע די ערשטע זייט פון דער פּאָעמע: „ס'איז אין מדבר געוואָרן נתגלה די תורה די כלה", א. א. וו.). דאָס שטימט נישט מיט דעם נעגאַטיוון מדבר־סימבאָל אין דער קבלה; כ'בין אין דעם פּרט באַאיינפלוסט פון דעם מהר"ל מפּראָג.

***

### דער צאַר און דער תניא, זייט 373, שורה 9:

## חכמה — דעת — בינה.

דער סדר (חכמה — בינה — דעת) געביטן צוליבן גראַם.

פּאַוועל, וואָס אין געשיכטע־ביכער פון די צאַרישע צייטן איז געשטאַנען, אַז ער איז „פּלוצלינג געשטאָרבן", איז געוואָרן אומגעבראַכט בעת אַ פּאַלאַץ־פאַרשווערונג.

***

### אויטאָ־פּאָרטרעט, באַנד 1, זייט 535:

א) שורה 13:

## און ווען איך, קבלהניק און צייטונג־מאַן צוגלייך

דאָס וואָרט „ווען" איז דאָ איבעריק. דאַרף זיין:

## און איך, קבלהניק און צייטונג־מאַן צוגלייך.

ב) שורה 2 פון אונטן:

זינליך־אבסטראקטער, אידעאַ־פּלאַסטישער סעקטאַנט.

אַזוי האָב איך זיך געזען אין יענער צייט. אידעאַ־פּלאַסטיש, ד. ה. צעגוי־פגיסנדיק אידייע מיט פּלאַסטיק. — מיין היים־נאָמען איז געווען תמיד אָרליק, פּאַרצויגן פון אהרן; אַ פאָרם פאַרשפּרייט צווישן יידן אין ווייס־רוסלאַנד.

ג) דאָסזעלבע ליד, זייט 536, שורה 9:

אַוואַטשאַ איז דער נאָמען פון פראַנקס טאָכטער. אין די יונגע יאָרן האָב איך פאַר־עפנטלעכט די דראַמאַטישע מיסטעריע: יעקב פראַנק (פאַרלאַג ב. קלעצקין). כ׳האָב אַריינ־געטייטשט אין פראַנקן זאַכן, וואָס האָבן זיך אים אַפילו נישט געחלומט.

ד) שורה 8, דיזעלבע זייט, איז אויסגעבעסערט געוואָרן אויבן, אין:
„איינציקע אויסגעבעסערטע שורות".

***

מערדער פון געשפּענסטער, זייט 552, שורות 6 און 7 פון אונטן:

ס׳וואָלט מיר צו־ניץ געקומען גריילעך
אַ געשפּענסטער־מערדער, אויב — ס׳איז דאָ אַזאַ ספּעציאַליטעט.

דאָס וואָרט „ספּעציאַליטעט" איז דאָ אַ באַוואוסטזיניקער פּראָזאַאיזם. ס׳זיינען דאָ ביז היינט מענטשן, וואָס ווייסן נישט, אַז „פּראָזאַאיש" ווערטער זיינען נישט בלויז דערלויבט אין אַ ליד, נאָר זיינען אין אַ ריי פאַלן אויך קינסטלעריש נויטיק. ס׳איז בכלל נישט שייך קיין חרם אויף ווערטער אין פּאָעזיע, אויפן שטייגער ווי מ׳האָט דאָס געטאָן, למשל, אין פראַנקרייך אין די צייטן פון פּסעוודאָ־קלאַסיציזם, ווען אַזאַ וואָרט ווי „אַ קו" האָט מען אין פּאָעזיע נישט געטאָרט נוצן, מחמת ס׳איז פאָרגעקומען צו־פּראָזאַאיש. ערשט וויקטאָר הוגאָ האָט דאָס וואָרט מתיר־געווען. נאָך אין צייטן נאָענט צו אונדזערע האָט סטיווענסאָן, דער ענגלישער דערציילער, אין זיין עסיי וועגן וואָלט וויטמאַנען, געהאַט טענות צו ווייט־מאַנען הלמאי ער נוצט אַזאַ „פּראָזאַאיש" וואָרט ווי „העטער" — היטלמאַכער.

***

לעבעדיקע און טויטע, באַנד 2, זייט 570, שורה 2:

די „אַלטע טיף־אויגיקע קאָנדוקטאָרן" זיינען די געהיימע כוחות, וואָס קענען אַלע אַפּטיילונגען פון דעם „צוג" און וואָס ריידן — האָבן תמיד גערעדט — צו איינצלנע פּיין־געהעריקע פּאַסאַזשירן...

***

איבער דיין קבר וועט הימלען, באַנד 2, זייט 594, לעצטע שורה:

דער ווערב הימלען ווערט דאָ גענוצט נישט ווי אין פאָלקס־יידיש (פגל. „הימלט ד׳אָרעמע סעודה" ביי פּרצן), נאָר פּאָזיטיוו: איבער דיין קבר וועט הימלדיק זיין.

***

**געבעט**, באַנד 2, זייט 605, שורות 3 און 4 פון אונטן:

דעם שטנס שטאָלצע תיפלה׳ם
צושטער — און שענק אונדז שיפלות.

שיפלות ווערט דאָ גענוצט אין חסידישן זין פון וואָרט: טיפע שבירת־הכלים־דיקע הכנעה, ביטול־היש, להיפוך צו די „שטאָלצע תיפלה׳ס״.

---

## אויסשפּראַך פון העברעאישע ווערטער

העברייאישע ווערטער אין מיינע לידער ווערן אַרויסגערעדט לויט דער אָנגענומענער יידיש־פאָנעטיק און דערפון אַזעלכע גראַמען, ווי: המפּיל (האַמאַפּל) — אַפּל; תיפלה׳ס טיפלעס) — שיפלות (שיפלעס); היכן — גדלות דמוחין (רייד אַרויס: גאַדלעס דע־מאָיכן); גראָזן — רזי־רזין (ראָזעי־ראָזן); כולו זכאי (קולע זאַקע) — דממה דקה (דמאָמע דאַקע); פּרדס (פּאַרדעס) — מכות־מרדות (מאַקעס מאַרדעס); עולימתא שפּירתא אולימטע שאַפּירטע) — פּאַרפּירטע; אָ, רויז אין הויז פון קונה (קאָינע, באַשעפער) — שושנה העליונה (שאָשאַנע האָעליאָינע). אַזוי אומעטום.

מלאך דומה ווערט געגראַמט מיט: יתומה, ווייל כאַטש קאָרעקט איז: דומה (מיט אַ מלאפום, איז עס אָבער אויף יידיש: מאַלאַך דוימע. איך שרייב אויף יידיש: הפטורה (האַפטוירע), כאָטש קאָרעקט איז: הפטרה (האַפטאָרע), א. ד. גל.

אַן אויסנאַם: הבל־הבלים. נישט: העוועל־האַוואָלים, ווי דאָס פאָלק זאָגט, נאָר: האַווייל (אַקצענט אויף צווייטער זילב) האַוואָלים. פּגל. ס׳ליד „קוואַדראַט אין אַ קוואַדראַט״, באַנד 1, זייט 17, ערשטע שורה פון צווייטער סטראָפע: נישט איינמאָל זאָגנדיק: הבל הבלים.

אגב, די מעטריק גופא זאָגט דאָרט עדות, ווי אַזוי „הבל־הבלים״ ווערט געלייענט.

**
*

בעל־קבין (זיבן היכלות פון אָטעם״ — אין איצטיקן באַנד) דאַרף ווערן געלייענט: באַל קאַבן.

אין לשער — ווי: איין לעשאָיער.

---

## נאָך באַמערקטע דרוק־פעלערס

### (אַ צוגאָב צו: „באַמערקטע דרוק־פעלערס און אַ פּאָר הערות״, סוף צווייטער באַנד, ז״ז 629 — 630)

א) „געשריבן אין האַוואַנע אין די ערשטע וואָכן פון קריג״, באַנד 1, זייט 228, שורה 4 פון אונטן. על־פּי־טעות געדרוקט: מיין ווייַן איז געקלעטערט. דאַרף זיין: מיין ווייַן איז געקעלטערט.

ב) צושריפט צום ליד פון האַוואַנע 39׳ — אין ניו־יאָרק 46״, דאָרט, זייט 229, שורה 6 פון אויבן, געדרוקט: ווּעט עשו אויך אים דערלאַנגען סמאַליע; דאַרף זיין: ווּעט עשו אויך אים דערלאַנגען אַ סמאַליע.

ג) „אויפן קבר פון שרה אהרנסאָן אין זכרון־יעקב", זייט 208, ערשטע שורה. געדרוקט: אין בית־עולם־גריז דעם טיפן; דאַרף זיין: אין בית־עולם־גראָז דעם טיפן.

ד) „לבנה און הונט", באַנד 2, זייט 534, שורה 7. געדרוקט: ניט שלעכטע לבנה דעם הונט אַ מעסט־אָפּ; דאַרף זיין: ניט שלעכטע לבנה, א. א. וו.

ה) דערזעלבער גרייז אין „זון פון האַרבסט", באַנד 2, זייט 582, שורה 4. געדרוקט: און ניט אונדז אַלע טרינקען; דאַרף זיין: און גיט אונדז אַלע טרינקען.

ו) „צו גאָט געהערט די נאַכט", זייט 595, ערשטע שורה: גיי צייכן אויף, דו ווייסער. — דאַרף געלייענט ווערן מיט אַ צירה אונטער די יודן: ווײַסער.

ז) אין „אַ זון אַ צווייטע", באַנד 2, זייט 611 שורה 6, דאַרף זיין: דעם מערבֿ׳ס צאַרניקער (נישט: צאַרניקער) שאול־תחתית. „גרים" אין שורה 4 („דעם מערבֿ׳ס גרים") מיינט: צאָרן.

**
*

אין דעם מאָטאָ צו: „נצחיאל", באַנד 1, זייט 170, אַנשטאָט: ועת צרה היא ליעקב א. א. וו., דאַרף שטיין: כי עת צרה היא, וכו׳.

**
*

„פון פרי באַגינען ביז שפּעט בײַנאַכט", זייט 542, אין דעם מאָטאָ, דאַרף נאָך: „מבוקר לערב יוכתו" קומען קיין קאָמאַ, נאָר דריי שטריכן. ס׳איז נישט איין פּסוק, נאָר דער אָנהייב פון פּסוק כ׳ אין איוב ד׳ און דער סוף פון פּסוק כ"א אין דעמזעלבן קאַפּיטל.

# נאָך באַמערקונגען צו די לידער (מילואים)

יוגנט־ליד, באַנד 1, זייט 10, נאָך שורה 5 פון אויבן, פעלט אַ שורה: אַלץ איז נעגל, אייביק נעגל. ערשט דערנאָך קומט די לעצטע שורה: בעסער שטאַרבן.

שעה׳ן, באַנד 1, זייט 15: — צו דער פרוי נירוואַנע׳ן. „פרוי נירוואַנע" — איראָניש.

רעגנס, דאָרט, זייט 62, שורה 5 פון אונטן: און ס׳פערד, וואָס קניט אין בלאָטע אונטערוועגנס; לייען דאָ „אונטערוועגנס" מיטן אַקצענט אויף דער צווייטער זילב.

לבנה־שרעק, דאָרט, זייט 66 — געדרוקט: וועלפּיש שאָטנס זיך דאָס דערפל. דאַרף זיין: וועלפּיש שאָטנט זיך, א. א. וו.

הויך איבער די שלאַכטן, דאָרט, זייט 75. — דער סוף, וואָס דער מלאך זעט, איז דער אחרית־הימים, ווען ס׳ווערט קלאָר גאָטס פּלאַן.

אַ חלום פון נאָך מאַידאַנעק, דאָרט, זייט 79 (קאַפּיטל ג׳): בדליכא, לייען: בידעלעקאָ.

די לעצטע ווייטקייט, דאָרט, זייט 99, שורה 6 — טערעזע ראָזנבוים — אַ יידיש־דייטשישע שריפטשטעלערין, געלעבט יאָרנלאַנג אין וואַרשע, געגעבן לעקציעס אין ליטעראַטור; אַן אָפּטע אײַנגייערין צו אונדז אין שטוב.

**
*

זינד און טויט פון דע־האַן, דעם קראַנקן ייד, דאָרט, זייט 105. — קאַפּיטל ב׳, שורה 9: צו זיך אין פּאַדערהויז און אָנגעשטעקט מיט לויעס. — לויעס (אַקצענט אויף ערשטער

זילב) — סיפיליס. פאַרגלייך: געלט — אויף ווייב, ווייב אויף לועס געביטן (באַנד צוויי, זייט 542, אין ליד: פון פרי באַגינען ביז שפּעט ביינאַכט).

אין דער זעלבער פּאָעמע, זייט 110, שורה 12 פון אויבן: ביי ר׳ חיים. געמיינט ר׳ חיים זאָנענפעלד, ירושלימער רב.

*****

דעם יידנס זייגער, באַנד 1, זייט 139, קאַפּיטל א׳, שורה 4: און בעט מיך, איך זאָל זי דיכטן. — יאָרן נאָכדעם ווי די דאָזיקע שורה איז געדרוקט געוואָרן און אַ שטיק צייט נאָכדעם ווי ס׳איז געדרוקט געוואָרן אַן אַנדער ליד — מיסטעריע (דאָרט, זייט 163), וואו די לעצטע שורה איז: „באַשטימט דאָס ליד דיינס צו לידן״, — האָט אַ יידישער דיכטער פאַרעפנטלעכט אַ ליד, וואו אַ שורה האָט זיך געלייענט אַזוי: און בעט מיך, איך זאָל זי לידן.

*****

אַרמילוס, דאָרט, זייט 174. — לייען „אַרמילוס״ מיטן אַקצענט אויף דער צווייטער זילב.

*****

גאַרנישט אויסער ווערטער. דאָרט, זייט 185, שורה 13, פון אונטן גערעכנט: די געשטאַלט. — „געשטאַלט״ ווערט אין מיינע לידער צייטנווייז גענוצט אויף אין ווייבליכער פאָרם, כאָטש קאַרעקטער איז דער נויטרום.

*****

הספד אויף אַ סינסאָנטע. — זייט 233: באַך פראוודו ווידיט, דאַ ניעסקאַראַ סקאַ־ ושעט. גאָט זעט דעם אמת, נאָר נישט באַלד זאָגט ער אים. טאָלסטאָיס אַ דערציילונג.

*****

## באַנד צוויי

דאָס יאָר 1492 (זייט 400). — היסטאָריש איז דער חרם אויף שפּאַניע נישט באַוויזן געוואָרן. — דע־טאָרעס (לייען „טאָרעס״ מיטן אַקצענט אויף דער ערשטער זילב) האָט סך־ הכל דריי טעג פאַרן אָפּפאָר פון קאָלומבוסעס שיפן אָנגענומען למראית־עין די קריסטלעכע אמונה, כדי צו קאָנען מיטפאָרן מיט אים. — לייען „סאַנטאַנכעל״ מיטן אַקצענט אויף דער צווייטער זילב.

אַ מאַלאַריע־נאַכט, זייט 410, קאַפּיטל ד׳. — אַן ארץ־ישראלדיקע האָראַ האָבן מיר די ערשטע צייטן גערופן אין פּוילן: אַ הוירא. דערפון — די פאָרם הוירע.

געזאַנג לכבוד ירושלים עיר הקודש, זייט 443, שורה 6, פון אונטן גערעכנט. דער אור, וואָס האָט אין אור־צייט אויפגעהעלט. לייען: דער אָיר, וואָס האָט אין אור־צייט, א. א. וו.

צפת — היינט, זייט 456, צווייטע סטראָפע: פון טיף, פון אַלט, פון „שפע טל״, פון קורדובירו (לייען: קאָרדאָוועראָ) און וויטאַל. — דער מחבר פון „שפע טל״, ר׳ שבתי שעפטל הורוויץ פון פראַג, האָט נישט געהערט צום צפת־קרייז, אָבער אין זיין באַ־ רימטן קבלה־ספר איז ער אַ תלמיד פון קאָרדאָוועראָ (מיט אויבער־טענער פון קבלת האר״י). — „דער אַלטער וויין זוכט ס׳נייע פאַס״. „פאַס״ איז (אין פּוילישן יידיש) נויט־ רום (למשל, אַ צעלעכצט פאַס).

*****

פיר סטראַפן, זייט 459, שורה 2 פון אויבן: וואָס מיר קאָנען פון אונדזער לעבן גאַרנישט מאַכן. וואָס מיר קאָנען — הייסט עס — גאָרנישט מאַכן פון (מיט) אונדזער לעבן.

**
*

משיח בן מאַידאַנעק, זייט 483: אַ דאָפּלטער סאָנעט.

**
*

קאַסמישער צענויפטרעף, זייט 549, שורה 2 פון אונטן: און לאָזן זיך שפּאַצירן מיט דער גרעפּין. — „גרעפּין" ווערט געלייענט ווי: גרעפן (גראַם צו: טרעפן).

**
*

ברינדיזי 1921, זייט 577, שורה דריי פון אויבן, געדרוקט: קאַראַ מיאַ. אַנשטאָט „מיאַ" דאַרף זיין: מיאַ (פּתח אונטערן אַלף). „בשר ודם" אין דעם זעלבן ליד — לייען: באָסאַר וועדאַם (נישט וועדאַם).
לאַנדשאַפט פון גנאָד און קינדהייט, זייט 580, ערשטע שורה: קוק — און די אויגן לייטער! אונטער די צוויי יודן פון „לייטער" דאַרף זיין אַ פּתח (לאַיטער).

# באַמערקונג צו „שמואל ראש־מדינה" אין באַנד דריי

„שמואל ראש־מדינה" אין איצטיקן באַנד איז באַזירט אויף אַ געדרוקטן „מעשה נורא", — מיט צוגאָבן און ענדערונגען, אַן אייגענעם אויסטייטש און אַ פרייען באַנוץ פון פּרטים.

**
*

# צו „מטטרון"

ס'איז נישט קיין אויפטו סתם צו נעמען קבלה'שע פּאַרטיקייטן. אין „מטטרון", ווי אין אַנדערע זאַכן, ווערט דאָס קבלה'שע אינדיווידואַליזירט.
אגב, אין „מטטרון", אינעם ליד „אָריענט", זיינען אונטער „אַדאַליסן" געמיינט אָדאַ־ליסקעס.

# א י נ ה אַ ל ט


פאַרוואָרט צום דריטן באַנד ....... 7


## מטטרון


פאַרגעזאַנג ....... 13
א. אויב
ב. באַוועגער
ג. קרעשטשענדאָ
ד. גיכער
ה. אָריענט
ו. אַנטי נירוואַנאַ
ז. כלו כל־הקיצין־דיק
ח. שוינס
ט. בלעם — דער מענטש
י. גראָטעסק
יא. יאָרן פון אַנטשייד
יב. לעת־עתה
יג. פון וועלט־עק ביז וועלט־עק
יד. אָדע צו דער פרייהייט
טו. אחד
טז. אחר
יז. די העגט־זעאונג
יח. די זעאונג אין מדבר
יט. אַזוינס, וואָס בלוטיקט־מיט
כ. לעצטער חשבון
כא. אַנזאָג דער שטאָט
כב. בראשית פון דער נאַכצייט
כג. ניי־אדם
כד. געזאַנג פון עיגול און קוואַדראַט
כה. קץ
כו. ערשט נאָכגעזאַנג: אויב יאָ
כז. צווייט נאָכגעזאַנג: אויב נישט


## יידישע שדים און אַנדערע פּאָעמעס


יידישע שדים ....... 67
שמואל ראש מדינה ....... 95
די פאַרבאָרגענע אסיפה ....... 129


## זיבן היכלות פון אַטעם און אַנדערע לידער


זיבן היכלות פון אָטעם אָדער: דאָס
ליד פון די בעלי־קבין ....... 169
אָדם, דוד, משיח אָדער: דער סוד פון
אורי החתי און בת־שבע ....... 175
דאָס ליד פון די חשמלים ....... 178
דער מצרי ....... 181
נעשה אדם ....... 182
דער מקובל רעדט צו די תלמידים ....... 182
בלעם ....... 183
די טיר צום גאָרטן אין עדן ....... 183
תא חזי, אָדער: פון די האַלמאַי־ען
און די דערפאַר־ן ....... 184
דער אייזל־טרייבער ....... 185
דעם מלכ׳ס פורעם ....... 187
דער אר״י ....... 188
דאָס ליד פון ברונעם ....... 190
ר׳ אהרן סטאַראָשעליער ....... 191
פון דער פרייד, וואָס ווערט אײנס
מיטן ווייסן און וואָס אַנטפּלעקט
זיך אַמאָל אין וואָלקנס ....... 192
און ווען ס׳איז פון דער וועלט אַוועק
ר׳ שמעון ....... 193
אַ טרער און נישט מער ....... 194
פאַרקערטער גילוי אליהו ....... 194
נשמות לינקס, נשמות רעכטס ....... 195
רב נחמנס חלום ....... 196
ר׳ נחמן אין קאַמעניעץ ....... 201
רב נחמן צווישן קרייטער ....... 203
נענטער ....... 204
קדיש ....... 205

# צוויי געבעט־לידער


געבעט צו די מלאכים ........ 209
געשריבן אין יאַנואַר 1932 ........ 213


# ווייטערדיקע חורבן־לידער און די פּאָעמע אני מאמין


אַ נאָכגלאַנץ ........ 217
שטיגן ........ 217
אַ תּפילה קאָן איך ........ 218
גיב מיך פון ערגעץ ביים נאָמען אַ רוף ........ 219
אָפּדרוק פון וואַרשעווער ווינטער אין מאָנטרעאָל ........ 220
עלעגיע געשריבן אין די בערג פון אַדיראָנדאַק ........ 221
טרעבלינקער פּסח ........ 223
אַ השבעה ........ 224
קדיש נאָך מיר ........ 225
סאָנעט וועגן השארית־הנפש דורך שרעק ........ 226
איך האָב אויך פאַר דיר נישט קיין נאָמען ........ 227
הינערפלעט ........ 228
צום מענטש פון מיין צייט ........ 233
געשריבן אין 1946 ........ 234
אַ חלום ........ 235
קול און קעגן־קול ........ 236
די צוקונפטיקע מלכים פון ישראל ........ 236
די מושיעים ........ 237
אין טאָג פון זיין ווערן אַ בן־חמישים ........ 238
אַ ניגון, פון טאָטן געהערט ........ 239
דיאַלאָג ........ 240
תּפילה קודם התפילה ........ 243
אני מאמין ........ 244


# י ש ר א ל


געשריבן אין ניו־יאָרק בעת די שלאַכטן אין נגב ........ 251
ליד צום סאַבראַ ........ 252


# פ י ג ו ר ן


דריי גלגולים ........ 257
סעם דער אַטעאיסט ........ 261
דערציילונג וועגן דר. ליינוואַנדהענדלער ........ 262
פּיט ........ 266
חלום וועגן אַן אַלטן הומאָריסט ........ 267
פּאַרביי ........ 268
זומער נאַכט, 1954 ........ 269
די צווייטע שורה ........ 271


# לידער לחלוטין אָן אַ סדר, אַלטע און נייע


דראַמעס ........ 275
שטאָט־ביבליאָטעק ניו־יאָרק ........ 276
ליד פון דער בעל־סוד ........ 276
וואָס קומט דעם בוים דעם נאַקעטן צו־חלום ........ 277
אַ חלום דערמאָנט זיך און לאַכט ........ 278
דער שטומער פויגל ........ 279
כי אתה עמדי ........ 279
דער סוד ........ 280
פאַר זון־אַנטפלעק ........ 281
איידער נאַכט פאַלט צו ........ 281
שרעק פאַר טומאה פון אַ פרוי ........ 282
אַ שטערן אויף דער ערד ........ 282
אַ דערציילונג ........ 283
שורות געשריבן אין 1919 ........ 285
אַ ליידיקע דירה ........ 285
אַ פאַרשרייבער ........ 286
די צווייטע ........ 287
מיט זיי ........ 288
אין הימלען דיין בעט ........ 288
ווערטער פאַר מוזיק ........ 289
אַמעריקאַנער באַלאַדע ........ 290
אַ כמאַרעלע ........ 290
סאָנעט צום צעבראָכענעם האַלץ־מאַסט ........ 291
וואונדערלעכע בלינדשאַפט ........ 291
אַ פּאָעט ........ 292

וויסן דעם גאָרנישט ..... 293
ג׳אַגאַראַ ..... 293
פּילזן ..... 294
נאַקעט ..... 294
אַן איינזאַמער מענטש האָט דערציילט 295
דאָס עסק פון דעם עלנטן בן־אדם ..... 296
פון נישט צייטיקער פרוכט און פון
מלאכים וואָס זוכן אבידות ..... 296
תשעה באב ..... 298
געשטאַלט ..... 299
ריחות ..... 299
נו ? ..... 300
אשרי האיש ..... 301
אַ תהלים־ליד ..... 302
אַ פרומע פאַרצייטישע נאַכט ..... 302
וואו ? ..... 302
דער קאָצקער ..... 303
תשבותן טיפע ..... 303
דער פותר ..... 304
אַ ליד פון שפּיטאָל ..... 305
אייביק אין יענעם פאַרנאַכט ..... 305
אָפּשפּיגלונג ..... 306
נבו ..... 306
צווישן צוויי אָן אַ שיעורן ..... 307
די יונגפרוי אָן אויגן ..... 307
שלאַכטפעלדער ..... 308
טעקסטן צו פּיקאַסאָ ..... 309
דריי און אַ פערטער ..... 312
געשריבן אין דאָרף ..... 313
וואַנצן און אימפּעראַטאָרס ..... 313
און די אָבות וואָס רופן ..... 314
און קום איך אויף יענער־זייט אָן ..... 315
תפילה־גאַנג ..... 315
זי ..... 317
אַ מויז ..... 318
שאַנסאָן ..... 318
איר חלום וועגן דעם הויז פון שטומע 319
ליד וועגן ווייטקייטן ..... 322
דער העכסטער דערהויבנקייט׳ס ווידוי 322
נאָך הבדלה ..... 322
אַ שטעטלשע חופּה ..... 323
אַ גייסט ..... 324
ביים אָנבליק פון צפון־ליכט ..... 325
דער טויט איז אַ נסיעה ..... 326
די כוואַליעס אין זיינע אוקיינוסן ..... 326
דיין נאַכטס חלומות ..... 326
אַ סוד אין בראָד ..... 327
ראַטעווען די זון ..... 327
יענער־וועלטס יענע־וועלט איז די־וועלט 328
אַן אויסשטעל פענצטער אויף קאַנאַל
סטריט ..... 329
די געבורט פון מלחמות ..... 330
דאָס בילד פונעם אַנאָנים ..... 333
אויף אַ בראַסלאַווער מאָטיוו ..... 333
אַ צווייטער וואַלד ..... 334
אַנאַלאָגיע ..... 334
השארת־הנפש פון אַ ליכט, אָדער:
ס׳ווערעמל פון ארגמן ..... 335
שייכות ..... 338
די וואָג פון בחירה ..... 338
אַן עצבותדיק יוגנט ליד ..... 339
משפּט, אָדער: פון דער שייכות צווישן
חלום און טויט ..... 340
אַ בראַסלאַווער התעוררות ..... 341
איידער־וואָס־ווען׳יק ..... 341
צו זוכן ס׳קינד ..... 342
דערמאָנונג ..... 343
ענטפער ..... 344
אַ פויגל אַ קינד ..... 344
ס׳קינד אינעם דעמער ..... 345
אויב דו קוקסט אויף די שטערן און
געגעצסט ..... 345
ס׳וואַרטן אויפן מענטש ..... 346
דיר אָט די ווערטער, רחל ..... 347
גנאָד ..... 347
ערב אַ וועלט ..... 348
גלות דרויסן ..... 349
אין אַ האָטעל צימער ..... 350
דערמאָנונג פון אַן איבערלעבונג אין
פּוילן ..... 350
פון אַ חלום, וואָס איז מענטש געוואָרן 351
פאַר אַמאָליקסטע אַמאָלן ..... 352
דער חלום פון אוהעלער רבין ..... 352
אַ רעגנדל ..... 354
סענטימענטאַלער ראָמאַנס ..... 354
אויגן און אַ האַנט ..... 355
פון קבר אַרויס קרעכצט די משומדת 356
נאַכט הייבט אָן צו פרעגן ..... 356
קאָנטעמפּלאַציע אויף אַ שפּאַציר ..... 357
באַשרייבונג פון אַ חלום ..... 358
באַריכט פון אַ צווייטן חלום ..... 358
אלף־בית ..... 359
קריקצואוועגס ..... 360
מחוץ די העלפטן צוויי די ספעריקע ..... 360

די טירן פון דער וועלט ........ 360
דער מאָלער אין מערב ........ 361
ר׳ נחמן צו די חסידים ........ 362
שפּיגלונגען ........ 362
נאָך וועגן שפּיגלונגען ........ 363
אין וואַרשע, אַרום הויז, וואָס איז
פאַרברענט ........ 364
אַנומלט, ווען כ׳האָב וואָלקנס אָבסער־
ווירט ........ 365
אַ טעקסט, וואָס צו דער אייביקייט
געהערט ער ........ 365
אַ קרעכץ ........ 366
לויב ........ 366
פאַראַן אַ פּאַרלאַמענט ........ 367
פאַרפאַסט אין אַ ווינטערטאָג ........ 368
ליד פון נאָך־מאַידאַנעקשער אמונה ........ 368
מיין וואַרשע ........ 369
איינזאַמע דריי ........ 370


# איניקע טעקסטן פון די פּאַריקע בענד — איבערגעאַרבעט טיילוויז אָדער אינגאַנצן


שבתי צבי ........ 373
מנחם בן־עמיאל ........ 377
סולטאַן אל־יאַהוד ........ 380
מלאכים אויף אַ טאָג ........ 380
טויט ........ 381
פּאַריזער נאַכט ........ 382
רעאַל ........ 383
גלגולים ........ 384
בלינדער, געפירט פון אַ קינד ........ 385
גרייטקייט ........ 385


# אויסגעבעסערטע שורות — און פאַרשידענע באַמערקונגען צו די לידער


באַמערקונגען צו די לידער ........ 389